STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06016

OYFSHTAYG

Gershon Dua-Bogen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. באָגען (גרשון דוס)

אויפשטייג

ד. באָגען (גרשון דוא)

אויפשטײַג

פאַרלאַג יִדיש בוך װאַרשע 1956

D. BOGEN (GERSZON DUA)

WZLOT

Redaktor: H. SMOLAR

רעדאַקטאָר: ה. סמאָליאַר

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Redaktor techn.: I. SZCZYGIEŁ

טעכנישער רעדאַקטאָר: י. שטשיגעל

Korektor: B. SZAFER

קאָרעקטאָר: ב. שאַפער

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5991. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w czerwcu 1956 r.
Ark. druk. 15,25. Ark. wydawn. 13. Papier druk. mat. V kl. 61x86 cm. 80 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. 7-B-51914

אין דאָרף

די פעלדער זענען געלעגן ווייט צעוואָרפענע, גראָע, אַדורכגענעצטע פון רעגן, פאַרוואַלגערטע מיט פאַרשוואַרצטע שטיקער נישט צעגאַנגענעם שניי, וווּ ביים האָריזאָנט האָט זיך געבליבן א גענידערטער בעריאָזע־וואַלד. דאָס שמאָלע פּליסיקע טייכל האָט דורכגעשניטן דאָס דאָרף און אַוועקגעצויגן זיך טיף אין וואַלד. איינצלנע נידעריקע קוסטעס זענען אַראָפּגעוואַקסן נידעריק אין טייכל, געשפּיגלט זיך אין דער וואַסער־קלאָרקייט.

דאָס דאָרף איז געלעגן ברייט צעוואָרפן אין פעלד. די נידעריקע שמוציקע הייזער מיט די שטרויענע דעכער האָבן זיך איינגעבראָכן אין דער ערד, אייניקע האָבן פון אַלטקייט אָנגעבויגן זיך אין אַ זייט. גראָבע קלעצער האָבן אונטערגעהאַלטן די חורבות. די ברייטע לאַנגע דאָרף־גאַס, צעאַקערט פון טיפע גריבער, האָט זיך געוויקט אין בלאָטע. די זון האָט זיך שפּעט באַוויזן, גיך זיך אַראָפּגעלאָזט צום וואַלד. דער גרויער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט קלאָרע, קליינע פרילינגס־וואָלקנס. ס'האָט געטונקלט.

אויפן ברעג וואַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי רייטער. זיי האָבן זיך שנעל דערנעענטערט צום דאָרף. פון ערגעץ האָט זיך דערהערט דאָס הירזשען פון אַ פערד, דאָס אומעטיקע מוקען פון אַ קו. די רייטער זענען שטום אַריינגעריטן אין דאָרף. פון אַ כאַטע איז אַרויס אַ פרוי. זי האָט געוואָרפן אַ בייזן, אומצופרידענעם בליק אויף די רייטער און צוריק פאַרשוווּנדן אין הויז.

— זיי זענען שוין ווידער דאָ, די פאַרשאָלטענע, — האָט זי אַ זאָג געטאָן צום מאַן.

דער מאַן, אַ גרייז־גרויער מיטלווּקסיקער פּויער, האָט אומרואיק זיך אויסגעדרייט אויף דער באַנק.

— מע דאַרף צו וויסן געבן דימיטרין.

— אַזוי שפּעט, וויאַזוי?

— מע דאַרף עמעצן שיקן צו אים אין וואַלד.

— וועמען?
— אַנדרייען.
— אַנדרייען?! צו יונג נאָך צו אַזוינע זאַכן.
— ער איז קליין און קיינער וועט אים נישט באַמערקן... מע מוז אים געבן צו וויסן. כ'האָב היינט געטראָפן וואסילן, ער האָט געזאָגט, אַז דימיטרי האָט בדעה היינט אין אָוונט צו קומען אין דאָרף. די פּאָליציאַנטן וועלן מסתמא נעכ־טיקן ביים סאָלטיס.
די פרוי האָט זיך נערוועז געדרייט ביי דער פּליטע, געמאַכט פייער. איר פאַרעלטערט, צעקנייטשט געזיכט איז געווען פאַרדאגהט און בייז.
— דער סוף וועט זיין, אַז זיי וועלן אים כאַפּן. ווי לאַנג קאָן מען זיך אַזוי אויסבאַהאַלטן? ער איז שוין געל געוואָרן פון הונגער און קעלט. ס'וואָלט גלייכער געווען, ווען ער אַנטלויפט אַהין... ווי פּאַוועל. וואָלטן מיר אַלע דאָ רואיקער געווען.
דער אַלטער האָט מיט ביטל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.
— איך האָב שוין נישט איינמאָל מיט אים איינגעטענהט וועגן דעם. און תמיד דער זעלבער ענטפער: ער וועט נישט אַוועק פון דאַנען. דו קענסט דאָך די־מיטרין. קיין רייד וועלן דאָ נישט העלפן. גיי בעסער זוך אויף אַנדרייען. איך וועל אַ קוק טאָן צום פייער.
די פרוי האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ אַן אַלטע פּאַטשיילע און קרעכצנ־דיק פאַרלאָזן די כאַטע. דער אַלטער האָט שווער אָפּגעזיפצט, אַ קוק געגעבן אויפן פענצטער און בייז אויסגעשפּיגן.
— אָט האָסטו דיר נחת אויף דער עלטער פון אַן איינאונאיינציקן זון... — האָט ער מיט ביטערניש און פאַרדראָס צו זיך אַליין גערעדט.
פונוויטנס האָט זיך געהערט אַ בייז בילן פון דאָרפישע הינט.
די רייטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויס, ברוין הילצערן הויז. אויפן גאַנעק האָט זיי באַגעגנט אַ הויכער, ברייטפּלייציקער עלטערער פּויער מיט קליי־נע, בימרע שמייכלענדיקע אויגן און אַ פּאַטריאַרכאַלער ווייסער באָרד. ער האָט הכנעהדיק זיך טיף פאַרנייגט.
— איך גרים דעם הער קאָמענדאַנט. מיט וואָס האָב איך די ערע?
דער קאָמענדאַנט איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און צוגעבונדן עס צום פּלויט. דאָס זעלבע האָט געטאָן דער פּאָליציאַנט. דער קאָמענדאַנט, אַ הויכער, בלאָנדער, דרייסיקיעריקער מענטש אין אַ טונקל־בלויען פּאָליציי־אוניפאָרם, האָט זיך באַגריסט מיטן פּויער.
— פאַרבעט אונדז אין שטוב אַריין, דרויסן איז קאַלט.
דער פּויער האָט גאַסטפריינטלעך צעשפּרייט זיינע הענט און זיך ווידער פאַר־נייגט.

— איר זייט שטענדיק ביי מיר אַן אַנגעלייגטער גאַסט, — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט.

אַלע דריי זענען ראַש אַריין אין הויז. דער באַלעבאָס האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויס, ליכטיק צימער. קעגנאיבער דער טיר, אין ווינקל, איז געהאָנגען אַ גרויסע איקאָנע, לעבן וועלכער עס האָט געקאַפּשעט אַ שמוציק לעמפל. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך ברייט צעזעצט. דער קאָמענדאַנט האָט ווי צו זיך אַליין אַרויסגעבורטשעט:

— טייוואָניש קאַלט אין דרויסן.

דער באַלעבאָס האָט כיטרע אַ שמייכל געטאָן, געעפנט די טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ צווייט צימער, און אַריינגעשריגן:

— מאַרפאַ, זיי מכבד אונדזערע געסט.

דער קאָמענדאַנט האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן.

— צו דיר לוינט זיך כאָטש צו פאַרפאָרן, מאַטיוכע. מע קאָן זיך ביי דיר אָנוואַרעמען און אַ ביסל אָפּרוען פון דער פאַרשאָלטענער אַרבעט. וווּ איז גאַדקע?

אויפן באַלעבאָס געזיכט האָט זיך באַוויזן אַן אומצופרידענע גרימאַסע. מיט אַ פאַרשטיקט קול האָט ער אָפּגעענטפערט:

— זי איז אַוועק צו דער פּוילישער לערערין.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעקוקט.

— אַ פיינע טאָכטער האָסטו, מאַטיוכע.

דער באַלעבאָס האָט נישט געענטפערט, געפּאָרעט זיך אַרום די טעלער, געשניטן ברויט, אַרויסגענומען אַ פלעשל בראָנפן און שטום אַוועקגעשטעלט עס אויפן טיש. די פרוי האָט אַריינגעטראָגן צובייסנס, זיך שטיל באַגריסט און פאַרלאָזן דאָס צימער.

אַ לענגערע צייט האָט קיינער נישט גערעדט. די פּאָליציאַנטן האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט, געטרונקען. דער באַלעבאָס האָט געקוקט אויף זיי און געשוויגן.

אָפּגעגעסן, האָט דער קאָמענדאַנט האַסטיק זיך אויסגעדרייט צום באַלעבאָס.

וואָס הערט זיך אין דאָרף?

— אַלץ אין אָרדענונג.

— מיר ווייסן עפּעס אַנדערש...

— אַשטייגער?

— די קאָמוניסטן גרייטן עפּעס צום ערשטן מאַי, האָסטו נישט געזען קיין אויפרופן? איז דיר נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט קיין קאָמוניסטישע צייטונג? ניין? ביי דיר איז אַלץ אין אָרדענונג? און פוייערים האָבן עס יאָ געזען.

— קיין אויפרופן האָב איך נישט געזען. זיי וועלן דאָך מיר נישט זאָגן, אַז זיי גרייטן זיך צו עפּעס. איר ווייסט דאָך, אַז זיי היטן זיך פאַר מיר.

— מאַטיוכע, דו באַהאַלטסט עפּעס אויס פאַר דער מאַכט, — האָט דראָנג־דיק געזאָגט דער קאָמענדאַנט.

דער באַלעבאָס האָט פאַרצווייפלט צעפירט די הענט.

— איך ווייס נישט, וואָס דער הער קאָמענדאַנט וויל, אַלץ וואָס איך ווייס, גיב איך אייך איבער. איך קאָן שוין סיווי נישט אַדורכגיין די גאַס. אַלע שרייען מיר נאָך „פּוילישער אַגענט, פאַררעטער". די יונגנט דראָט אונטערצוציגדן מיר דאָס הויז. גאַדקען לאָזן זיי אין ערגעץ נישט צו, באַוואַרפן זי מיט זידל־ווערטער. איך אייגציקע באַקאַנטע אין די פּוילישע לערערין. און איר האָט אַלץ מעגות צו מיר.

— דו האָסט פאַרגעסן, מאַטיוכע, וויאַזוי דו ביסט געוואָרן סאָלטיס. מיר האָבן געהאָפט, אַז דו וועסט אונדז דערפאַר זיין דאַנקבאַר. דו שפּילסט אָבער, ווייזט אויס, אַ צווייידייטיקע שפּיל. קיינמאָל ווייסטו פון גאָרנישט, דרייסט זיך אַרויס פון געבן קלאָרע ידיעות. שטענדיק דאַרף מען ביי דיר עפּעס אַרויסקווע־טשן. מען איז מיט דיר אומצופרידן...

— איר ווילט, הער קאָמענדאַנט, אַז מע זאָל מיד סוף־כּל־סוף מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער?

דער קאָמענדאַנט האָט בייז אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— וואָס קלאָגסטו שטענדיק? אונדז דראָט יעדן טאָג דער טויט. און מיר מוזן פונדעסטוועגן אונדזער פליכט. זיי וועלן נישט וואַגן צו טאָן דיר שלעכטס, מיר וואָלטן דאָס גאַנצע דאָרף פאַרניכטעט... דו האָסט אויפגעמאָנט די שטראָף ביי די פּויערים?

— וואָס פאַר אַ שטראָף?

— דו מאַכסט זיך פאַרגעסן. דו האָסט דאָך באַקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז דער סטאַראָסטע האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף, 50 זלאָטעס, אויף די עלטערן פון די קינדער, וועלכע האָבן געזונגען אין שול ווייסרוסישע לידער און באַליידיקט פּילסודסקיס בילד. וואַשינסקי האָט דיר דאָך איבערגעגעבן די ליסטע פון די קינ־דער.

— הער קאָמענדאַנט, צווישן די עלטערן געפינען זיך אייניקע חשובע פּויע־רים, גוטע באַלעבאַטים, וואָס זענען נישט קיין בונטאָווששטשיקעס, עס וואָלט געווען אַן עוולה זיי צו באַשטראָפן.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אַ שמייכל געטאָן.

— איך פאַרשטיי, דו ווילסט, אַז דיינע גוטע פריינד זאָלן נישט ליידן. גוט, באַשטימט מיט וואַשינסקין וועמען צו באַפרייען, ביי די איבעריקע מוז די שטראָף אויפגעמאָנט ווערן.

די טיר האָט זיך פּלוצעם געעפֿנט און ס'איז אַריינגעלאָפֿן אַ פֿאַרוויינט יונג מיידל, אַ מיטלוווקסיקע שאַטינקע מיט העל־בלויע אויגן, מיט אַ קיילעכיק געזיכט און עטוואָס פולן קערפּער, אָנגעטאָן אין אַ שרייענדיק־העלן שטאָטישן מאַנטל. דער קאָמענדאַנט האָט זיך שנעל אויפֿגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו איר און געפּרווט זי אַרומנעמען.

— וואָס איז געשען, פֿריילן גאַדקע, פֿון וואַנעט קומען די טרערן אין דיינע אויגן?

גאַדקע האָט זיך לייכט אַרויסגעריסן פֿון אים.

— לאָזט מיך, ס'איז שוין אוממעגלעך אַדורכצוגיין די גאַס. יעדן טאָג שטיי איך אויס אַלץ אַנדערע באַליידיקונגען. הייַנט האָבן זיי מיך באַוואָרפֿן מיט בלאָטע און נאָכגעשריגן: „קאָמענדאַנטס קאָכאַנקע, מוסרניצע, פּראָוואָקאַטאָרשע“. — דאָס מיידל האָט זיך היסטעריש צעוויינט.

דער קאָמענדאַנט האָט אומבאַמערקט אַ שמייכל געטאָן, נאָר באַלד געמאַכט אַן ערנסט געזיכט.

— ווער האָט געשריען?

דאָס מיידל האָט אויפֿגעהערט צו וויינען און דערשראָקן אַ קוק געטאָן אויפֿן קאָמענדאַנט.

— איך וועל נישט זאָגן. איך האָב אַזוי אויך גענוג אויסצושטיין פֿאַר דימיטרין. אויב זיי וועלן געוואָר ווערן, אַז איך האָב ווידער גערעדט, וועלן זיי מיך דערהרגענען.

— האָב נישט קיין מורא, מירן ביי די קאָמוניסטן אָפּהאַקן די הענט.

ער האָט זיך דערנעענטערט צו איר און זי אַרומגענומען. זי האָט עס ווי נישט באַמערקט און געשטאַמלט:

— איך וועל נישט זאָגן, איך האָב מורא.

דער פּאָטער האָט זיך שטום צוגעקוקט צו דער דאָזיקער סצענע, נאָכגעשפּירט די באַוועגונג פֿונעם קאָמענדאַנט. ער איז האַרט צוגעגאַנגען צו איר.

— גיי אַריין, גאַדקע, צו דער מאַמען, העלף איר צו רעווען. מירן דערנאָך מיט דיר רעדן.

— און איר טענהט אַלץ, אַז איך בין צו ווייניק געטריי דער פּוילישער מלוכה! — אין מאַטיוכעס שטים האָט אָפּגעקלינגען אַ רציחה־טאָן.

דער קאָמענדאַנט האָט נערוועז געשפּרייזט איבערן צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעכאַפּט מאַטיוכען פֿאַרן אָרעם.

— דו זעסט אַליין, ווהין דיין וועג פֿירט. סיי ווי האַסן זיי דיך, סיי ווי וועלן זיי דיך רופֿן פֿאַרעטער. קיין גוט לעבן מיט זיי וועסטו שוין נישט האָבן.

מאַטיוכע האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן.

— איך בין אויף אַלץ מסכים, איך װעל זיי גישט מוחל זיין די באַליידיקונגען, נאָר מיין טאַכטער, הער קאָמענדאַנט, לאָזט צורו. איר מיינט דאָך גישט ערנסט.

דער קאָמענדאַנט האָט אומצופרידן זיך אָפּגערוקט פון אים.

— איר, פויערים, זייט אַ מאָדנע פאָלק. אין אַלץ זעט איר באַלד שלעכטס. דיין טאָכטער איז אַ שיין מיידל. ס'איז אָנגענעם מיט איר צו פאַרברענגען. אַרום איז נישטאָ מיט װעמען צו רעדן אַ װאָרט. אין שטאָט װאָלט קיינעם גאָר נישט איינגעפאַלן צו מאַכן אַ װעזן דערפון. און דאָ — „לאָזט צורו". װאָס, איך װעל זי אויפעסן? מע דאַרף זי לערנען, שיקן אין אַ שול, און דו פאַרשטייסט דאָס נישט.

דער באַלעבאָס האָט שטום זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפן און מיטאַמאָל זי אויסגעטרונקען. ער האָט זיך געגומען צלמען ביי דער איקאָנע און אָװעקגעזעצט זיך. דער קאָמענדאַנט האָט זיך צוגעזעצט האַרט לעבן אים.

— װוּ איז דימיטרי?

— ער באַהאַלט זיך אויס ערגעץ אין װאַלד. איך רעכן, אַז היינט ביינאַכט װעט ער קומען אין דאָרף.

דער קאָמענדאַנט האָט אויפגעלעבט.

— פון װאַגען װייסטו?

— נאַדקע האָט אין דער פרי, פאַרבייגייענדיק גאַװרילענקאָס כאַטע, געהערט, װי דער יונגער איװאַן האָט צו עפּעס אַן אומבאַקאַנטן געזאָגט: „היינט ביינאַכט". מסתמא דאַרף היינט ביינאַכט זיין זייער פאַרזאַמלונג. אויף אַזעלכעס קומט ער תמיד. ער איז דאָך ביי זיי דער גאַנצער פירער.

— דער אומבאַקאַנטער איז נאָך אין דאָרף?

— ניין, ער האָט בלויז גערעדט מיטן יונגן גאַװרילענקאָ און תיכף אַװעק. נאַדקע האָט עם געזען.

— אַ שאָד, דאָס מוז זיין אַ װיכטיקער העכט. הער, מער האָסטו קיינעם גישט צוצוגעבן צו דער ליסטע, װאָס דו האָסט מיר געגעבן?

— מער האָב איך דערװייל נישט.

— גוט, מירן זיך צו זיי אַלעמען נעמען פאַרן ערשטן מאַי. מירן צעשטערן זייער יום־טוב. אָבער איך באַדאַרף דימיטרין. ס'איז מיר דערעסן שוין אַרומצו־זוכן אים. מיר װעלן איצט אַװעק פון דאָרף. זאָל עס הייסן, אַז מיר זענען נישטאָ. שפּעט ביינאַכט װעלן מיר צוריקקומען. דימיטרין באַדאַרף איך, פאַרשטייסט?

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך שנעל געזעגנט מיטן באַלעבאָס און פאַרלאָזט דאָס דאָרף.

אַנדריי און דימיטרי

מיט אַ טיף אַראָפּגערוקטער פּאַטשיילע איבערן פּנים איז די פרוי פּאַרזיכטיק אַרויס פון דער כאַטע, אומקוקנדיק זיך כסדר, צי באַמערקט זי נישט עמעצער. זי האָט אַריבערגעשפּרייזט די בלאָטיקע דאָרפישע גאַס און פאַרשוווּנדן אין אַן אָרעמער האַלב־איינגעפאַלענער חורבה.

אויף דער שוועל פון הויז איז געזעסן אַ בלאָנדהאָריק, דאַר, אָפּגעריסן ייִנגל און מיט פאַרחלומטע אויגן געקוקט אין הימל אַריין. דערזעון די פרוי, וואָס האָט זיך צו אים דערנענטערט, איז ער שנעל אויפגעשפּרונגען און צוגלייך מיט איר אַריין אין שטוב.

— וואָס איז, מומע אַגנע?

— ווו איז די מאַמע? — האָט זי געפרעגט, נישט ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע.

— די מומע ווייס דאָך, אַז זי איז הייַנט אַוועק וואַשן וועש צום פּריץ ליאַ־כאָווסקי, — האָט ער פאַרוווּנדערט אָפּגעענטפערט.

אויף איר צעקנייטשט, פאַרדאַגהט געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל.

— איז גוט, — האָט זי סודותדיק געשמייכלט.

— וואָס איז גוט, מומע?

די פרוי האָט זיך מיד אַוועקגעזעצט אויף אַן אַלטער אָפּגעריבענער באַנק ביי דער וואַנט און, ווי מורא האָבנדיק, אַז עמעצער זאָל נישט אונטערהערן, האָט זי מיט דער האַנט אַ ווונק געטאָן צו אים, אַז ער זאָל צוגיין נענטער.

דאָס ייִנגל האָט מיט אַ שטומען חידוש זיך דערנענטערט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער אויך שטיל געפרעגט.

— דו האָסט געזען די פּאָליציאַנטן אַריינרייטן אין דאָרף?

דעם ייִנגלס פאַרחלומטע אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן מיט אַ בייזן פייער. זיינע יונגע דאַרע פּלייצעס האָבן זיך אויסגעגליכן און ווי ברייטער געוואָרן.

— זיי זוכן ווידער דימיטרין?

די פרוי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט זיך צוגעבויגן צום יינגלס אויער און שטיל אים אַריינגעשעפּטשעט:

— דימיטרי קלייבט זיך הייגט ביינאַכט קומען אין דאָרף.

— מומע, איך וועל אים וואַרענען. איך וועל אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן, — ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, ער האָט אינגאַנצן געברענט פון אויפ־רעגונג.

— אַנדריי, וואָס וועט די מאַמע דייגע זאָגן, געוווירוועדנדיק, אַז איך האָב דיך געשיקט, — האָט די פרוי געפרעגט.

אַנדריי האָט מיט פאַרדראָס אַ קוק געטאָן אויף איר.

— איך בין נישט מער קיין קינד. פאַר דימיטרין... זייט רואיק, די מאַמע וועט נישט וויסן.

— געדענק, אַנדריי, זיי פאַרזיכטיק... אַנישט מאַכסטו זיך און דימיטרין אומגליקלעך.

דער 14־יעריקער אַנדריי האָט מיט אַ גליקלעך פּנים אויסגעהערט די רייד פון דער מאַמען, וויאַזוי צו געפינען דימיטרין. ער האָט זיך תיכף געלאָזט אין וועג אַריין.

ס'איז שוין געווען שטאַרק פינצטער, ווען אַנדריי האָט דערגרייכט צום וואַלד. מיטן אינסטינקט פון אַ וואַלד־קינד האָט ער דרייסט געשפּרייזט אין דער פינצ־טער, געטאַנצט פון איין סטעזשקע אויף דער צווייטער. איין געדאַנק האָט אים באַהערשט: אויספילן די שליחות. נאָך צוויי שעה גיין האָט אַנדריי זיך אָפּגע־שטעלט. ער האָט לאַנג זיך איינגעהערט אין דער וואַלד־שטילקייט. אַרום איז גע־ווען רואיק. ער האָט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם פייף. אין קורצן האָט זיך נישט ווייט דערהערט אַ שאַר־פער אָפּגעהאַקטער פייף.

אַנדריי האָט זיך געלאָזט לויפן. ער האָט אין דער פינצטער זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַרויסשטאַרצנדיקן וואָרצל, אומגעפאַלן און באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ. ער האָט הויך אַ קרעכץ געטאָן און שנעל אויפגעשפּרונגען.

— ווער גייט? — ער האָט דערהערט דימיטרים באַקאַנטע הייזעריקע שטימע.

— איך, אַנדריי.

דימיטרי איז ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד. אין דער פינצטערניש האָט אַנדריי נישט געקאָנט זען זיין פּנים. פון דימיטרים קליידער האָט זיך גע־פילט דער ריח פון בלאָטע. ער האָט אָנגענומען אַנדרייען ביי דער האַנט און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ פּיען פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים.

— וואָס טוסטו דאָ אין וואַלד אַזוי שפּעט?

— איך בין געקומען צו דיר!

— צו מיר? — דימיטרי האָט זיך צעלאַכט. — וואָס איז, דיך זוכט שוין אויך די פּאָליציי?

— ניין, — האָט אַנדריי ווי שולדיק געענטפערט, — מען האָט מיך געשיקט צו דיר.

ע ר האָט איבערגעגעבן וועגן דער פּאָליציי און דעם חשד, אַז זיי זענען ווידער געקומען אים זוכן.

ביידע זענען געבליבן זיצן פאַרטראַכט. דימיטרי האָט צוגעטוליעט צו זיך אַנדרייען, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו זיין האַסטיקן, אָפּגעהאַקטן אָטעם. דער־נאָך האָט ער אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— וואָס רעכנסטו איצט צו טאָן, דימיטרי?

די דאָזיקע פראַגע האָט דימיטרין אַרויסגעריסן פון דער פאַרטראַכטקייט. ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען שפּאַנען הין און צוריק.

— אַ שאָד, — האָט דימיטרי געזאָגט, — די הייַנטיקע פאַרזאַמלונג וועט שוין נישט פאָרקומען. און אפשר איז גלייכער אַזוי. הייַנט בייַנאַכט קאָנען פאָר־קומען אַרעסטן. די פּאָליציי־הינט גרייטן זיך אויך צום ערשטן מאַי, כאָטש מי־כאַיל האָט מסתמא געוואָרנט, אַז די חברים זאָלן נישט שלאָפן אין דער היים. גיב איבער איוואַנען... — ער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט און אָפּגעהאַקט אינמיטן.

— וואָס איבערגעבן? — האָט אַנדריי איבערגעריסן דאָס אומגעריכטע שווייגן.

דימיטרי, ווי נישט הערנדיק, האָט פאַרגעזעצט.

— אויב מ'וועט איוואַנען אַרעסטירן, דעמלט גיב איבער נאַטאַשען, אַז זי דאַרף מאָרגן קומען אין דאָרף פון פּריצישן גוט. גיב איבער, אַז דער קרייז־קאָמי־טעט פון דער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז איינצואָרדענען דעם ערשטן מאַי אַ דעמאָנסטראַציע אין שטאָט. ס'וועלן אָנטיילנעמען די אַרבעטער פון דער הוטע, פון דער ציגל־פאַבריק, די אַרבעטער און פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. דער קרייז־קאָמיטעט לייגט באַזונדערס האָפענונגען אויף אונדזער ראַיאָן. 12 אַזייגער בייטאָג דאַרף זיך אָנהייבן די דעמאָנסטראַציע אויפן שטאָטישן מאַרק־פּלאַץ. אונדזערע דאַרפן זיין אין שטאָט פאַר 12. זיי זאָלן נישט פאָרן און נישט גיין צוזאַמען. עס וועלן זיכער זיין פּאָליצייאישע זאַסטאַוועס אויף די וועגן. זאָלן אונדזערע איינציקווייז זיך אַריינקריגן אין שטאָט. די דעמאָנסטראַציע וועט זיך אָנהייבן, ווען עס וועלן זיך ענדיקן די תפילות אין די קלויסטערס, ס'וועט זיך באַ־וויזן אַ רויטע פאָן, אַלע דאַרפן זיך זאַמלען אַרום דער פאָן. האָסט פאַרשטאַנען?

אַנדריי האָט שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַלע חברים, וואָס זענען באַוווּסט דער פּאָליציי, זאָלן גישט שלאָפן אין דער היים. גיב איבער זעגאָגען, אַז די יוגנט זאָל פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, אויסהענגען פענער, מאָלן לאָזונגען, אויף די פּיאָנערן דאַרפן באַווייזן, וואָס זיי קאָנען. דער ערשטער מאַי דאַרף זיין אַן עקזאַמען אויף פאַר אייך, קינדער.

— אויף דער דעמאָנסטראַציע? — האָט אַנדריי געפרעגט.

— ניין, — האָט דימיטרי אַ שמייכל געטאָן. אייער זאַך איז העלפן צו פאַרשפּרייטן אויפרופן, אויפקלעפּן אויף די סלופּעס, העלפן אַרויסהענגען פענער, ווו עס וועט נאָר מעגלעך זיין.

— און אויפן סאָלטיס הויז און אויף דער צערקווע מעגן מיר אויפהענגען אַ פאָן? — האָט אַנדריי האַסטיק אַ פרעג געטאָן.

דימיטרי האָט זיך צעלאַכט.

— מעגן מעגט איר. נאָר דער סאָלטיסעס בייזער הונט וועט אָבער אייך אַרויסרייסן דאָס פלייש פון הינטן. מ'וועט אייך נאָך אַרעסטירן. פאָרזיכטיק, קליינוואַרג.

— דאָגה נישט וועגן הונט. יורעק קאָרמעט שוין דעם הונט אַ גאַנצע וואָך מיט פלייש. ער איז איצט אַ גאַנצער פאַניבראַט מיטן הונט. יורעק וועט אויפהענגען די פאָן.

— גוט, — האָט דימיטרי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — זייט נאָר פאָרזיכטיק. היט זיך פאַרן סאָלטיס, באַזונדערס פאַר זיין טאָכטער. די דאָזיקע אויסוואורפן זענען שפּיאָנען.

— מיר ווייסן דאָס. אַלע קינדער ווייסן דאָס. פאַרבײַטערן איר דאָס לעבן. מע באַוואַרפט זי מיט שטיינער. הייגט האָבן מיר איר איינגעאָרדנט אַזאַ מוזיק, אַז זי וועט עס לאַנג געדענקען.

— דאַרף מען זיין נאָך מער פאָרזיכטיק. זי האַסט אונדז אַלעמען און איז גרייט אויף אַלץ, אַבי זיך נוקם צו זיין.

— אויף דער דעמאָנסטראַציע מעגן די פּיאָנערן גיין, דימיטרי? — האָט אַנדריי ווידער אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט. נישט דאָס איז אייער זאַך. איר דאַרפט אויסשפּעלן וואַכן אויף די וועגן, וואָס פירן צו דער שטאָט, — „רויטע קוריערן", און וואָרענען, ווו עס איז פאַראַן פּאָליציי, אויסגעפּינען, וועלכע וועגן זענען פריי. דאָס איז אַ גרויסע זאַך. אויב דאָס וועט אייך געלונגען, וועט די דעמאָנסטראַציע זיכער אַדורך מיט דערפאָלג. דעמלט וועלן מיר פון אייך אָרגאַניזירן אַ שטענדיקע גרופּע „רויטע קוריערן".

אַנדריי איז געווען אַנטציקט פון דעם דאָזיקן פאָרשלאָג. „רויטע קוריערן", הימן די וועגן... פאַרלויפן דער פּאָליציי דעם וועג... פאַרביגדן די דעמאָנסטראַנטן...

— גוט, דימיטרי, מאָרגן רוף איך צונויף אַ פאַרזאַמלונג פון די פּיאָנערן, מיר וועלן זען אַדורכצופירן אַלץ, וואָס דו הייסט.

— מאַלאַדיעץ, אַנדריי! וועסט אויסוואַקסן אַ גוטער קאָמוניסט. דער עיקר — האַלטן די צונג טיף אין מויל. גישט פּלאַפּלען. גישט רימען זיך. קיינעם נישט דערציילן, אפילו עלטערע חברים, אַז דו ביסט געווען ביי מיר. וואָס ווינציקער רעדן וועגן דער דעמאָנסטראַציע. קיינער דאַרף דערוויל נאָך נישט וויסן ווו, אין וואָס פאַר אַ צייט עס וועט פאָרקומען די דעמאָנסטראַציע, ביזן טאָג פון ערשטן מאַי. פאַרשטאַנען?

— זיי רואיק, איך וויים, ווי צו האַלטן דאָס מויל.

— נו, גיי אַהיים. נאַ, דאָ האָסטו אַ פּעקל אויפרופן. איך האָב זיי געוואָלט אַליין ברענגען. איצט באַזאָרג זיי דו. גיב זיי איבער איוואַנען אָדער גאַטאַשען. נאָר זיי פאָרזיכטיק. באַהאַלט זיי גוט. עס וועלן זיכער זיין רעוויזיעס. זיי געזונט, אַנדריי.

אַנדריי האָט אָנגעכאַפּט דימיטרין ביי דער האַנט, נישט געלאָזט אים אַוועקגיין.

— ווו ווינסטו דימיטרי? — האָט ער מיט קינדערישער נייגעריקייט געפרעגט.

דימיטרי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ווו איך ווין? קום, וועל איך דיר ווייזן מיין פּאַלאַץ.

ער האָט אָנגענומען אַנדרייען פאַר דער האַנט און שטיל אים געפירט אין דער וואַלד־פינצטערניש. אָפּגייענדיק עטלעכע מינוט, איז ער שטיינגעבליבן, געהייסן אַנדרייען וואַרטן און פאַרשוווּנדן. אַנדריי האָט זיך צוגעהערט צו דימיטרים שנעלע שווערע טריט, געהערט פּאַגאַנדערוואָרפן צווייגן, אַ פאַלן פון אַ שווערן שטיין. דימיטרי האָט זיך ווידער דערנענטערט, אָנגענומען אַנדרייען ביי דער האַנט. זיי זענען אָפּגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר טריט, אַנדריי האָט דערפילט, ווי די ערד גליטשט זיך אים אַרויס פון אונטער די פיס. אַ שטאַרקער רים ביי דער האַנט און ביידע זענען אַריינגעפאַלן טיף אין דער ערד. אַנדריי האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט.

אַ פינצטערניש האָט איינגעהילט דעם וואַלד. די ביימער האָבן זיך געשאָקלט און סודותדיק גערוישט. טאַפּנדיק מיט די הענט, האָט אַנדריי זיך אָנגעשטויסן אויף ענגע פייכטע ערדענע ווענט, די הייך פון אַ מענטשלעכן וווּקס. אונטער די פיס איז געלעגן אויסגעשפּרייט פאַרדומפּענע פייכטע היי און אַ גראָבע דעקע.

אַנדריי האָט ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער זיך געטוליעט צו דימיטרין.

דימיטרי האָט זיך אָנגעבויגן, צערטלעך אַרומגענומען אַנדרייען און אויף די הענט אים אַרויסגעטראָגן פון דער הייל.

— נו, זיי געזונט. זע, פאַרבלאָנדזשע ניש. גיי אַריין אין דאָרף אומבאַמערקט.

— ווען וועל איך דיך זען, דימיטרי?

— איך ווייס נישט ווען, נאָר ידיעות פון מיר וועסטו זיכער האָבן.

דער וואַלד האָט שטורמיש גערוישט. די ביימער האָבן זיך געשאָקלט. פּיגצטערע שאָטנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן אַרום. א מידער איז אַנדריי געגאַנגען אַהיים. אים האָט זיך אָפּטמאָל געדאַכט, אַז די שאָטנס זענען פּאָליציאַנטן, וועלכע יאָגן זיך נאָך אים. ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז אַרויס פון וואַלד.

נאַכט־רעוויזיעס און אַרעסטן

דאָס דאָרף איז געלעגן איינגעהילט אין טיפער פינצטערניש. די כאַטעס האָבן זיך נאָך נידעריקער געבויגן צו דער ערד. די שווערע שטילקייט איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ וואָיען פון אַ הונגעריקן הונט. מענטשן, מידע פון זאָרגן און שווערע אַרבעט, זענען אומרואיק געשלאָפן. דער נאַכטוועכטער, איינגעהילט אין אַן אַלטן אָפּגעריבענעם צינענעם פעלץ, האָט זיך מיד אָנגעלענט אין דעם איינציקן דאָרף־סלופּ לעבן דעם ברוינעם הויז פונעם סאָלטיס. ער האָט פאַרוווּנדערט געקוקט צום פענצטער פון מאַטיוכעס צימער, ווו עס האָט אין דער שפּעטער נאַכט געברענט ליכט.

— וואָס איז דאָרט עפּעס ביי מאַטיוכען? — האָט דער נאַכטוועכטער געטראַכט. — אַזוי שפּעט ביינאַכט ברענט ביי אים ליכט. וועלכע שדים לאָזן אים נישט שלאָפן?

גיך איז אים נמאס געוואָרן צו קוקן אין סאָלטיס פענצטער. ער האָט פון פאַרדראָס אַ שפּיי געטאָן און זיך געלאָזט גיין איבערן וועג. אַ קודלאַטער דאָרפישער הונט האָט זיך געטוליעט צו אים. ער האָט פאַררייסן די אויגן צו זיין באַלעבאָס און זיך באַמיט צו אים צופּאַסן זיינע הינטישע טריט.

— ער, מאַזעפּע! — האָט דער נאַכטוועכטער זיך אויסגעטענהט מיטן הונט. — וועמען היטן מיר עס יעדע נאַכט? די דאָרפישע אָרעמקייט? קיין משוגענער הונט וועט ביי זיי נישט גנבענען. נישטאָ וואָס, מיין טייערער. אַלע האָבן זיי געשוואָלענע בייכער. דאָס מענטשלעכע לעבן איז איצט געוואָרן אַ הינטישס. דו, מאַזעפּע, האָסט היינט געהונגערט, מיר נאָגט אויך ביים האַרצן.

דער הונט, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען די מענטשלעכע רייד, האָט רחמנותדיק אַ ביל געטאָן און געדריקט זיין קודלאַטן קאָפּ צום וועכטערס פיס.

— שאַ, מאַזעפּע, נישט בילן. ס'וועט דיר, ברידערקע, נישט העלפן. נייע פאַראָרדענונגען. דער קאָמענדאַנט און דער סאָלטיס האָבן אונדז געהייסן נאָכשפּירן, ווער פון די פּויערים גייט שפּעט ביינאַכט אַרום אין דאָרף, פון וועלכע

כאַטעם זיי גייען אַרויס, איבערגעבן זייערע נעמען. ניין, ברודערקע, דאָס איז נישט אונדזער זאַך. איך בין נישט קיין פּוילישער שפּיאָן. אַ קרענק זיי אין די ביינער. האַ, מאַזעפּע. מיר זעען נישט, מיר ווייסן פון גאָרנישט.

דער באַכטוועכטער האָט זיך שטיל צעלאַכט און איז פּלוצעם שטיל געבליבן, פונוויינטנס האָט זיך דערטראָגן דאָס צאָקען פון פערדישע קאָפּיטעס. די טריט האָבן זיך אַלץ דייטלעכער געהערט. זיי האָבן זיך שנעל דערנענטערט צום דאָרף.

— האַ, — האָט דער וועכטער שטיל אויסגעשריגן, — פּאָליציי!... מאַטיוכע וואַרט שפּעט ביינאַכט אויף געסט. הינטישער זון!... פאַרקויפט זיך צו פרעמדע, צו שונאים...

ער האָט האַסטיק אָוועקגעשפּרייזט. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייט און איז אַלץ שנעלער געגאַנגען, כמעט געלאָפן. מאַזעפּע איז מיט פאַרוואונדערטע אויגן נאָכגעלאָפן זיין באַלעבאָס, נישט פאַרשטייענדיק זיין פּלוצעמדיקע אויפפירונג. דער וועכטער איז צוגעלאָפן צו אַן אָפּגעזונדערטער כאַטע אין פעלד און שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

— ווער איז? — האָט זיך דערהערט פון הויז אַן איבערגעשראָקענע שטים.

— איך, קיריל.

— באַלד, איך קום גלייך אַרויס.

די טיר האָט זיך ראַש געעפנט. אַ יונגער פויער אין איין העמד האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל.

— וואָס איז געשען? — האָט ער דערשראָקן געפרעגט.

— איוואַן, דו הערסט? — האָט קיריל שטיל אַ זאָג געטאָן.

— פּאָליציי?... אַדאַנק דיר, קיריל. איך וועל דיר דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— עך, וואָס איז דאָ צו דאַנקען, ווען איך וואָלט געווען ייִנגער, וואָלט איך אַליין געגאַנגען מיט אייך. זע בעסער צו פאַרשווינדן. מסתמא וועלן זיי מאַכן דעם ערשטן וויזיט ביי דיר.

קיריל איז שנעל אַוועק.

דער קאָמענדאַנט מיט צוועלף פּאָליציאַנטן זענען שנעל אַרייַנגעריטן אין דאָרף. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים סאָלטיסעס הויף, אַראָפּ פון די פערד, און זיי צוגעבונדן. דער קאָמענדאַנט איז אַריין אין דער כאַטע. אייניקע מינוטן שפּעטער האָט ער זיך באַוויזן צוזאַמען מיטן סאָלטיס. זיי האָבן צוגערופן דעם נאַכטוועכטער, וועלכער איז שוין ווידער געווען דערלעבן, און, באַגלייט פון די פּאָליציאַנטן, האָבן זיי זיך געלאָזט איבערן דאָרף.

דער קאָמענדאַנט האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פּאַפּיר מיט פאַרשריבענע נעמען און שטיל אָנגעוויזן דעם סאָלטיס און באַכטוועכטער, אין וועלכע הייזער מע

זאָל אים פירן. כאַטעס זענען אַרומגערינגלט געוואָרן. מענטשן זענען דאָרט אויפ־געוועקט געוואָרן פון שלאָף. דאָס רואיקע דאָרף האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט ראַש. ס'האָבן זיך דערהערט געשרייען, פאַרצווייפלטע געוויינען פון פרויען, גראָבע קללות פון די פּאָליציאַנטן.

— מיין איינציקן שפּייזער נעמט איר צו... אוי, אַליאָשאַ, וואָס ווילן זיי פון דיר... האָט רחמנות אויף מיין זון, ער איז אומשולדיק...

כאַטעס האָבן זיך אין נאַכט־פינצטערניש צעפּראַלט. פויערים זענען אין פּאַ־ניק געלאָפן, געשפּרונגען איבער פּלויטן, באַגלייט מיט בייזע געשרייען פון פּאָליצ־יאַנטן:

— שטיין בלייבן! מיר שיסן! האַלט! ס'וועט אייך נישט העלפן. דאָס דאָרף איז אַרומגערינגלט...

אייניקע ביקסן־שאָסן האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופטן. געשרייען פון גע־שלאָגענע האָבן זיך צונויפגעמישט מיט היסטערישן געוויין פון די פרויען.

לאַנג האָט געדויערט די רעוויזיע ביי דימיטרים עלטערן. דער קאָמענדאַנט, בייז, וואָס ס'איז אים ווידער נישט געלונגען צו כאַפּן דימיטרין, האָט געשאָלטן און געזידלט, אַדורכגענישטערט און איבערגעקערט אַלץ אין דער כאַטע. ער האָט זיך געוואָרפן שלאָגן דעם אַלטן פאָטער, געדראָט אים אַרעסטירן. דער אַלטער האָט טרייסלענדיק זיך געשווירן, אַז ער ווייסט נישט, וווּ זיין זון איז. די פּאָלי־ציאַנטן זענען געקראָכן אין שפּייכלער ,אין שטאַל, געקלעטערט אויפן בוידעם, אַראָפּגעלאָזט זיך אין ברונעם.

— נישטאָ. אומעטום געזוכט, הער קאָמענדאַנט, — האָבן די פּאָליציאַנטן פאַרסאַפּעטע געמאָלדן.

— אוממעגלעך! — האָט זיך דער קאָמענדאַנט געבייזערט. — איך האָב זי־כערע ידיעות, אַז ער איז אין דאָרף, — איבערנישטערן דאָס גאַנצע דאָרף. אומע־טום זוכן... די אַרעסטירטע דערווייל פאַרשליסן אין שול. אַוועקשטעלן אַ וואַך. איך וועל וואַרטן ביי מאַטיוכען אין הויז.

דעם סאָלטיסעס געזיכט איז פינצטער געוואָרן. ער האָט געוואָלט עפּעס אָפּ־ענטפערן. נאָר דער קאָמענדאַנט האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— מאַרש, אַרומרינגלען דאָס דאָרף. קיינעם נישט אַרויסלאָזן. געפינען די־מיטרין, איוואַן גאַווריליענקאָ, ליטעראַטור!...

אין דאָרף זענען געגאַנגען די רעוויזיעס. די פּאָליציאַנטן האָבן געטריבן די אַרעסטירטע אין דער דאָרפישער שול. פרויען און קינדער זענען מיט געוויין נאָכ־געגאַנגען די אַרעסטירטע. הינט האָבן בייז געבילט, געוואָרפן זיך מיט רציחה אויף די פרעמדע געסט. די נאַכט איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אימה און מענטש־לעכן צאַפּל.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך געלאָזט מיט שווערע טריט צו מאַטיוכעס הויז. אויפן גאַנעק איז איינגעהילט אין אַ פּאַטשיילע געשטאַנען מאַטיוכעס ווייב און דערשראָקן זיך צוגעהערט צום טומל אין דאָרף. זי האָט זיך געצלמט און איינגעמענהט.

— הייליקע מוטער, באַהיט און באַשירעם אונדז פון שלעכטס און פון בייזע מענטשן. זאָל חלילה קיין בייז נישט געשען מיין מאַן, מיין טאָכטער נאַדקע און דיין דינסט מאַרפאַ.

דער קאָמענדאַנט האָט מיט אַ גראָבן געלעכטער איבערגעריסן איר געבעט.

— טייערע מאַרפאַ, איך בין הונגעריק. אַ פאַרשאָלטענע אַרבעט. אַ פאָלק אַ הינטישס. אומעטום בונטאָוושיקעס. נישטאָ קיין רו, נישט ביטאָג נישט בייי נאַכט. דאָס מענטשלעכע לעבן איז גאָרנישט נישט ווערט. גיב עפּעס איבערבייסן.

מאַרפאַ האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעצלמט און אַריין אין הויז. דער קאָמענדאַנט איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלעשל בראָנפן, ברויט, הערינג, אַ געבראָטן שטיקל פלייש און אַוועק אין קיך אויפשטעלן טיי. דער קאָמענדאַנט, אַ הונגעריקער, האָט זיך געוואָרפן צום טיש, געגאָסן אין זיך איין גלאָז בראָנפן נאָך דער אַנדערער און איז אַלץ מער און מער שיכור געוואָרן. ער האָט געוואָרפן בליקן אויף דער טיר, וואָס האָט געפירט צו נאַדקעס צימער.

מאַרפאַ האָט אַריינגעטראָגן טיי. פון צווייטן עק דאָרף האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרצווייפלטער געשריי פון אַ געשלאָגענער פרוי. ס'האָבן אָפּגעהילכט אייניקע ביקסן־שאָסן. דער קאָמענדאַנט איז אויפגעשפרונגען.

— מע דאַרף זיי אַלע דערשיסן ווי די הינט. גיי, מאַרפאַ, איך בעט דיך, ווער געוויר, וואָס טוט זיך אין דאָרף. איך בין מיד און דערצו האָב איך אַ ביסל צופיל אויסגעטרונקען...

ער האָט זי גראָב אָנגענומען און, נישט וואַרטנדיק אויף איר הסכמה, אַרויסגעשטויסן פון צימער. אייניקע סעקונדן איז ער געשטאַנען, צוגעהערט זיך צו די זיך דערווייטערנדיקע טריט פון דער פרוי. ער האָט אויסגעלאַסן זיך צעלאַכט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, וואָס האָט געפירט אין נאַדקעס צימער.

נאַדקע איז די גאַנצע צייט, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט זיך געפונען אין הויז, געלעגן אומרואיק און מיט אָפענע אויגן. זי האָט זיך צוגעהערט, וואָס עס קומט פאָר פון יענער זייט טיר. דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער קאָמענדאַנט געפינט זיך אַזוי שפּעט ביינאַכט ביי זיי אין הויז. וואָס טוט ער דאָ אָן דעם פאָטער? איר האַרץ האָט אומרואיק געקלאַפּט. אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט — אָנטאָן זיך און אַנטלויפן פון הויז. נאָר פון שרעק איז זי געבליבן ליגן איינגעקאָרטשעט אונטער דער פערענע.

דער קאָמענדאַנט האָט זי ליב. ער האָט איר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, נישט איינמאָל געשוווירן, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. זי האָט אים זייער ליב. ער איז אַזוי שטאַרק און שיין אין זיין פּאָליציי-מונדיר. ווען ער קושט זי, באַפּט אַרום איר מיידלשן קערפּער אַ ליידנשאַפטלעכער ציטער. נאָר דער טאַטע קוקט שטענדיק בייז אויפן קאָמענדאַנטס צערטלעכקייטן צו איר, און די מאַמע האָט איר נישט איינמאָל געוואָרנט: „געדענק, נאַדקע, ער וועט דיך נאָך אומגליק-לעך מאַכן!" ס'קאָן נישט זיין, — האָט זי געטראַכט, — ער וועט זי נישט אָפּנאַרן. אין דאָרף איז אַזוי אומעטיק און שווער פאַר איר דאָס לעבן. אַלע האָבן זי פיינט, באַליידיקן זי. פאַרוואָס בונטעווען זיי, די פאַרשאָלטענע קאָמוניסטן, פאַרגינען נישט, אַז עמעצן גייט גוט. זיי פאַרגינען נישט איר פאָטער, זיינע 30 העקטאַר ערד, זיינע פאַר קי און פערד. זיי זענען בייז, פאַרוואָס זי חברט זיך מיט דער פּוילישער לערערין. די לערערין איז אַזאַ אינטערעסאַנטע. דערציילט אַזוינע אינ-טערעסאַנטע זאַכן פון וואַרשע, פון ווילנע. דאָרטן איז דאָס אמתע לעבן. אַרויס-רייסן זיך פון פאַרשאָלטענעם דאָרף. דער קאָמענדאַנט רעדט זי צו אַז, זי זאָל פאָרן קיין ווילנע זיך לערנען. זי וועט פאָרן, זיי רופן זי — פּוילישע שפּיאָנקע. זי האָט זיי פיינט. זיי צולהכעיס וועט זי אַלץ דערציילן דעם קאָמענדאַנט. היינט האָט מען זי ווידער שרעקלעך באַליידיקט. מע האָט איר נאָכגעוואָרפן שטיינער, אָנגערופן זי „דעם קאָמענדאַנטס קאָכאַנקע". יאָ, צולהכעיס זיי, זי האָט אים ליב.

ווען דער קאָמענדאַנט האָט געעפנט די טיר, האָט נאַדקע אויסגעשריגן: „ווער איז דאָרט?!"

דער קאָמענדאַנט האָט זיך געלאָזט גיין אין דער פינצטער נאָך נאַדקעס קול און מיט וואַקלדיקע טריט זיך דערנענטערט צום בעט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטול און מיט אַ קללה אומגעפאַלן אויף איר בעט. נאַדקע, אַ דערשראָ-קענע, האָט אים געפּרוווט אָפּשטויסן, געשטאַמלט:

— הער קאָמענדאַנט, גייט אַרויס פון דאַנען. וואָס טוט איר... גייט אַרויס פון דאַנען, דערבאַרעמט זיך!...

דער קאָמענדאַנט האָט שיכור געלאַכט, אָנגעכאַפּט איר ביי די הענט און זי אַנידערגעוואָרפן אויף די קישנס, ער האָט אַראָפּגעריסן די פּערענע און מיט ביי-דע הענט גענומען גראָב שאַרן איבער איר קערפּער.

נאַדקע האָט, ציטערנדיק, אומגעלומפּערט זיך געווערט, אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט ,אומבאַהאָלפן געבעטן זיך:

— וואָס טוט איר?... איר מאַכט מיך אומגליקלעך... איך בין דאָך אַ מיידל... גיין... גייט אַרויס פון דאַנען... לאָזט מיך אָנטאָן... איר זייט דאָך אַ גוטער!

ער האָט לײדנשאַפֿטלעך געברומט, אַרײַנגעיאָגט איר אין גענזיכט דעם ריח פֿון בראַנפֿן און געפּליסטערט:

— האָב נישט קײן מורא... איך װעל מיט דיר חתונה האָבן, שרײַ נישט... — זי האָט זיך שװאַך געװערט, געפּילט איר הילפֿלאָזיקײט. זי האָט זיך צעכליפּעט...

װען די רעװיזיעס אין דאָרף זענען געװען פֿאַרענדיקט, האָט שױן געטאָגט. אין שול זענען אַרײַנגעװאָרפֿן געװאָרן אַ צװײ צענדליק אַרעסטירטע. די פּאָלי-ציאַנטן, בײַזע און מידע פֿון אַ גאַנצער נאַכט אַרומלױפֿן, האָבן גראָב, מיט די ביקסן-קאָלבעס געטריבן די אַרעסטירטע פֿויערים פֿון שול אויף דער גאַס. זײ זע-נען אַרויסגעריטן מיט די פֿערד אויף די װײַנענדיקע פֿרויען. זײ האָבן זיך געאײַלט צו פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. דער קאָמענדאַנט האָט גאַלאָפּירט אויף זײַן ברוין פֿערד און אָפּגעגעבן זײַנע לעצטע באַפֿעלן. אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט פּאָלי-ציאַנטן, זענען די אַרעסטירטע געטריבן געװאָרן אין דער נאָענטער תּפֿיסה.

די גאַס איז פֿול געװען פֿון פֿרויען און קינדער.

אירא און סעמיאָן

דער וואָקזאַל און דער פּעראָן זענען געווען איבערפולט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם: פויערים און פויערטעס מיט זעק און קוישן, בערדיקע יידן מיט פעקלעך און טשעמאָדאַנעס זענען פאַרשמייעט געלאָפן אַהין און צוריק, אייגגעטענהט איינער מיטן צווייטן, יאָגנדיק זיך ערגעץ. אַ פּריץ, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן בערעגען פוטער, האָט גדלותדיק אַרומשפּאַצירט מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל. ער האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויפן אַרומיקן עולם. עטלעכע סאָלדאַטן מיט מיידלעך אין טיכלעך אויף די קעפּ האָבן פריילעך אַרומגעשפּאַצירט. צוויי זשאַנדאַרן... פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן פּעראָן און גלייכגילטיק געקוקט אויפן אַרומיקן עולם.

אַ הויכער, בלאָנדער, געזונטער בחור האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ שטעקן אין האַנט, אָפּגעשטעלט זיך דאָ און דאָרטן צווישן עולם, פאַרדרייבערט אַ פּאַפּיראָס, שטילערהייט זיך צוגעהערט צו געשפּרעכן, צייטנווייז געוואָרפן אַ דורכדרינגענדיקן בליק און ווי פון לאַנגווייליקייט ווידער אַוועק אין אַ שפּאַציר.

דער עולם האָט געטומלט, געהיצט זיך. טייל האָבן מידע זיך אַוועקגעזעצט אויף זייער געפּעק, געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן צוג. היינט איז אַ מאַרקטאָג אין שטעטל. אפשר וועט געלונגען צו כאַפּן אַ פאַרדינסטל, אַ פּאָר זלאָטעס אויף יום־טוב.

דער בלאָנדער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט לעבן דעם וואָקזאַל־לאַמטערן און פאָרזיכטיק געוואָרפן אַ בליק אויף אַ בלייכן יונגערמאַן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט לעבן פּלויט מיט אַ טשעמאָדאַן אין דער האַנט. דער יונגערמאַן איז רואיק געשטאַנען און געקוקט אין דער זייט פון וועלכער עס האָט זיך געזאָלט באַווייזן דער צוג. ווי ער וואָלט דערפילט דעם שטעכיקן בליק, האָט ער זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט און זייערע אויגן האָבן זיך אויף אַ סעקונדע צונויפגעטראָפן. אַ „שפּיאָן", — האָט דעם יונגערמאַן אַ טיאָכקע געטאָן אין געדאַנק. אַ „קאָמוניסטישער קוריער מיט ליטעראַטור", — האָט אויפגעבליצט ביים בלאָנדן אין מוח.

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין רואיק. דער בלאָנדער האָט ווייטער לאַנגזאַם שפּאַצירט, גערייכערט זיין פּאַפּיראָס.

ס'האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער הילכיקער פייף פונעם לאָקאָמאָטיוו. מענטשן האָבן זיך געכאַפּט צו די פּעק, געשריען איינע צו די אַנדערע, זיך דערמאָנט עפּעס. מיט רעש, שווער סאַפּנדיק, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. דער עולם איז איילים געשפּרונגען אין די וואַגאָנעס. די, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן פּעראָן האָבן אונטערגעטראָגן טשעמאָדאַנעס, קוישן און פּעק, זיך געזעגנט, געווונטשן עפּעס, נאָכגעשריען.

דער יונגערמאַן האָט זיך פלינק אַדורכגעשטופּט דורכן עולם און איז פאַרשוווּנדן אין וואַגאָן.

קוים זיך דורכשטופּנדיק צווישן עולם, איז פון פון וואַגאָן אַרויסגעשפּרונגען אַ יונג מיידל, אָנגעטאָן אין איינפאַכע שטאָטישע קליידער. זי האָט זיך צונויפגעמישט מיט די מענטשן, וואָס זענען געקומען באַגלייטן, און לאַנגזאַם, צוזאַמען מיט זיי פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל.

דער צוג האָט פּאַמעלעך גערירט. דער בלאָנדער איז אין דער לעצטער סעקונדע אַריינגעשפּרונגען אין אָפּגייענדיקן צוג. די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן שמייכלענדיק אים נאָכגעקוקט און פויל זיך געלאָזט גיין צום באַן-בופעט.

די אָנגעקומענע איז עטלעכע מינוט געגאַנגען צוזאַמען מיטן עולם. זי האָט זיך פאַרקערעוועט און אַרוים אויף דער מאַרק-גאַס. פונדערווייטנס האָט זי דערזען אַ גרויסן, שמוציקן שילד: „וואַרשעווער רעסטאָראַן". זי האָט זיך געלאָזט גיין אין דער דאָזיקער ריכטונג. אַ קאַלטער פרילינג-ווינט האָט געבלאָזן פון פעלד. דאָס מיידל האָט זיך געטוליעט אין איר לייכטן מאַנטל און דרייסט געעפנט די טיר פון רעסטאָראַן.

ביי אַ זייטיק טישל אין ווינקל זענען געזעסן צוויי פורמאַנעס און געטרונקען בראָנפן פאַרביסן מיט ברויט און מאַרענירטן הערינג. זיי האָבן הויך גערעדט צווישן זיך, נישט באַמערקנדיק די אַריינגעקומענע. אַן עלטערע פרוי האָט גערייניקט דעם דיל. פאַרשאָפטן אים מיט זאַמד. ביים בופעט איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי און באַטראַכט די אַריינגעקומענע. דער גאַסט איז צוגעגאַנגען צו איר, אַ סעקונדע איר אויפמערקזאַם באַטראַכט און שטיל זיך געווענדעט צו איר:

— בימע, דריי אייער ווייכע מיט סמעטענע, פוטער און וואַרשעווער זעמל.

די פרוי ביים בופעט האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די צוויי פורמאַנעס און שטיל איר אָפּגעענטפערט.

— ביי אונדז באַקט מען נישט קיין וואַרשעווער זעמל, נאָר ווילנער.

— זאָל זיין ווילנער, נאָר פרישע.

— איך וועל באלד צו ווייזן געבן, — האָט די פרוי ביים בופעט שטיל אַרויסגערעדט און הויך צוגעגעבן, — זעצט אייך, ס'וועט באַלד זיין פאַרטיק.

דאָס יונגע מיידל האָט זיך צוגעזעצט. די פרוי ביים בופעט איז אַוועק אין קיך פאַרטיק מאַכן די באַשטעלונג. אין אייניקע מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען, געבראַכט אויף אַ טאַץ די באַשטעלטע אייער און זעמל מיט פוטער. אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, אַ פרעג געטאָן, צי זי וויל עפּעס טרינקען, שטיל צוגעגעבן: „וואַרט עטלעכע מינוט".

די פאָרמאַנעס האָבן הויך גערעדט, עמעצן געזידלט, זיי האָבן געשאָלטן דעם געכטיקן רעגן. אין רעסטאָראַן זענען אַריינגעקומען נאָך עטלעכע מענטשן. זיך צעזעצט ביי די טישן, באַשטעלט ביר, בראָנפן. די בופעט־פרוי האָט פלינק באַדינט, געפּאָמפּעט ביר און מער נישט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט דעם גאַסט.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט דער גאַסט געוואָרפן אַ בליק צום בופעט. לעבן דעם בופעט איז געשטאַנען אַ יינגל פון אַ יאָר 13 און פאַרגאַפט געקוקט אויף די ביר־גלעזער. די בופעט־פרוי, טרעפנדיק זיך מיטן בליק פון גאַסט, האָט פאַרזיכטיק אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויפן יינגל.

דער גאַסט האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום בופעט, אַרויסגענומען פון האַנט־בייטל געלט און געפרעגט, וויפל עס קומט. אָנגערופן די סומע, האָט די פרוי גלייך שטיל צוגעגעבן: „גייט נאָך דעם יינגל". דאָס יינגל, דערזעענדיק דעם גאַסט לעבן בופעט, האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר און איז פאַרשוואונדן.

אַרויסגעגאַנגען פון רעסטאָראַן, האָט זי דערזען דאָס יינגל שטיין אויף דער צווייטער זייט גאַס. נישט אומקוקנדיק זיך אויף איר, האָט זיך דאָס יינגל געלאָזט גיין, אונטערפייפנדיק אַ פריילעכע סאָלדאַטישע מעלאָדיע. זי איז אים פּאַמעלעך נאָכגעגאַנגען. אַדורכגייענדיק עטלעכע געסלעך, האָט זיך דאָס יינגל פאַרקערעוועט אין אַ שמאָל, נישט באַלעבט געסל. ער איז געבליבן שטיין און איר געלאָזט פאָרויס, שעפּטשענדיק: „גייט, איך וועל אייך דעריאָגן". אָפּגעגאַנגען עטלעכע מינוט, האָט זיך דאָס יינגל פּלוצעם באַוויזן אקעגן איר, ער האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף אַ צווייסטאָקיק הויז און פאַרשוואונדן אינעווייניק. זי האָט זיך לאַנגזאַם דערנעענטערט צום הויז. אַריינקומענדיק אין הויז, האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיטן יינגל, וועלכער איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון די טרעפּ.

— אָט דאָ אויפן ערשטן שטאָק, אין דער דאָזיקער טיר. קיינער איז נישט באַכגעגאַנגען. אַלץ אין בעסטער אָרדענונג, חברטע, — האָט ער פריילעך אַרויסגעפּליסטערט און פאַרשוואונדן.

דער צימער, אין וועלכן זי איז אריינגעקומען, איז געווען אָרעם מעבלירט. צוויי הילצערנע בעטן ביי די ווענט, אינמיטן א טיש מיט עטלעכע שטולן, רעכטס אין ווינקל אן אַלטע אָפּגעבליאַקעוועטע שראַנק. האַרט ביי דער טיר — אן איינגע־מויערטע קליינע קיך. א פינפיעריק שוואַרצהאָריק מיידעלע האָט זיך געשפּילט אויפן דיל מיט א ליאַלקע. דאָס קינד איז אזוי געווען פאַרטאָן אין שפּיל, אז עס האָט נישט באַמערקט די אריינקומענדיקע.

לעבן דער קיך איז געשטאַנען א יונגע פרוי פון מיטלען וווּקס מיט ברוינע האָר און גרויסע, גרויע אויגן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אן אַלט, גרין קלייד, פאַרצויגן מיט א קיך־פאַרטעך. כאָטש זי האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו דער מילך, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים אויפבריען, האָט זי געכאַפּט א בליק אויף דער געקומענער.

— צי קאָן איך זען סעמיאָנען? — האָט דאָס מיידל געפרעגט.

— ער איז ביי דער ארבעט. ער וועט קומען פאַרנאַכט. זעצט אייך, טוט אויס דעם מאַנטל. מאַכט אייך היימיש. איר זייט אוודאי מיד פון וועג.

פריינדלעכע אויגן, א שמייכלענדיק גוט געזיכט האָט באַטראַכט דעם גאַסט.

— איר וועט מיר א מינוט אנטשולדיקן, — האָט די באַלעבאָסטע ווייטער גערעדט, — אָט דאָ לייגט אוועק דעם מאַנטל. איר זייט אוודאי הונגעריק.

— א דאַנק, — האָט דער גאַסט געענטפערט, זעצנדיק זיך ביים טיש, — איך האָב שוין געגעסן. צי וועל איך קאָנען צוּוואַרטן ביי אייך ביז אָוונט?

— זיכער, — האָט די באַלעבאָסטע שנעל געענטפערט, — איר וועט זיך אויסרוען, אדורכשלאָפן, אויב איר ווילט. מע האָט זיך אויף אייך נישט געריכט. פאַר סעמיאָנען וועט עס זיין אן איבעררעשונג.

דער גאַסט האָט געשמייכלט, באַטראַכט די פרוי, דאָס שפּילנדיקע קינד, די שטוביקע וואַרעמקייט האָט זי ארומגענומען און זי האָט פּלוצעם דערפילט א שרעקלעכע מידקייט. די צווייטע נאַכט פאַרברענגט זי אין באַן. זי האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און געבליבן זיצן פאַרטראַכט.

די מילך האָט אויפגעקאָכט, און די פרוי האָט זיך געפּאָרעט, צוגעגרייט פרישטיק פאַרן קינד און פאַר זיך. דעם קינד איז מיאוס געוואָרן די שפּיל. עס האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל און שטיל באַטראַכט די פרעמדע פרוי. די געקו־מענע — אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר פיר־פינף און צוואַנציק. קורצע בלאָנדע האָר האָבן זיך געקרייזלט איבער איר קליין, קיילעכיק געזיכט, צוגעגעבן איר א קינ־דערישן אויסזען, נאָר די גרינע טיפע אויגן און דאָס קליינע ענערגישע מויל מיט שאַרפע קנייטשן ארום די ליפּן האָבן עדות געזאָגט וועגן א שטאַרקן ווילן און פיל ענערגיע. דאָס מיידעלע איז צוגעגאַנגען צום גאַסט און א ציִ געטאָן פאַר א האַנט.

— ווי רופט מען דיך, טומע?

דער גאַסט האָט זיך צעלאַכט, גענומען דאָס קינד אויפן האַנט.

— אירא הייס איך. און דיך, ווי רופט מען?

— מיך רופט מען רוטקע, — האָט דאָס מיידעלע ערנסט געענטפערט, — איך וועל דיך ליב האָבן, מומע אירא.

— ווי רופט מען דיין טאַטן? — האָט דער גאַסט גלאַט אַזוי זיך געפרעגט.

— מיין טאַטעשי הייסט נחמן. ער איז נישטאָ אין דער היים. ער איז אין וואַלד, איך בין אַליין מיט דער מאַמען, — האָט די קליינע מיט שטאָלץ צוגעגעבן.

דער גאַסט האָט פרעגנדיק א קוק געטאָן אויף דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט פארשטאַנען דעם שטומען בליק און האָט זיך דערביי צעלאַכט.

— איר האָט אוודאי געמיינט, אַז סעמיאָן איז מיין מאַן? ניין, מיין מאַן אַרבעט אין טאַרטאַק פון הער... ביי מיר איז זיכערער.

— פון וואַנעט האָט איר די זיכערקייט?

די באַלעבאָסטע האָט זיך פאַררויטלט.

— איך בין אַן אומפּאַרטייאישע... ס'הייסט כ'געהער נישט צו דער פּאַרטיי. ווייסט נאָך נישט די פּאָליציי פון אונדז. דערפאַר זייט איר דאָ פולשטענדיק זיכער.

אירא האָט פארגעסן אין איר מידקייט און אויפמערקזאַם באַטראַכט די באַלעבאָסטע.

— פאַרוואָס זשע זייט איר אַן אומפּאַרטייאישע?

— איר שטעלט מיך אין אַ פאַרלעגנהייט, — האָט די באַלעבאָסטע, ווערנדיק נאָך מער רויט, פאַרטראַכט געענטפערט, — קיינער האָט מיר נאָך נישט געשטעלט די דאָזיקע פראַגע. פאַר די היגע חברים איז עס עפּעס נאַטירלעך אַזוי.

זי האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— ס'איז אפשר גלייכער אַזוי. די חברים האָבן זיך לאַנג געמאַטערט, געזוכט אַ זיכערן טרעפּפּונקט פאַר חברים פון צענטער, האָב איך זיי אַליין פאָרגעלייגט מיין צימער. ווען איך וואָלט געווען אַקטיוו, וואָלט איר נישט געקאָנט דאָ זיין.

— אייער מאַן ווייסט, אַז איר גיט אייער דירה פאַר אונדז?

— אָ, זיכער! ער איז אויך אַזאַ. ער וויל כאָטש מיט עפּעס העלפן די קאָמוניסטן, זאָגט ער.

— האָט איר נישט קיין מורא פאַר אַרעסט?

דאָס געזיכט פון דער פרוי איז ערנסט געוואָרן. זי האָט געוואָרפן אַ צאַרטן בליק אויפן קינד, וואָס איז געזעסן ביי דעם גאַסט אויפן שויס און געשפּילט זיך מיט איר האַנטזייגער.

— איך האָב דערפון אַ סך מאָל געטראַכט. מיט וואָס בין איך בעסער פאַר אַנדערע. ריזיקירן דאָך פיל מיט זייער לעבן. האָבן דאָך אַנדערע אויך קינדער,

אזוי ווי איך... טאָמער וואָס, האָב איך א מאמען... נו, איך האָב זיך צערעדט און איר זיצט קוים. לייגט אייך בעסער צו און רוט זיך אָפּ א ביסל.

די באַלעבאָסטע האָט צורעכט געמאכט א בעט, און דער גאסט האָט א מי־דע, אינעם אָנטאָן, זיך א וואָרף געטאָן אהין און תיכף איינגעשלאָפן!

ווען זי האָט זיך אויפגעכאפּט, איז שוין געווען אָוונט. אין צימער האָט גע־ברענט ליכט. אן אומבאקאנטער, ברייטפּלייציקער מאַן האָט שטיל גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע. זי האָט זיך האסטיק אויפגעזעצט און, ווי אנטשולדיקנדיק זיך, געזאָגט:

— געשלאָפן א גאנצן טאָג. פאַרוואָס האָט איר מיך נישט אויפגעוועקט? די באַלעבאָסטע האָט זיך צעלאכט.

— איר האָט גאָרנישט פארשפּעטיקט. איר זייט געשמאַק געשלאָפן און מסתמא גוט זיך אויסגערוט. אָט איז חבר סעמיאָן. ער איז נאָר וואָס אריינגע־קומען.

סעמיאָן איז צוגעגאנגען צו איר און אויסגעשטרעקט א ברייטע פאַרהאַרטע־וועטע האַנט.

גוטנאָוונט, חברטע. מיר האָבן זיך נישט גערעכנט אויף אייך. א פּאָר טעג פאַרן ערשטן מאַי! צו געפערלעך איצט צו מאַכן רייזעס. אין קרייז קומען פּאָר מאַסן־ארעסטן. וואָס איז דאָ נייעס? — האָט ער נייגעריק געפרעגט.

זי איז פלינק אראָפּגעשפּרונגען פון בעט, געדריקט זיין האַנט.

— איר זייט גערעכט. ס'איז איצט טאַקע געפערלעך צו מאַכן רייזעס. אין ל. בין איך נעכטן שיר נישט דורכגעפאַלן. מיט א קונץ זיך אויסגעדרייט פון די שפּיקעס. אָבער איך האָב וויכטיקע דירעקטיוון פאַר אייך. מיר לייגן אויף אייער קרייז גרויסע האָפענונגען. דער דאָזיקער ערשטער מאַי דאַרף זיין א בוחות־פּרווו פאַר אונדזער פּאַרטיי. איר האָט אונדזער צירקוליאַר נישט באַקומען? — סע־מיאָן האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין". — מיר ווייסן, איר האָט נישט געקאָנט באַקומען. דער קוריער איז ארעסטירט געוואָרן. זעצט זיך, וועלן מיר זיך אדורכריידן.

סעמיאָן האָט זיך אוועקגעזעצט, געקוקט ערנסט אויפן גאַסט, וואָס האָט אויסגעזען אזוי נאָענט און באַקאַנט, כאָטש ער האָט זי קיינמאָל אין לעבן פריער נישט געזען.

— אונדזער קאָמיטעט וועט זיין צופרידן פון אייער באַזוך. מיר האָבן שוין אזוי לאַנג נישט געהאַט קיינעם פון צענטער. מיר האָבן זיך שוין געפילט פאַר־יתומט, — האָט ער שנעל צוגעגעבן, באַמערקנדיק, אז זי וויל אים איבעררייסן:

— מיר האָבן אייך נישט געגעבן קיין אדרעס. דער לעצטער טרעפפונקט איז דורכ־

געפאלן און מיר האָבן געזוכט א זיכערן אדרעס. קוים געפונען, כאָטש א רעסטאָראן איז נישט איבעריק גוט פאר פרויען.

— גוט, וואָס איר ווייסט כאָטש אייער שולד. דריי חדשים נישט געגעבן קיין אדרעס, דאָס איז צופיל. אזוי איז אוממעגלעך צו ארבעטן. דאָס פארשווערט געוואלדיק די ארבעט פון צ. ק. נו, גוט, וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער רעדן. לאָמיר בעסער צוטרעטן צום ענין.

די באַלעבאָסטע האָט פארוואונדערט געקוקט אויף אירען, אויף דער מאָדנער ענדערונג, וואָס איז אין איר פאָרגעקומען. ס'איז נישט געווען מער די מידע ליבלעכע מיידל, וואָס איז געזעסן מיט איר אין דער פרי און אזוי אינטים געשמועסט. פאר איר איז געזעסן אן אנדער פרוי. די גרינע אויגן האָבן געקוקט שטרענג און ערנסט. פון איר גאנצן וועזן האָט געשלאָגן ווילן און אנטשלאָסנקייט. איר יעדעס וואָרט האָט געצוווּנגען אויפמערקזאם זיך צוהערן, נישט צו פארפעלן קיין וואָרט. זי האָט גערעדט שטיל, נאָר טיילמאָל האָט זיך איר שטים אויפגעהויבן, האָט מיטגעריסן. סעמיאָן איז די גאנצע צייט געזעסן, נישט אראָפּגענומען קיין אויג פון איר, באמיט זיך נישט צו פארלירן קיין וואָרט, איינשליסן פעסט אין זכרון דאָס אלץ, וואָס זי האָט דערציילט.

זי האָט אים איבערגעגעבן די לעצטע פארטיי־באשלוסן. זי האָט פאר אים געשילדערט די פּאָליטישע סיטואציע, די סאָציאלע ענדערונגען און כוחות־פארהעלטענישן אין לאנד, די שטעלונג פון דער פארטיי, די דערגרייכונגען און שוואכע זייטן.

— אָפּשאצנדיק די געשאפענע לאגע, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פארטיי באשלאָסן צו מאָביליזירן דעם היי־יאָריקן ערשטן מאי די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון לאנד פאר א מעכטיקער קאמפּס־דעמאָנסטראציע. די וויכטיקסטע אויפגאבע איז — דורך א ברייטער מאסן־אגיטאציע פארן איינהייטלעכן פראָנט אייננאָרדענען געמיינזאמע אינטערנאציאָנאלע דעמאָנסטראציעס פון ווייסרוסישע, פוילישע און יידישע ארבעטער און פויערים אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער. אייער קרייז איז איינער פון די וויכטיקסטע אין מערב־ווייסרוסלאַנד. דער ווינטער איז געווען זייער א שווערער. אין דאָרף הערשט הונגער. ס'בושעווען עפּידעמיעס, די ארבעטער און פויערים זענען פארביטערט קעגן דער מאכט. ס'האָט זיך אָנגעזאמלט א סך ברענשטאָף ביי די מאסן. אונדזער פארטיי האָט לאנגיאָריקע רעוואָלוציאָנערע טראדיציעס אין אייער קרייז. נישט איינמאָל שוין זענען דאָ פאָרגעקומען שטורמישע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען. די דירעקטיוון פון צענטראַל־קאָמיטעט זענען, אז איר זאָלט אָרגאניזירן אין שטאָט א מעכטיקע מאי־דעמאָנסטראציע און ארייַנציען די פויערים פון אלע ארומיקע דערפער

אַנטיילצונעמען אין איר. איר מוזט תיכף מאָביליזירן אַלע כוחות, וואַרפן דעם גאַנצן אַקטיוו אין די פאַבריקן און אין דאָרף.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ווײַטער פאָרגעזעצט:

— מיר ווייסן, די צייט איז קורץ, און דער טעראָר איז גרויס, מיר פאַרשטייען די געוואַלדיקע שוועריקייטן, וואָס אײַך שטייען פאָר, דאָך האָפט דער צענטראַל־קאָמיטעט, אַז אײַער אָרגאַניזאַציע וועט שטיין אויף דער הייך פון דער דאָזיקער וויכטיקער אויפגאַבע.

סעמיאָן האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן, איבערגעחזרט אין געדאַנק אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון איר. ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און וואַרעם, חבריש זי געדריקט.

— אַ דאַנק, חברטע. איך באַדויער בלויז, וואָס נאָר איך איינער האָב אײַך געהערט. כ'וועל זיך באַמיִען איבערצוגעבן אַלץ, וואָס איך געדענק, די חברים.

— איך האָב געהאַט בדעה צונויפצורופן דעם קאָמיטעט. נאָר דער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, געמענדיק אין אַכט, אַז ס'איז פאַרן ערשטן מאַי, האָט מיר שטרענג פאַרבאָטן דאָס צו טאָן. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך זען נאָר מיט אײַך.

— זייער ריכטיק, — האָט זיך סעמיאָן אָנגערופן, — ס'איז אויך אַ גרויסע געפאַר פאַר אײַך, צונויפרופן איצט דעם קאָמיטעט מיט אײַך צוזאַמען וואָלטן מיר נישט ריזיקירט. לעצטנס איז בײַ אונדז זייער אומרואיק. אַ סך אַרעסטן זענען פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך, — האָט ער אומעטיק צוגעגעבן.

— דערציילט, וואָס הערט זיך בײַ אײַך.

סעמיאָן האָט אין פּשוטע ווערטער געשילדערט די לאַגע אין קרייז און אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די געוואַלדיקע שוועריקייטן, וואָס די אָרגאַניזאַציע לעבט לעצטנס איבער. די שטימונג צווישן די אַרבעטער און די פּויערים האָט זיך זייער ראַדיקאַליזירט. נאָך קיינמאָל האָט די פּאַרטיי נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע סימפּאַטיעס צווישן די מאַסן, ווי איצט. יעדעס וואָרט פון דער פּאַרטיי ווערט אויפגעכאַפּט פון די מאַסן, דאָס דאָרף רײַסט זיך צו רעוואָלוציאָנערע מעשים. ס'קומט אָפטמאָל אויס אויפצוקלערן און צו קעמפן קעגן טייל היצקעפּ, וועלכע פאָדערן, אַז די פּאַרטיי זאָל תיכף רופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען אין דאָרף קאָן מען אָפטמאָל הערן אַזעלכע טענות: „אויף וואָס וואַרטן מיר נאָך? אַלע זענען מיר גרייט צו קעמפן פאַר דער ראַטנמאַכט. גענוג געערדט און אַגיטירט!... נישטאָ מער קיין כוחות צו לײַדן... זאָל דער צענטראַל־קאָמיטעט אונדז הייסן זיך נעמען צום געווער. אַלע ווי איינער וועלן מיר אויפשטיין". אַזעלכע רייד קאָן מען הערן נישט נאָר פון פּאַרטייאישע, נאָר פון צענדליקער אומפּאַרטייאישע.

ער האָט דערציילט, אַז אין ראַיאָן ל. האָט זיך געשאַפן אַ טעראָריסטישע גרופע פון אַ מאַן צוואָנציק אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי, ווייל מיר זענען קעגן אינדיווידועלן טעראָר. געראַסים איז זייער פירער. זיי באַפאַלן איינצלנע פּאָליציאַנטן און דערמאָרדן זיי. זיי ציגדן אונטער די כאַטעס פון קאָנפידענטן. אין אַ סך ראַיאָנען ציגדן אונטער די פּויערים די הייזער פון אַזעלכע קולאַקעס, וועלכע מע איז חושד, אַז זיי גיבן איבער דער פּאָליציי ידיעות. איינצלנע פּאָליציאַנטן וועט איר איצט קיינמאָל נישט טרעפן אין דאָרף, זיי האָבן מורא. זיי קומען גרופּנווייז, טיילמאָל אפילו מיט קוילנוואַרפער... עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער טעראָר, מען אַרעסטירט מאַסנווייז, אין די הונדערטער און מע שלאָגט אַזוי לאַנג, ביז עמעצער האַלט נישט אויס און הייבט אָן צו שיטן. מיט איניקע טעג צוריק האָבן פּאָליציאַנטן אין דאָרף ק. דערטרונקען אַ יונגן חבר. זיי האָבן אים לאַנג געפּייניקט, פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אויסגעבן. דער חבר האָט זיך געהאַלטן העלדיש, געשוויגן. דעמלט האָבן זיי אים אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און אַראָפּגעלאָזט אין אַ ברונעם, דראָענדיק, אַז אויב ער וועט נישט זאָגן, וועלן זיי אים דערטרינקען. די שטריק האָט זיך אָפּגעבונדן און ער איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. אַרויסגענומען האָט מען אים שוין אַ טויטן. אויפן פּאָליציי-פּאָסטן אין שטעטל ר. האָט מען די אַרעסטירטע אַזוי לאַנג געשלאָגן, אַז איינער איז געבליבן טויט גלייך אויפן אָרט און די איבעריקע דריי ראַנגלען זיך ביז איצט מיטן טויט אין שפּיטאָל. פון אומעטום קומען די זעלבע ידיעות. איבערהויפּט אויזדרעקעווען זיי זיך איבער אַרעסטירטע פרויען — ער האָט נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויף די צוויי פרויען און די האַנט האָט אים אָנגעהויבן ציטערן. ער איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע, געטראַכט שווער און ווייטער פאָרגעזעצט:

— דאָס שווערסטע און פּיינלעכסטע איז די פּראָוואָקאַציע. דער באַוווסטזיין, אַז צווישן אונדז געפינט זיך איינער אָדער איניקע פּראָוואָקאַטאָרן. אָ, ווען מיר זאָלן ווישן, ווער עס איז דער אויסוואָרף! זיין ברייט געזיכט מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע ברייטע קינבאַקן איז רויט געוואָרן, ער האָט ביז אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, — מיר באַוויזן נישט אויפסנייַ אויפצושטעלן אַן אָרגאַניזאַציע, ווי עס הייבן זיך אָן אַרעסטן. פון אַלטן אַקטיוו, — ער האָט זיך ביטער צעלאַכט, — איך רעד וועגן „אַלטן" אַקטיוו, פון די חברים, וואָס האָבן געאַרבעט פאָריקס יאָר, זענען מיר פאַרבליבן נאָר דריי: איך, סעריאָזשע און מיכאל פון דער יוגנט. די איבעריקע זענען אַלע אַרעסטירט. איצט אַרבעטן נייע חברים, אַרויסגערוקטע פון די קעמערלעך.

— האָט זיך די אָרגאַניזאַציע פאַרקלענערט?

— ניין, — האָט ער ענערגיש אויסגעשריגן, —פאַרקערט, זי האָט זיך פאַר־גרעסערט. נישט קוקנדיק אויף די ארעסטן, האָט זיך אונדזער אָרגאַניזאַציע אין קרייז פאַרן לעצטן יאָר פאַרגרעסערט מיט פרישע 300 מיטגלידער.

אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ ליכטיקער שמייכל.

— זעט איר, אונדזער ווירקונג וואַקסט. אונדזערע אָרגאַניזאַציעס פאַר־שטאַרקן זיך, וואָס האָט איר געוואָלט, אז דער שונא זאָל זיצן רואיק און גלייכ־גילטיק זיך צוקוקן, ווי מיר גראָבן אים אַ קבר? דער דאָזיקער טעראָר איז נישט קיין סימן פון שטאַרקייט פון פאַשיזם, נאָר פון זיין שוואַכקייט. איז קלאָר אונ־דזער אויפגאַבע — נאָך ענערגישער, מיט מער כּוחות זיך נעמען צו דער ארבעט.

סעמיאָן האָט זיך פאַררויטלט.

— איך ווייס עס, — האָט ער מונטער צוגעגעבן, — דאָס האָב איך אַזוי זיך, אַ ביסל אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן. פאַר די חברים בין איך שוין גאָרנישט פּעסימיסטיש. האַ, לענאַ? — האָט ער שמייכלענדיק זיך געווענדעט צו דער באַלעבאָסטע.

די באַלעבאָסטע איז די גאַנצע צייט פון זייער געשפּרעך געזעסן אומבאַ־וועגלעך, נישט געוואָלט שטערן דעם שמועס. זי האָט זיך באַשיידן געווענדעט צו דער פרעמדער.

— אָ, חבר סעמיאָן... פאַרקערט, ער גיט צו מוט אַלע חברים. אומעטום איז ער דאָ. איך טענה אָפט צו אים, אַז אַזוי טאָר מען נישט. אומעטום ריזיקירט ער. אַלע געפערלעכע אַרבעטן טוט ער אַליין.

— נו, לענאַ, — האָט סעמיאָן ווידער רויט ווערנדיק אַרויסגעשטאַמלט און, ווענדנדיק זיך צו דער געקומענער, צוגעגעבן, — זי טרייבט איבער, איך אַרבעט נישט מער, ווי אַנדערע.

און, ווי וועלנדיק ענדערן די דאָזיקע טעמע, האָט ער פאַרטראַכט אַרויסגע־רעדט:

—איך טראַכט וועגן אייך, חברטע, ווי וועט איר צוריק דערפאָרן צום צענ־טער אין אַזאַ צייט? ווי זאָל איך אייך רופן, חברטע?

זי האָט זיך אויפגעהויבן, מיט אַ שמייכל צוגעגאַנגען צו אים און אַרויפגע־לייגט די האַנט אויף זיינע ברייטע אַקסלען.

— רופט מיך אירא. פאַר מיר זאָלט איר זיך נישט זאָרגן. איך האָף, אַז איך וועל זיך דאָסמאָל אויך אַרויסדרייען פון פאָליציייאישע הענט. איבעריקנס, — האָט זי ענערגיש צוגעגעבן.

לענאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז דער גאַסט האָט גאָרנישט געגעסן אַ גאַנצן טאָג. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און גענומען גרייטן צום טיש.

לאַנג איז נאָך סעמיאָן געזעסן מיט דער אינסטרוקטאָרין פון צענטער. אים האָט אינטערעסירט, ווי עס גייט די אַרבעט אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט דערציילט איינצלהייטן פון לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע אין קרייז. צוזאַמען האָבן זיי באַטראַכט דעם פּלאַן פון דער מאַי-דעמאָנסטראַציע, די צוגרייטונגס-אַרבעט אין שטאָט און אין דאָרף. אירא האָט צוגעהאָלפן סעמיאָנען צונויפשטעלן אַ רשימה פון חברים צו שיקן אין דאָרף, אין די פאַבריקן.

עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט. סעמיאָנען האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט אַוועקגיין. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מיטן אַוועקגיין וועט ער עפּעס פאַרלירן.

...אַ קינד פון יידישע אַרבעטער, איז ער יונג אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. געווען אַ קאָמיוניסט, געאַרבעט אין ג. אַ פּאָר יאָר, דאָרט געווען סעקרעטאַר פון שטאָטישן קאָמיטעט פון קאָמיוג. נאָכדעם איז ער אַוועק צו פּאַרטיי-אַרבעט. געאַרבעט האָט ער דעמלט אין פאַבריק. ער איז אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעזעסן פיר מיט אַ האַלב יאָר אין תפיסה.

— דאָס איז געווען מיין צווייטער אַרעסט. איך מוז זיך מודה זיין, אַז בעתן אַרעסט האָב איך זיך שרעקלעך געשראָקן. איך האָב מורא געהאַט פאַר קלעפּ און געשעמט זיך פאַר זיך אַליין. ווי געווײנלעך, האָט מען מיר אין דער דעפענסיווע גוט צענעריקט. דער ערשטער קלאַפּ האָט מיך אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. איך האָב זיך פאַרגעסן און זיך געוואָרפן צוריקשלאָגן. ווי איר זעט, — האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן, — בין איך נישט פון די שוואַכע, — לאַנג האָט געדויערט די ראַנגלעניש מיט מיר, ביז זיי האָבן מיך געבונדן און ערשט דעמלט גוט צעממיתט. און דאָך האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט די דעפענסיווע-פייניקונגען שרעקלעכער, ווי זיי זענען געווען. און אפשר, — האָט ער פאַרטראַכט צוגעגעבן, — האָט עס נאָר אויף מיר אַזוי געווירקט. אפשר האָט מען מיך נישט אַזוי שטאַרק געשלאָגן. האָב איך דאָך געזען אַנדערע, געזינטערע פאַר מיר, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זיך איינגעבראָכן.

— ניין, נישט וועגן געזונט גייט עס, — האָט אירא אים איבערגעריסן, — דאָס איז אַ פראַגע פון כאַראַקטער, פון קאָמוניסטישן באַוווסטזיין, פון פּאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאַרטיי און אַכטונג צו זיך אַליין.

— ריכטיק. צו דעם אויספיר בין איך טאַקע געקומען אין תפיסה, צוזעענדיק די יעניקע, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן און געשאַטן. די תפיסה איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע שול. דאָרט האָב איך געהאַט צייט אַ ביסל זיך צו לערנען איבערצוטראַכטן. מיר שיינט, אַז איינגנטלעך אַ קאָמוניסט, אין פולן זין פון וואָרט, בין איך ערשט דאַן געוואָרן.

— ס'איז מיר זייער שווער, — האָט ער מיט באַדויער צוגעגעבן, — אָנצו־פירן מיט אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע. נאָכן אַרעסט פון ראָמאַנאָווסקין בין איך געוואָרן קרייז־סעקרעטאַר. אָפטמאָל פיל איך, אַז איך בין נישט בכוח צו זיין דער פּאָליטישער פירער, אַז די אויפגאַבן זענען מיר איבערגעוואַקסן. ס'פעלט מיר וויסן. איך חלום וועגן איין זאַך — באַקומען די מעגלעכקייט צו לערנען זיך און דערמלט זיך ערשט נעמען רעכט צו דער אַרבעט.

אירא האָט מיט אינטערעס באַטראַכט אָט דעם דאָזיקן בריטפּלייציקן גע־זונטן בחור, מיטן ענערגישן געזיכט און נאַיווע קינדערישע ברוינע אויגן. זי האָט געשמייכלט צו אים.

— אונדז אַלעמען פעלט וויסן. אונדזער וויסן באַקומען מיר אין קאַמף, אין דער טאָגטעגלעכער פּראַקטיק. פון אייער אינפאָרמאַציע זע איך, אַז איר אָריענ־טירט זיך בעסער, ווי פיל אַנדערע, וועלכע האָבן אַ סך געלערנט. איר פאַרמאָגט אַ גרויסע פּראַקטיק, און דאָס איז זייער וויכטיק. פאַרשטייט זיך, אַז איר האָט פאַרדינט, אַז מען זאָל אייך שיקן אין אַ פּאַרטיי־שול. איך וועל די פראַגע שטעלן פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט. אייך וועט זייער שטאַרק נוצן אַ פּאַרטיי־שול. זעט נאָר נישט אַריינצופאַלן און נישט אַרעסטירט צו ווערן.

סעמיאָן האָט זיך צעלאַכט.

ס'איז מערקווירדיק, איך וואָרן אייך, איר וואָרנט מיך. אַז צוויי קאָמוניסטן טרעפן זיך, מוזן זיי ענדיקן מיטן שפּרוך: „האַלט זיך, פאַלט נישט אַריין!“.

סעמיאָן האָט שווער זיך אויפגעהויבן און נישט געוואָרן זיך געזעגנט. ער האָט היים געדריקט איר האַנט.

— זייט רואיק, גיט איבער דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַז מיר וועלן אַלץ טאָן, מיר דאַנקען דעם צענטער פאַר דער מתנה צום ערשטן מאַי. דאָס מיין איך אייך — האָט ער פריילעך צו איר געלאַכט.

— און אַ דעמאָנסטראַציע וועט זיין דער פּאָליציי אויף צולהכעיס אַזאַ, אַז זי זאָל פּלאַצן, אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז נאָך ביז איצט דאָ אַזאַ נישט גע־ווען.

די צוויי פרויען זענען פאַרבליבן אַליין. דאָס קינד איז שוין פון לאַנג גע־שלאָפן. לענאַ האָט אויסגעבעט די בעטן און באַמערקנדיק, אַז אירא איז ווידער די זעלבע הארציקע, אינטימע, וואָס אין דער פרי, האָט זי זיך, אויסטוענדיק, געווענדעט צו איר:

— קוקנדיק אויף אייך, אויף סעמיאָנען, וווּנדער איך זיך, אַזעלכע יונגע, באַזונדערס איר. ווי נעמט איר כוח זיך אָפּצוזאָגן פון אַלץ, ליידן, פייניקן זיך אין תפיסה. אָפּזאָגן זיך פון פערזענלעכן גליק? צי וואָלט איך אויך פעיק געווען דערצו? — אירע גרויסע גרויע אויגן האָבן מיט ליבשאַפט געקוקט אויף אירען.

אירא האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעט און זי אַרומגענומען.

— איר פרעגט, פון וואַנען נעמען מיר בוח זיך אָפּצוזאָגן פון אַלץ. ס'איז נישט אמת, לענאַ, מיר האָבן זיך פון גאָרנישט נישט אָפּגעזאָגט. אונדז שטויסט צו מעשים, אָפּטמאָל צו העלדישע שריט, גראָד אונדזער געוואַלדיקער דורשט צום לעבן, דער באַוווסטזיין, אַז אַלץ, וואָס איז שיין און ליכטיק, געהערט צו אונדז, מוז צו אונדז געהערן!

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דאָס קינד האָט זיך אומרואיק געדרייט אין שלאָף.

— מיר האַלטן אוים תפיסה, פּייניקונגען. איר ווייסט פאַרוואָס? ווייל מיר גלייבן אינעם מאָרגן, וואָס מוז קומען. מיר זענען מאַרקסיסטן און ווייסן, אַז מיר מוזן זיגן. אין די טאָגטעגלעכע שלאַכטן האָבן מיר געלערנט די געזעצן פון קלאַסן־קאַמף. תפיסה, אינקיוויזיציעס זענען אומפאַרמיידלעך, פּונקט ווי ס'זענען אומפאַרמיידלעך די ווייען פון אַ מוטער ביים געבורט פון קינד. האָט איר דאָך, לענאַ, געוווסט, אַז ס'וועט ווי טאָן, דאָך האָט איר זיך נישט אָפּגעשראָקן. מיר האָבן ליב דעם ליכטיקן טאָג, וואָס מוז קומען, וואָס איז שוין געקומען אויף אַ זעקסטל פון דער ערד... אויך איר, לענאַ, זייט שוין איצט אַן אונדזעריקע. איר וועט אויסהאַלטן, — זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און שטיל צוגעגעבן, — און אפשר נאָך בעסער, ווי אַ סך, וועמען ס'דאַכט זיך אין דער ערשטער מינוט, אַז זיי וועלן יאָ אויסהאַלטן.

דער קוריער

אַרייַנגעקומען אין וואַגאָן, האָט דער בלייכער יונגערמאַן מיטן טשעמאָדאַן פּאָרזיכטיק זיך אומגעקוקט. אַרום אים האָבן זיך געשטופּט פּויערים מיט קוישן, יידן מיט פּעק. יעדער האָט זיך געפּאָרעט אַרום זיין באַגאַזש, זיך געמאַכט באַקוועם. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם טשעמאָדאַן אויף דער אייבערשטער פּאָליצע און אויס פּאָרזיכטיקייט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק. דער צוג האָט גערירט. דער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט און איינגאַנצן זיך באַרואיקט. „ס'האָט זיך מיר געחלומט אַ שפּיצעל“, — האָט ער געטראַכט וועגן דעם בלאָנדן. די פּאַסאַזשירן האָבן היציק גערעדט, דיסקוטירט. אַן עלטערער פּויער האָט זיך געקלאָגט אויפן הונגער, וואָס עס הערשט אין דאָרף, אויף די הויכע שטייערן און ליציטאַציעס. ער האָט איינגעטענהט מיט זיין שכן, אַ ייד, ווי ער וואָלט געהאָפּט, אַז יענער ווייסט מער פון אים און קאָן אים מיט עפּעס העלפן.

— זאָגט, איך בעט אייך, — האָט ער געטענהט, — לאַנג קאָן דאָס אַזוי אָנהאַלטן? ס'מוז דאָך ווען נישט איז פּלאַצן, ווי לאַנג קאָן מען אַרומגיין הונגעריקע אויף דער וועלט, האַ? מענטשן זענען אויפגערעגט, זענען געוואָרן חיות, גרייט צו וואַרפן זיך מיט די נעגל איינער אויפן צווייטן, אַבי זיך צו ראַטעווען. די רעגירונגס־מענטשן שינדן די הויט. אָט האָבן זיי דעם מאָנטיק צוגענומען ביי מיר די לעצטע קו. איך מיש זיך נישט אין פּאָליטיק, — האָט ער, פּאָרזיכטיק אַרומקוקנדיק זיך, שטילער אָנגעהויבן צו רעדן, — נאָר די נויט קאָן צו אַלץ דערפירן, דערלאָז נישט דערצו, גאָט! וואָס וועט זיין, פרעג איך?

דער ייד האָט שווער געקרעכצט, געקוקט מיט מיטגעפיל אויפן פּויער.

— איר מיינט, אַז אין שטאָט איז בעסער? אין שטאָט איז אפשר נאָך ערגער. אייך וואַרפט מען כאָטש נישט אַרויס פון די כאַטעס. מיר דראָט דער ווירט אַרויסצוּוואַרפן מיט די קינדער אויף דער גאַס, אויב איך וועל נישט באַצאָלן פאַר די זעקס חדשים דירה־געלט, וואָס איך בין שולדיק. אָבער פונוואַנען, פרעגט זיך,

וועל איך נעמען צו באַצאָלן, אַז שוין חדשים לאַנג ווי מע גייט אַרום ליידיק. שוין אויסגעפאַרקויפט אַלץ פון שטוב, נישטאָ מער, וואָס צו פאַרקויפן. גוטע פריינד האָבן געבאָרגט אַ פּאָר זלאָטעס, האָב איך געמאַכט עטלעכע פּאָר שיך און פאָר אויפן מאַרק, אפשר וועט זיך עפּעס פאַרדינען. אויב נישט, בלייבט איבער צו נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הייזער.

אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיקן געשפּרעך, געוואָלט עפּעס צוגעבן, נאָר אָפּגעהאַקט אינמיטן, אומגעקוקט זיך דערשראָקן, ווי יעדער איינער וואָלט געוואָלט, אַז אַן אַנדערער זאָל זיין דרייסטער און דער ערשטער אָנהייבן רעדן.

איבערגעריסן די שטילקייט האָט אַן אַלטער פּויער, וועלכער האָט פריער זיך געהאַט צוגעהערט, רייכערנדיק רואיק זיין פּויערישע ליולקע.

— מע זאָגט, — האָט ער מיט אַ פאַרדומפּן קול אָנגעהויבן, — אַז דאָרטן איז נישטאָ פאַראַן קיין אַרבעטסלאָזע, אַז אַלע האָבן אַרבעט. אַלע פּויערים האָבן ערד. איז דאָס אמת, מענטשן?

קיינער האָט נישט געפרעגט, ווו עס איז דער „דאָרטן". אַלע האָבן פאַרשטאַנען דעם אַלטיטשקן, ווי אַלע וואָלטן די גאַנצע צייט געטראַכט דאָס זעלבע און בלויז געוואַרט, אַז ער זאָל דער ערשטער דאָס וואָרט אַרויסרעדן.

— יאָ, דאָרט איז עפּעס אַנדערש, — האָט איינער מיט אַ קרעכץ צוגעגעבן, — דאָרט וועט מען פון פּויער נישט צונעמען די לעצטע קו. דאָרטן האָט מען ביי אַנדערע צוגענומען.

— גרענעצן, — האָט זיך אַ מיטליעריקער פּויער געבייזערט, — פון איין בלוט און פלייש, דאָס זעלבע פאָלק, און גאָ דיר גרענעצן.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צערעדט? — האָט אַ פּויערטע אין אַ ברוינער פּאַטשיילע אומצופרידן אַ זאָג געטאָן. — וואָס איז אייך שוין דאָס לעבן נמאס געוואָרן?

אַלע האָבן אומרואיק זיך אומגעקוקט. יעדער איינער האָט זיך באַמיט אַריינצוקוקן אין דער נשמה צום צווייטן.

— אַ לעבן איז עס? אַ תפיסה, כאָטש צי זיך אויס אינמיטן גאַס און פּגר אַוועק. — האָט איינער געפּרווט נאָך אונטערהאַלטן דעם געשפּרעך, נאָר קיינער האָט זיך מער נישט אָפּגערופן. יעדער איינער האָט זיך באַמיט נישט צו זען און נישט צו באַמערקן דעם שכן.

דער יונגערמאַן האָט ווי זיך נישט צוגעהערט צום געשפּרעך, ער האָט נאָר געלייענט אַ צייטונג. אויף איינער אַ סטאַנציע האָט ער אַ קוק געטאָן אין פענצטער, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט באַמערקט אויפן פּעראָן דעם בלאָנדן שפּאַצירן מיט נאָך עמעצן. ער איז אומרואיק געוואָרן. „אַריינגעפאַלן",

האָט אים אַ צי געטאָן ביים האַרצן. ער האָט נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויפֿן טשעמאָדאַן, וואָס איז זיך געלעגן קעגנאיבער אויף דער פּאָליצע.

„אַריבערגיין פּאַרזיכטיק אין אַן אַנדער וואַגאָן, איבערלאָזן דאָ דעם טשע־מאָדאַן, זאָל מען אים אַרעסטירן, זיי וועלן גאָרנישט געפינען“, — איז אַדורך אַ געדאַנק. ער האָט זיך אויפגעהויבן, שטיל זיך דורכגעגלימשט צווישן די פּאַסאַ־זשירן, געמאַכט זיך אַריינגיין אין קלאָזעט.

ער האָט זיך אומגעקוקט, געזען, אַז קיינער קוקט אים נישט נאָך, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין אַן אַנדער וואַגאָן.

אין צווייטן וואַגאָן איז געווען האַלב פּוסט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ליידיקע באַנק און פֿאַרטראַכט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, געקוקט אויף די פאַרביילויפנדיקע פעלדער און וועלדער. רואיקער איז ער אָבער נישט געוואָרן.

„און אפשר האָב איך זיך טועה געווען, ס׳האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז דאָס איז דער זעלבער — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — און אויב אפילו דאָס איז דער זעלבער, איז פֿונוואַנען האָב איך גענומען, אַז ס׳איז אַ שפּיצעל? ווינציק מענטשן קוקן איינער אויפֿן צווייטן? האָב איך דאָך אויך אויף אים אַ קוק געגע־בן? פֿון וואַנען האָב איך גענומען, אַז דאָס איז אַ שפּיצעל?“.

די געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט, איבערגעהאַקט איינער דעם צווייטן. ער האָט צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער קאַלטער פייכטער שויב.

„אַנטלאָפֿן און איבערגעלאָזט דעם טשעמאָדאַן אינעם צווייטן וואַגאָן, ווי דער לעצטער פּחדן, וואָס וועלן זאָגן די חברים?“ — האָט געעקבערט אַ געדאַנק. מע וועט לאַכן פֿון אים און טראַכטן, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר זיין איי־גענעם שאָטן. אין טשעמאָדאַן איז ערשטמאַיקע ליטעראַטור. חברים וואַרטן אויף דעם, מע קוקט זי אויס מיט אומגעדולד. מיט וואָס וועט ער דערקלערן זיין פּחדנות? גרישע וועט קוקן מיט פֿאַראַכטונג און וועט זיך רייצן מיט אַדאַמען: „האַ, איך האָב געזאָגט, אַז מע זאָל אים נישט שיקן. איך קען דעם העלד!“.

דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים. „איך בין נישט קיין פּחדן, איך פֿאַר טאַקע דאָס ערשטע מאָל מיט ליטעראַטור, אָבער מורא האָב איך נישט, נישט דאָס ערשטע מאָל געווען אין לאַפּעס פֿון דער פּאָליציי? אָבער פֿון וואַנען ווייס איך, אַז דאָס איז אַ שפּיצעל?“.

ער האָט געקעמפֿט מיט זיך, איבערלייגנדיק און איבערקלערנדיק, וואָס צו טאָן. ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הייזלעך פֿון שטעטל. ס׳האָט זיך דערנעענ־טערט די סטאַנציע, אויף וועלכער ער האָט געדאַרפֿט אַראָפּגיין. ער האָט זיך ענערגיש אויפגעהויבן און צוריק אַריין אין וואַגאָן, וווּ עס איז געלעגן דער טשע־מאָדאַן.

„מיין חוב איז צושטעלן די ליטעראַטור, — האָט ער אין געדאַנק באַשלאָסן, — געבן דער אָרגאַניזאַציע אויפרופן צום ערשטן מאַי".

אויף דער סטאַנציע זענען אַראָפּגעגאַנגען אַ סך מענטשן. ס'איז געווען אַ גרויסער מאַרקטאָג אין דעם ראָזיקן שטעטל. דער יונגערמאַן האָט זיך צונויפגעמישט מיטן עולם און שנעל פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל. דאָס שטעטל האָט גערוישט און געטומלט. דער מאַרק-פּלאַץ, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלב שטעטל, איז געווען איבערפולט מיט פּויערישע פורן. צווישן די פורן האָבן זיך געשטופּט מענטשן, געהאַנדלט, געקריגט זיך, געדונגען זיך. אין די זייטן און אינמיטן מאַרק זענען געווען אויסגעשטעלט ביידלעך מיט סחורות. טייל האָבן אויסגעלייגט זייער סחורה אויף דער ערד. אַלע האָבן געשריגן, גערופן די קונים צו זיך. אַרום די ביידלעך האָבן זיך געשטופּט פּויערים, געגאַפט, געקוקט בייגעריק, געקראַצט זיך פאַרלעגן אין קאָפּ און ווייטער געגאַנגען. זעלטן ווען עמעצער פון די פּויערים האָבן עפּעס געקויפט.

— נו, איר האָט שוין געמאַכט אַ פּאַטשאָנטעק? — האָט איין הענדלער געפרעגט ביים צווייטן, — איך שטיי שוין דריי שעה און נאָך נישט געלייזט קיין גראָשן. נאַ דיר אַ מאַרק!

— און איך, — האָט דער צווייטער געענטפערט, — האָב געלייזט צוויי גילדן און דערלייגט דערצו 20 גראָשן.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויך געלאָזט צום מאַרק. כלומרשט באַטראַכט און באַקוקט סחורות, געדונגען זיך, נישט מסכים געווען מיטן פּרייז און ווייטער געגאַנגען. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ נידעריק הייזל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון ביידע זייטן מיט אַ גרויסן פּלויט. ער האָט זיך פאָרזיכטיק אומגעקוקט, צי קיינער גייט אים נישט נאָך און אַריין אין שטוב. דער הויף האָט זיך געגרענעצט מיט אַ גרויסן סאַד, אָפּגעטיילט מיט אַ נידעריקן פּלויט. ער איז אַריין אין ענגן שמאָלן הילצערנעם קאָרידאָר, זיך אַ וויילע צוגעהערט צום קלאַפּן פון אַ שוסטעריש העמערל און זיך געלאָזט גיין אין דער דאָזיקער ריכטונג. אין צימער איז געזעסן אַ יונגערמאַן אויף אַ נידעריק דרייפיסיק שוסטעריש בענקל און געקלאַפּט הילצערנע טשוועקעס אין אַן אַלטן אָפּגעריבענעם פּויערישן שטיוול.

דער שוסטער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אַריינגעקומענעם און שטום פרעגנדיק אים אָנגעקוקט.

— צי קאָן מען ביי אייך באַשטעלן אַ פּאָר גומענע שיך. נאָר די לעדער זאָל זיין קרינקער? — האָט דער אַריינגעקומענער געפרעגט.

— און היגע לעדער טויג אייך נישט? — האָט דער שוסטער שנעל אָפּגעענטפערט.

דער אַריינגעקומענער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן. נאָר די טיר האָט זיך פּלוצעם געעפנט און אין צימער איז אַריינגעשפּרונגען אַ יונגער געזונטער בחור. ער איז צוגעשפּרונגען צום פרעמדן און אַרויסגעריסן ביי אים דעם טשעמאָדאַן.

— מע איז אייך נאָכגעגאַנגען, חבר. ס'גייען דאָ אַהער שפּיצלעס, — האָט ער שוער סאַפּנדיק אַרויסגערעדט און פאַרשוווּנדן מיטן טשעמאָדאַן הינטער דער טיר.

דאָס איז געשען אַזוי שנעל און אומדערוואַרט, אַז דער פרעמדער איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט. קוקנדיק מיט אויפגעריסענע אויגן אויף דער טיר. דער ערשטער איז געקומען צו זיך דער שוסטער. ער איז אויפגעשפּרונגען און מיט געוואַלד אַוועקגעזעצט דעם פרעמדן אויף אַ שטול.

— טוט אייך אויס שנעל די שיך און זאָגט, אַז איר האָט מיר געגעבן זיי צו פאַרריכטן, — האָט ער האַסטיק אַרויסגערעדט, העלפנדיק אים אָפּבינדן די שיך־בענדלעך.

דער שוסטער האָט קוים באַוויזן זיך. צוריקצוזעצן מיטן פרעמדנס שיך אין האַנט, ווי די טיר האָט זיך האַסטיק אויפגעעפנט. אין צימער זענען אַריין עטלעכע מענטשן. דער פרעמדער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נישט ווילנדיק אַ ציטער געטאָן. פאָרויס איז געגאַנגען דער זעלבער בלאָנדער, וועלכן ער האָט געזען אויפן וואָקזאַל. ער איז זיך נישט טועה, ניין. נאָך דעם בלאָנדן זענען אַריין צוויי ציוויל געקליידעטע פאַרשוינען.

דער בלאָנדער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום פרעמדן און שטעכיק אַ פרעג געטאָן:

— וווּ איז דער טשעמאָדאַן?

— וואָס פאַר אַ טשעמאָדאַן? — האָט דער פרעמדער קומענדיק צו זיך נאַיוו אַ פרעג געטאָן. — איך האָב נישט קיין טשעמאָדאַן.

דאָס בלוט האָט אַ זעץ געטאָן דעם בלאָנדן אין געזיכט. זיינע אויגן זענען אים מיט בלוט פאַרלאָפן.

— אַזוי שנעל באַוויזן צו באַהאַלטן! — האָט ער אַ רעווע געטאָן. — די מינוט זאָל דער טשעמאָדאַן זיין.

אַ פרייד האָט באַהערשט דעם פרעמדן. זיי האָבן נישט באַמערקט דעם חבר, וואָס האָט געראַטעוועט דעם טשעמאָדאַן. די אָרגאַניזאַציע וועט האָבן ליטעראַטור. ער האָט אַרויסרופעריש אַ קוק געטאָן דעם בלאָנדן אין געזיכט און, ווי רייצנדיק זיך מיט אים, אָפּגעענטפערט:

— זוכט, אויב אייך ווילט זיך. איך האָב אייך דערקלערט, אַז איך האָב נישט קיין טשעמאָדאַן.

— וועגן וואָס פֿאַר אַ טשעמאָדאַן רעדט איר? דער גאַסט איז געקומען פֿאַרריכטן די שיך. ער האָט נישט געהאַט קיין טשעמאָדאַן. — האָט זיך אַריינגעמישט דער שוסטער.

— גאָלדבערג, דאָסמאָל וועסטו מיר שוין נישט פֿאַררעדן די ציין. מיר האָבן שוין פֿון לאַנג אַן אויג אויף דיר. דאָסמאָל וועסטו שוין זיצן. מיר האָבן אַליין געזען, ווי ער האָט געטראָגן אַ טשעמאָדאַן. — האָט זיך צום שוסטער אָפּגערופֿן איינער פֿון די צוויי אָרטיקע שפּיצלעס. וווּ האָסטו באַהאַלטן דעם טשעמאָדאַן!

— איך ווייס פֿון גאָרנישט, איר טראַכט אויס אויף מיר אַ בלבול, — האָט דער שוסטער געענטפֿערט.

— וואָס טענהט איר זיך מיט זיי אויס, — האָט דער בלאָנדער זיך געהיצט, — אַדורכנישטערן דאָס גאַנצע הויז! דער טשעמאָדאַן מוז געפֿינען ווערן.

די שפּיצלעס האָבן זיך גענומען זוכן און איבערוואַרפֿן אַלץ אין שטוב. זיי האָבן געזוכט אין קאָרידאָר, ביי די שכנים, אויפֿן הויף. אין ערגעץ האָבן זיי אָבער דעם טשעמאָדאַן נישט געפֿונען. אויפֿגערעגטע, בייזע, זענען זיי ווידער אַריין צום שוסטער, וווּ איינער פֿון די שפּיצלעס איז געבליבן היטן גאָלדבערגן און דעם פֿרעמדן.

דער בלאָנדער איז צוגעגאַנגען צום פֿרעמדן און בייז, מיט אַ ציניש שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— אומזיסט די קאָמעדיע מיטן אויסטאָן די שיך. טוט אייך זיי צוריק אָן, — און ווענדנדיק זיך צו ביידע, האָט ער דראָענדיק צוגעגעבן, — אין דער פּאָליציי וועט איר שוין, טייבעלעך, רעדן און זאָגן, וווּ איר האָט אַהינגעטאָן דעם טשעמאָדאַן. די הויט וועלן מיר פֿון אייך אָפּשינדן.

נישט ענטפֿערנדיק קיין וואָרט, זענען ביידע, דער פֿרעמדער און דער שוסטער, באַגלייט פֿון דריי שפּיצלעס, אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿונעם צימער.

װאָלאַדעק און יאַנינאַ

דער טיש געדעקט מיט אַ װײַס בלאַנקענדיק טישטעך, איז שױן לאַנג געװען געגרײט צום אָװנט־ברױט. פֿון דער קיך האָט זיך געטראָגן אַ געשמאַקער ריח פֿון פֿריש געקעכץ. יאַנינאַ, אין אַ העל־בלױ קלײד און אַ װײַס פֿאַרטעכל, װאָס האָט שטאַרק געפּאַסט צו אירע בלאָנדע האָר און פֿריש ראָזן געזיכט, האָט אומרואיק געשפּרײזט איבערן צימער. זי האָט נערװעז איבערגעשטעלט די שטולן, דאָס געפֿעס אױפֿן טיש. דאָס ערשטע מאָל נאָך זײער חתונה איז װאָלאַדעק נישטאָ צו דער צײַט אין דער הײם. װאָס האָט געקאָנט פּאַסירן?

פֿאַר די דרײַ חדשים פֿון זײער צוזאַמענלעבן פֿלעגט װאָלאַדעק שטענדיק פּינקטלעך קומען אַהײם. האַלב זיבן אײַנאָװנט האָבן געװײנלעך זיך געהערט זײַנע שנעלע טריט אױף די טרעפּ. איצט איז שױן אַכט, און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ. צי איז נישט געשען קײן אומגליק מיט אים?

זי איז אַרײַן אין קיך, אונטערגעלײגט אַ שטיקל האָלץ, אַז דאָס פֿײַער זאָל נישט אױסגײן, אַרײַנגעקוקט אין די טעפּלעך, געשמעקט, צי עס פֿילט זיך שױן נישט צוגעברענט, און צוריק אַרײַן אין צימער. דער זײגער האָט געשלאָגן האַלב נײַן. װאָלאַדעק איז נאָך אַלץ נישט געװען. זי האָט איבערגעקלערט אַלע מעגלעכע פֿאַלן און אױף גאָרנישט נישט געקאָנט זיך אָפּשטעלן. עפּעס האָט געמוזט געשען. אַן אומגליק בײַ דער אַרבעט, ער האָט זיך אָפּגעבריט. אַ קעסל האָט אױפֿגעריסן... מוראדיקע בילדער האָבן אַדורכגעשװעבט פֿאַר אירע אױגן. זי האָט געזען װאָלאַדעקן אַ צעממיתטן, מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ, מיט אַ צעריבענעם קערפּער. זי האָט אָנגעהױבן ציטערן און הילפֿלאָז זיך צעװײנט. איצט איז זי שױן זיכער געװען, אַז ער איז טױט. װאָס װעט זי טאָן אָן אים... װידער אָרעמקײט... צו דער אָרעמער מאַמען, װאָס האַלט זיך אױס פֿון װאַשן װעש אין פֿרעמדע הײַזער. װידער זוכן אַרבעט בײַ יענעם און דערנידעריקן זיך. זי האָט דאָך נישט קײן שום פֿאַך. װערן אַ דינסט...

דער זייגער האָט געשלאָגן ניין. זי איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען. ס'קאָן שוין מער קיין צווייפל נישט זיין. איצט איז קלאָר. וולאַדעק לעבט נישט מער. גיין אין פאַבריק... געוואָר ווערן... זי האָט שנעל אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. פּלוצים האָבן זיך געהערט האַסטיקע טריט אויף די טרעפּ. „וולאַדעק!" — האָט זי אַ גליקלעכע אויסגעשריגן. זי האָט שנעל אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, צוגעלאָפן צום שפּיגל און פאַרריכט די האָר. די טיר האָט זיך געעפנט. זי איז צוגעשפּרונגען צו וולאַדעקן, פעסט אים אַרומגענומען און לײַדנשאַפטלעך געקושט.

—דו ביסט דאָ!! ——— גליקלעכע טרערן זענען גערונען פון אירע קלאָרע, בלויע אויגן. — און איך האָב געמיינט, אַז מיט דיר איז געשען אַן אומגליק. איך, נאַרישע פרוי, האָב שוין אַלץ איבערגעקלערט... וולאַדעק, וואָס וואָלט איך געטאָן אָן דיר?!...

זי האָט אים באַוואָרפן מיט צערטלעכקייטן, גערעדט שנעל, האַסטיק, גע־האָלפן אים אויסטאָן דעם מאַנטל. ער איז הילפלאָז געשטאַנען אינמיטן צימער, געקוקט אויף איר שטורמישער פרייד. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַראַ יסורים זי האָט איבערגעלעבט אין די דאָזיקע דריי שעה וואַרטן.

— אַנטשולדיק מיר, טייערע, — האָט ער קושנדיק זי זיך פאַרענטפערט, — איך האָב נישט געוווסט, אַז דו וועסט זיין אַזוי שרעקלעך אומרואיק. אַ צווייט מאָל וועל איך דיך וואָרענען, אויב ס'וועט נאָר...

נאָר זי האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן.

— דו ביסט אוודאי שרעקלעך מיד און הונגעריק. דאָס עסן האָט שוין לאַנג געמוזט קאַלט ווערן.

זי האָט זיך גענומען שנעל פאָרען. אָנגיסן זופּ אין די טעלער. ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרואיקט, געקומען צו זיך. זי האָט באַטראַכט וולאַדעקן. ער איז געזעסן מיט אַן ערנסט געזיכט, מיט טיפע קנייטשן אויפן שטערן.

— וו ביסטו געווען אַזוי שפּעט?

— אויף אַ פאַרזאַמלונג.

זי האָט פאַרוווּנדערט אויפגעריסן די אויגן און האַסטיק אַוועקגעלייגט דעם לעפל מיט געקעכץ, וועלכן זי האָט שוין געהאַט צוגעטראָגן צום מויל.

— אַ פאַרזאַמלונג אין אַ פּראָסטן מאַנטיק?

ער איז רויט געוואָרן און פאַרלעגן געענטפערט:

— יאַנינאַ, דו ווייסט דאָך, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער ערשטער מאַי. נו, האָבן מיר באַטראַכט, וויאַזוי צו פייערן דעם אַרבעטער־יום־טוב.

זי האָט אים ערנסט אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט אים ערשט דאָס ערשטע מאָל דערזען. דער שמייכל איז נאָך פריער פאַרשוווּנדן פון איר פּנים.

— וואָלאָדעק, דו פֿאַרנעמסט זיך מיט פּאָליטיק?...

— איצט פֿאַרנעמט זיך יעדער אַרבעטער מיט פּאָליטיק. — האָט ער מיט אַ גשווינדער גערייצטקייט געענטפֿערט.

אַ שרעק האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט.

— נאַר, פֿייערער, — האָט זי מיט אַ ציטער אין קול זיך געבעטן, — איך האָף, אַז דו האָסט גאָרנישט צו טאָן מיט די זשידאָווסקע קאָמוניסטן?...

ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון טיש. זיין געזיכט האָט זיך פֿאַרענדערט, איז געוואָרן פֿרעמד און בייז.

— ווער האָט דיך אויסגעלערנט אַזוי צו רעדן? וועמענס ווערטער חזרסטו איבער?

ווי עמעצער וואָלט איר מיט אַ שאַרפֿער זאַך געגעבן איבערן קאָפּ. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי פֿאַלט אום.

— דו, וואָלאָדעק, — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט, — אַ קאָמוניסט?! אָ, הייליקע מוטער, איך וועל משוגע ווערן... דו האָסט זיך אויך פֿאַרקויפֿט צו די זשידעס!...

וואָלאָדעק איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו איר. עטלעכע סעקונדן איז ער געשטאַנען אומבאַוועגלעך. ביידע האָבן געפֿילט, אַז ס'האָט זיך פּלוצים צעעפֿנט צווישן זיי אַ טיפֿער אָפּגרונט.

— יאַנינאַ, — האָט ער שטיל, נאָר פֿעסט, ווי צײלנדיק יעדעס וואָרט, אַרויסגערעדט, — דו ווייסט, ווי איך האָב דיך ליב... אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל דיך ליב האָבן, אַז מיר זאָלן זיין צוזאַמען, דאַן מוזטו זיך אָפּגעוווינען פֿון רעדן אַזעלכע פּאַסקודנע רייד, — ער האָט זיך צעהיצט, — דו האָסט מיך באַליידיקט... יעדן ערלעכן אַרבעטער... קאָמוניזם איז נישט עפּעס אַ יידישע זאַך. דאָס האָבן אַזוי אויסגעטראַכט אונדזערע שונאים. קאָמוניזם איז דער אידעאַל פֿון אַלע ערלעכע אַרבעטער אין פּוילן, אויף דער גאַנצער וועלט. ביי מיר אין שטוב וועל איך נישט דולדן אַזעלכע רייד!...

אַ בייז פֿייערל האָט זיך באַוויזן אין יאַנינאַס אויגן.

— דו וועסט נישט דולדן? איך בין אַ פֿרומע קריסטין, ביי מיר איז דער גלח מער באַגלייבט, ווי די זשידעס. גיי אין קלויסטער, וועסטו הערן, וואָס דער גלח רעדט וועגן קאָמוניזם. דאָס איז אַ יידישע אויסטראַכטעניש אויף אומגליקלעך צו מאַכן פּוילן, צו פֿאַרקנעכטן פּוילישע קינדער צו די מאָסקאַלעס. איך וועל רעדן, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ קריסטין!

— דערפֿאַר טאַקע גיי איך נישט אין קלויסטער און האָב פֿיינט די נשמה־כאַפּערס. — ער האָט זיך בייז צעלאַכט, — די גלחים כאַפּן אַזעלכע נאַרישע ציגן ווי דו און שרעקן זיי אַז מיט די יידן. זאָג מיר, וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָבן

עס דיר פֿערזעגלעד די יידן געטאָן? דיין פֿאַרמעגן צוגענומען? זיי ווילן דיין „רייכקייט“ באַרויבן? וואָס האָסטו צו אַ יידישן אַרבעטער, וועלכער ווערט אַזוי עקספּלאָאַטירט, ווי דער פּוילישער אָדער ווייסרוסישער? מיט וואָס האָבן דיר דיינע גלחים געהאָלפֿן, ווען דו האָסט געהונגערט? וואָס האָט דיין אָרעמע מאַמע דערפֿון, וואָס זי גייט אַלע זונטיק אין קלויסטער און וואַשט אומזיסט דעם גלחס שמוציקע וועש? צי אפֿשר האָט דער גלח געהייליקט און געראַטעוועט פֿוילן דערמיט, וואָס ער האָט זאָשקען געשענקט אַ ממזר און זי פּגרט איצט פֿאַר הונגער צוזאַמען מיטן קינד? און דו, נאַרישע ציג, מאַלפּעוועסט נאָך די גלחים און חזרסט איבער אַלע זייערע נאַרישקייטן און ליגנס.

יאַנינאַ האָט נאָך קיינמאָל וולאַדעקן נישט געזען אַזאַ פֿרעמדן און בייזן, נאָך קיינמאָל נישט געהערט אים רעדן אַזוי פֿאַרביטערט און גראָב צו איר. זיינע ווערטער האָבן זי שטאַרק באַליידיקט. נישט אַלץ האָט זי פֿאַרשטאַנען. אָבער ער האָט זי אָנגערופֿן נאַרישע ציג... ער, וולאַדעק, האָט זי אַזוי באַליידיקט! זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט פֿון פֿאַרדראָס און בושה און ביטער זיך צעוויינט. איר געוויין האָט אים אָפּגעקילט. ער האָט אינסטינקטיוו זיך אַ ריס געטאָן צו איר, אָבער זיך באַלד אָפּגעשטעלט, פֿאַרצווייפֿלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיד זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. יאַנינאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעט און נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט.

דאָס עסן איז געשטאַנען אויפֿן טיש נישט גערירט. ביסלעכווייז איז איר געוויין שטילער געוואָרן. זי איז אינגאַנצן שטיל געבליבן. ער האָט נישט געוווּסט, צי זי וואַרט אָדער שלאָפֿט, מורא געהאַט אויסצודרייען דעם קאָפּ אין איר זייט. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און פֿאַרשידענע בילדער, פֿון דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט און פֿון היינט, האָבן אויפֿגעלעבט אין זיין זכרון.

...ער האָט זיך געזען אַלס קינד אין וואַרשע אין זייער אָרעמער וווינונג לעבן דער ווייסל. דער טאַטע שטענדיק פֿאַרהאָרעוועט, פֿאַרדאַגהט, די מאַמע פּריצייטיק אַלט פֿון טראָגן קינדער, שווערער אַרבעט און נישט דערעסן. ער וואַלגערט זיך מיט אַנדערע קינדער אויף דער גאַס זומער און ווינטער. דערנאָך דער וואַרשטאַט, די פֿאַבריק, שווערע אַרבעט, עקשנותדיקער ווילן דורכצושלאָגן זיך. שפּעטער מילימער-דינסט... אַרבעטלאָזיקייט... הונגער... און ענדלעך אַ רעקאָמענדאַציע פֿון איינעם אַן אינזשיניער דאָ אַהער. שוין צוויי יאָר, ווי ער געפֿינט זיך אין דער דאָזיקער שטאָט, אַרבעט אַלס מייסטער אין דער הוטע און פֿאַרדינט גוט. מיט יאַנינאַן האָט ער זיך באַקענט אויף אַ פֿאַרווייליונג אין שטאָט-פּאַרק און תיכּף זי ליב באַקומען.

וולאַדעק פֿאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק נישט לאַנג, פֿריער האָט ער נישט באַלאַנגט צו קיין שום פּאַרטיי און נישט געפֿילט קיין נויטווענדיקייט אין דעם.

אים האָט אינטערעסירט בלויז די אַרבעט, דער פֿאַרדינסט, דאָס אַרויספֿאַרבעטן זיך, ווערן זעלבשטענדיק. ער האָט פּשוט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס פֿאַרנעמען זיך מענטשן מיט פּאָליטיק, אַמפּערן זיך, קריגן זיך. צו וואָס? דאָס איז אַ גע־שעפֿט פֿאַר מענטשן, וועלכע באַקומען געצאָלט דערפֿאַר, האָט ער זיך געטראַכט, אָבער נישט פֿאַר אים. זאָלן זיך אַנדערע ברעכן דעם קאָפּ.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט פּאָליטיק אין מי־ליטער־דינסט אַדאַנק יאַנעקן. ער האָט זיך מיט יאַנעקן נאָענט באַפֿריינדעט און אים ליב באַקומען. געשלאָפֿן צוויי יאָר נאָרע ביי נאָרע. יאַנעק האָט אָפֿטמאָל מיט אים, ווי מיט אַנדערע זעלנער, גערעדט וועגן רעוואָלוציע, וועגן דער בור־זשואַזיע. יאַנעק האָט פֿאַרזיכטיק געטיילט אויפֿרופֿן און געצוואונגען וולאַדעקן איבערצולייענען זיי. וולאַדעק האָט נישט אַלץ פֿאַרשטאַנען, נאָר אין תּוך מסכּים געווען מיט די אויפֿרופֿן, איינגעזען, אַז די קאָמוניסטן זענען גערעכט. ער האָט אויך פֿיינט געהאַט די אָפֿיצירן, נאָר דערמיט האָט ער זיך באַנוגנט. ער האָט אָפֿטמאָל אייגעטענהט מיט יאַנעקן:

— זאָל זיין, אַז די קאָמוניסטן זענען גערעכט. ס'איז טאַקע שלעכט. אָבער וואָס קאָנען מיר טאָן? געדענק, יאַנעק, מע וועט דיך נאָך אַרעסטירן. צו וואָס טויג דיר צו זיצן אין תּפֿיסה?

יאַנעק האָט געלאַכט פֿון אים.

— אַז אַלע וועלן זיין אַזעלכע פּחדנים, ווי דו, וועט דאָך קיינמאָל נישט גע־מען קיין סוף צו די צרות, וועלן דאָך אייביק די אָפֿיצירן פּייניקן די סאָלדאַטן, די בורזשואַזיע — די אַרבעטער, די פּריצים — די פּויערים. האַ, וולאַדעק? ס'מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף דערצו! אָן אונדזער קאַמף וועט דאָך עס אייביק בלייבן אַזוי!

וולאַדעק האָט געשוויגן. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו ענטפֿערן דערויף.

נאָכן מיליטער־דינסט האָט ער זיך אָפֿט געטראָפֿן מיט יאַנעקן. אפֿילו צוויי מאָל מיטגעגאַנגען מיט אים אויף פֿאַרזאַמלונגען. געוואָר ווערנדיק איינמאָל, אַז יאַנעק איז אַרעסטירט, האָט ער זיך ערנסט דערשראָקן און באַמיט זיך נישט צו טראַכטן מער וועגן קאָמוניזם. אין דער צייט פֿון אַרבעטלאָזיקייט און הונגער האָט ער ווידער געטראַכט אָפֿט און לאַנג וועגן קאָמוניזם, וועגן אַנדערע אַרבע־טער־פּאַרטייען, זיך באַמיט צו פֿאַרשטיין זייערע פּראָגראַמען. עטלעכע מאָל האָט ער אָנטיילגענומען אין דעמאָנסטראַציעס און געקליבן זיך אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט קאָמוניסטן. אומגעריכט האָט ער באַקומען אַ גוטן אַרבעטס־פּאָסטן און דאָס האָט אים אויף אַ צייט ווידער אָפּגעקילט. נישט אויף לאַנג. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט לעבן ווי אַמאָל. ער האָט אָנגעהויבן צו אַלץ זיך צוצוקוקן מיט אַנדערע אויגן.

ער האָט גוט געוווסט די שווערע לאַגע פון די אַרבעטער, צווישן וועלכע די מערהייט איז באַשטאַנען פון ווייסרוסן. די באַדינגונגען אין דער הוטע: הונגערלויגען, גראָבע, ברוטאַלע באַהאַנדלונג, שמוציקע באַראַקן צום וווינען. ס'האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט אַלץ מער פּראָטעסט און בונט. די אַרבעטער האָבן עס ווי געפילט, און ביסלעכווייז איז געקומען די דערנעענטערונג צווישן דעם פּרעמיִרן און זיי. אָפּטמאָל — ער האָט נישט געוווסט, ווער עס האָט אים אונטערגערוקט — האָט ער געפונען אויף זיין וואַרשטאַט קאָמוניסטישע אויפרופן. ער האָט זיי פאַרזיכטיק באַהאַלטן און נאָכדעם געלייענט. די אַרבעטער האָבן זיך מער נישט געהיט פאַר אים. וולאַדעקן האָט זיך געדוכט, אַז ווי נאָר די אַרבעטער האָבן באַמערקט זיין דערנעענטערן זיך צו זיי, האָבן זיי אומישנע אָנגעהויבן רעדן וועגן קאָמוניזם, וועגן שטרייקן. ער האָט זיך גוט צוגעהערט, אָבער אַליין קיין וואָרט פאַרן מויל נישט אַרויסגעבראַכט, ביז מיט 6 חדשים צוריק, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער שטרייק. די אַרבעטער האָבן אים אויסגעקליבן אין שטרייק־קאָמיטעט. ער איז געוואָרן זייער אַקטיוו און געווונען צוטרוי ביי די אַרבעטער. ער האָט געוווסט, אַז מיטן שטרייק פירן אָן קאָמוניסטן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַז די מערהייט אַרבעטער פון שטרייק־קאָמיטעט זענען מיטגלידער פון דער קאָמפּאַרטיי. נאָר דאָס האָט אים נישט אָפּגעשראָקן, פאַרקערט, ער איז געווען צופרידן, מסכים געווען אין אַלץ מיט די ראָזיקע אַרבעטער און ערלעך דורכגעפירט די באַשלוסן פון שטרייק־קאָמיטעט. דער שטרייק איז געווונען געוואָרן און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין דערנענטערונג צו די ווייסרוסישע אַרבעטער.

נאָכן שטרייק איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז ווייטער בלייבן פּאַסיוו איז אוממעגלעך. עס מוז פּאָרקומען אַן ענדערונג אין זיין לעבן. ער אַליין האָט אָנגעהויבן רעדן גראָד מיט יענע אַרבעטער, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר קאָמוניסטן, געזוכט מיט זיי אַ דערנענטערונג. ער האָט זייגם דערגרייכט. שוין פיר חדשים ווי ער איז אין דער פּאַרטיי. אָפּטמאָל נעמט אים אָן אַ פּאַרדראָס, פאַרוואָס ער איז אַזוי שפּעט צו איר געקומען.

ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט יאַנינען וועגן פּאָליטישע ענינים. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט נישט בכלל קיין פּאָליטישע מיינונג. ער האָט געוווסט, אַז זי גייט יעדן זונטיק אין קלויסטער. ער האָט עס אַפילו געהאַלטן פאַר נאַטירלעך. וולאַדעק האָט ערלעך ליב געהאַט יאַנינען פאַר איר פרישקייט, ווייבלעכקייט, איבערגעגעבנקייט, פאַר דער רואיקער שטוב, פאַר דער געמיטלעכקייט, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט אין זיין לעבן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַמיט אַריינצוקוקן אין איר נשמה און אפילו נישט געפונען פאַר נייטיק איר צו דערציילן, וועגן וואָס ער טראַכט — וועגן זיינע געדאַנקען, זיינע פּאָליטישע אָנשויונ=

גען. נישט ווילנדיק האָבן זיך געשאַפן צוויי וועלטן. איינע — די פאַבריק, די פּאַרטיי, וואָס געהערט נאָר צו אים אַליין, וו ער אַליין איז געווען דער באַלעבאָס איבער זיך, און די צווייטע — די היים, פאַמיליע־אינטערעסן, וו צוזאַמען מיט אים עקזיסטירט אויך זי, יאַנינאַ.

ער האָט זיך טאָגטעגלעך צוזאַמענגעטראָפן מיט חברטעס, אַרבעטעריגס, אַזעלכע ווי יאַנינאַ, מיט וועלכע ער האָט גערן גערעדט וועגן פּאָליטיק. נאָר דאָס זענען געווען חברטעס, און יאַנינאַ איז זיין אייגנס, זיין ווייב. צי האָט ער גוט געטאָן? ער האָט איצט דערפילט, אַז ער האָט געהאַנדלט נאַריש, אַז עס לאָזט זיך נישט אָפּטיילן דאָס געזעלשאַפטלעכע פונעם פּערזענלעכן. פאַרוואָס האָט ער יאַנינען נישט געזאָגט, ווער ער איז? ס׳וואָלט דאָך נישט געקומען צו דער היינטיקער סצענע. אָדער ער וואָלט זי איבערצייגט, אָדער זיי וואָלטן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. ער האָט געהאַנדלט נישט ערלעך, נישט ווי אַ קאָמוניסט. וואָס טוט מען איצט? איצט זענען זיי פרעמדע, כמעט שונאים. צי טאַקע שונאים? ניין, ס׳קאָן נישט זיין. איז ער דאָך אַמאָל אויך געווען פרעמד דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ערשט נישט לאַנג געוואָרן אַ קאָמוניסט. פאַרוואָס זשע יאַנינאַ, אויך אַן אַרבעטערין ווי ער, פאַרוואָס זשע קאָן זי נישט ווערן קיין קאָמוניסטקע? מיר וועלן נאָך זען, ווער ס׳איז שטאַרקער, דער גלח אָדער איך. דער עיקר, נישט אויפרעגן זי, באַמיען זיך איבערצייגן זי...

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט נישט באַמערקט, ווי זי האָט זיך אויסגעטאָן און אַוועקגעלייגט זיך. ער איז איינגעשלאָפן, זיצנדיק אויפן שטול. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ מידער, אַ צעבראָכענער, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. דריי ביינאַכט — שוין באַלד צייט אויפצושטיין. מאָרגן דאַרף מען מאַכן אַ פאַרזאַמלונג אין דער הוטע. צי וועט געלינגען? ער האָט זיך דערמאָנט אין די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און אָנגעהויבן זיך שנעל אויסצוטאָן. אַז אויסגעטאָנענער, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט יאַנינעס בליק. זי איז געלעגן מיט ברייטע אויפגעעפנטע אויגן, געקוקט אויף אים. אין איר בליק איז געווען סיי געבעט און סיי פאַרדראָס. ער איז צוגעפאַלן צו איר און געשעפּטשעט:

— יאַנינאַ, אַנטשולדיק מיר. איך האָב דיך נישט געוואָלט באַליידיקן. נאָר איך קאָן נישט אַנדערש. פאַרשטיי מיך.

נאָר זי האָט אים נישט געלאָזט רעדן. זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך אַ גליקלעכע און שיינענדיקע.

— מיר ביידע זענען געווען נאַריש... וולאַדוש... — איך ווייס גאָרנישט. איך ווייס נאָר איינס — איך האָב דיך ליב, מער ווי אַלץ אין דער וועלט האָב איך דיך ליב...

די מאַסאָווקע

ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער פייף פון דער פאַבריק=סירענע, האָבן די אַרבעטער אייליק געוואָרפן די אַרבעט, זיך אַוועקגעזעצט אין גרופן, ארויסגעשלעפט פון די קעשענעס עסן איינגעוויקלט אין פאַפּיר און שנעל אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן מיטיק. טייל אַרבעטער זענען אַרויס אויפן הויף שפּאַצירן, געשמועסט. פיליפּ איז צוגעגאַנגען צו וואָלאַדעקן און אים אַוועקגערופן אין אַ זייט.

— דער חבר איז שוין געקומען, — האָט ער אים שטיל איינגערוימט אין אויער, — גיי אַריין אינעווייניק, איך וועל אַריינשיקן די, וועלכע זענען אין הויף.

וואָלאַדעק האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַריין אין דער פאַבריק=געביידע. טייל אַרבעטער, ווען זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און זענען צוגעגאַנגען נענטער צו אים. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינדערמיט פון זאַל, לעבן אַ לאַנגן טיש אָנגעלייגט מיט גלאָז. ביסלעכווייז האָבן זיך אַלע איבעריקע אַרבעטער גענומען זיך זאַמלען אַרום טיש. פון דרויסן זענען אָן געאייל אַריינגעקומען גאַנצע גרופּעס אַרבעטער. דער זאַל איז איבערפולט געווען.

וואָלאַדעק האָט דערזען אַריינקומען פיליפּן מיט דעם אומבאַקאַנטן. ער איז אַרויף אויפן טיש. אייניקע אַרבעטער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר. אַנדערע האָבן אויפמערקזאַם געקוקט דורך די פענצטער, צי קיינער גייט נישט. וואָלאַדעק האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג.

— חברים, ס'דערנענטערט זיך דער ערשטער מאַי, דער טאָג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. מיר, אַ טייל פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פּויערים אין פּוילן, דאַרפן צוזאַמען מיט זיי אויך דאָס יאָר אָנטיילנעמען אין די ערשטמאַיקע אַרויסטרעטונגען אונטער די רויטע פענער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. צווישן אונדז געפינט זיך אַ גאַסט, וואָס איז געקומען צו דערציילן אונדז, אונטער וועלכע קאַמף=לאָזונגען וועט דער אַרבעטער=קלאַס אין פּוילן פייערן דעם היי=יאָריקן ערשטן מאַי. איך גיב דעם חבר דאָס וואָרט.

די אַרבעטער האָבן זיך נאָך ענגער צוגערוקט צום טיש, אויף וועלכן עס האָט זיך באַוויזן דער רעדנער. דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר 25—30, פון מיטעלן וווקס מיט אַ טיף אַראָפּגעקרוקט היטל. זיינע שמאָלע פּלייצעס זענען געווען אַ ביסל איינגעבויגן, און ווען ער האָט גערעדט, האָט זיך די רעכטע פּלייצע ביי אים נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזן.

דער רעדנער האָט אין קורצן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, אויף דער פּאָליטישער לאַגע אין פּוילן, באַזונדערס אין ווייסרוסלאַנד. ער האָט שאַרף קריטיקירט די רעכטע פירער פון פּפּס, פון „בונד“, די ווייסרוסישע נאַציאָנאַליסטן. ער האָט גערופן צום שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לאַגע פון די אַרבעטער אין שטאָט און דאָרף. ער האָט קלאָר אָנגעצייכנט די קאַמף־לאָזונגען צום ערשטן מאַי אין פאַרבינדונג מיטן לעצטן שטרייק אין דער הוטע. ער האָט גערופן די אַרבעטער פון דער הוטע צו זיין דער אַוואַנגאַרד אין דער ערשטמאַיקער דעמאָנסטראַציע פון איינהייטפראָנט.

דער רעדנער האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווי ביי דער טיר איז געוואָרן אַ טומל. עמעצער האָט פון דרויסן זיך אַריינגעריסן. דער רעדנער האָט געוואָרפן אַן אומרואיקן בליק צו דער טיר און שנעל פאַרענדיקט מיטן רוף צום אַלגעמיינעם שטרייק, צו דער דעמאָנסטראַציע און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש. די טיר האָט זיך אויפגעריסן. ס׳האָט זיך באַוויזן דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, באַגלייט פון עטלעכע וועכטער. אַ צעהיצטער, אַ בייזער, האָט דער דירעקטאָר געשריגן און געדראָט.

— אַ קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונג ביי מיר אין פאַבריק! איך וועל אייך לאָזן אַרעסטירן! איך רוף גלייך פּאָליציי! ווו איז דער רעדנער?... קאָמוניסטן לאָזט איר אַריין צו מיר! רופט פּאָליציי!... פאַרמאַכן דאָס טויער, קיינעם נישט אַרויסלאָזן!

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. פון די אונטערשטע רייען האָט זיך דערהערט אַ דראָענדיקע שטימע:

— וואַג נאָר צו רופן פּאָליציי!... מיר וועלן דיך מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער, בלוטזויגער!...

דער דירעקטאָר, אַ דערשראָקענער, האָט זיך שנעל צוגערוקט צו דער טיר. געקומען צו זיך, האָט ער דראָענדיק אויסגעשריגן:

— איך וועל געוואָר ווערן, ווער עס איז דער באַנדיט, וואָס דראָט מיט מאָרד. מיר וועלן זען, ווער וועמען... דאָ זענען אייך נישט די פאַרשאָלטענע סאָוויעטן!... איך וועל לאָזן אַרעסטירן אַלע קאָמוניסטן.

אין טומל האָבן פּיליפּ, וואָלאָדעק מיט נאָך עטלעכע אַרבעטער אַרומגערינגלט דעם רעדנער און, דורכשטופּנדיק זיך צווישן דעם עולם, וועלכער האָט זיי פֿאַרשטעלט, זיך צוגעקליבן צום פֿענצטער אין עק פֿון זאַל, פֿאָרזיכטיק עס געעפֿנט און אַרויסגעשפּרונגען אויפֿן הויף. זיי האָבן זיך געגנבעט פֿאַרביי די קאַסטנס מיט גלאָז, וועלכע האָבן זיי פֿאַרשטעלט פֿון די וועכטער, וואָס זענען אַרומגעלאָפֿן אין הויף. זיי זענען צוגעלאָפֿן צום פּלויט און געהאָלפֿן דעם רעדנער אַריבערשפּרינגען.

ווען דער רעדנער איז שוין געווען אויף יענער זייט, האָט וואָלאָדעק פֿריי אָפּגעאָטעמט.

— צווישן אונדז געפֿינען זיך שפּיאָנען. פֿון וואַנען איז דער פֿאַבריקאַנט אַזוי שנעל געוואָר געוואָרן, אַז ביי אונדז קומט פֿאָר אַ פֿאַרזאַמלונג?!

פּיליפּ האָט זיך צעלאַכט.

— דו ביסט ערשט געוואָר געוואָרן, אַז אין דער פֿאַבריק געפֿינען זיך קאָנפֿידענטן? מיר ווייסן דאָס שוין פֿון לאַנג. עטלעכע פֿון די דאָזיקע אויסוואָרפֿן קענען מיר. אָבער די פֿאַרזאַמלונג איז געלונגען. דו האָסט געזען די שטימונג ביי די אַרבעטער? איך בין זיכער, אַז די מערהייט וועט גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע. אונדזער הוטע וועט שטרייקן. אַפֿילו די קאָנפֿידענטן וועלן, אויס מורא נישט צו קאָמפּראָמיטירן זיך, אויך שטרייקן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קאַסטן און שנעל זיך באַראַטן וואָס ווייטער צו טאָן.

— די אויפֿרופֿן, — האָט פּיליפּ פֿאַרענדיקט, — דאַרפֿן מיר צעטיילן נאָך היינט, איידער די אַרבעטער פֿאַרלאָזן די פֿאַבריק. נאָך דער היינטיקער פֿאַרזאַמלונג וועט זיכער פֿאַרשטאַרקט ווערן די קאָנטראָל פֿון דער דירעקציע און פּאָליציי. מאָרגן קאָן שוין זיין צו שפּעט. קיינער זאָל נישט שלאָפֿן אין דער היים. טאָמער פֿרעגט דיך דער דירעקטאָר, זאָלסטו זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ פֿאָרשטייער פֿון פֿאַריין, וועלכער האָט גערעדט וועגן פֿאַריין־ענינים. דער דירעקטאָר איז אַ קלוגער פֿוקס. ער וועט דיך שוין האָבן אויפֿן אויג. אָבער ער וועט צוליב דער היינטיקער פֿאַרזאַמלונג נישט וועלן קאָמפּראָמיטירן זיינע אַגענטן און שטעלן זיי אויג אויף אויג מיט דיר. אַזוי איז שוין איינמאָל געווען מיט וואָלאָדימירן.

זיי זענען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. געוואָר ווערנדיק, אַז דער רעדנער איז פֿאַרשוווּנדן, האָט דער דירעקטאָר קיין פּאָליציי נישט גערופֿן. נאָך דער אַרבעט האָט מען וואָלאָדעקן גערופֿן צום דירעקטאָר. וואָלאָדעק איז געווען זיכער, אַז ס׳וואַרט שוין דאָרט אויף אים פּאָליציי. ער האָט געכאַפּט אַ ביסל אַ ציטער.

דער דירעקטאָר האָט אים באַגעגנט מיט אַ ביטערן שמייכל אויף די ליפּן:

— איך האָב זיך נישט געריכט אויף אייך. איר, אַ פּאָליאַק, זאָלט גיין צו־זאַמען מיט די בונטאָוושיקעס. איך האָב פון אייך זייער געהאַלטן. איר האָט געהאַט אַזאַ גוטע רעקאָמענדאַציע. ס'מוז זיין אַ מיספאַרשטייעניש. וואָס בינדט אייך מיט זיי?

די כימרע רייד האָבן וואָלאָדעקן אָפּגעגאָסן, ווי מיט קאַלט וואַסער. ס'האָט אים אַרומגענומען אַן עקל צו דעם דאָזיקן נפש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פאַבריקאַנט שפּילט זיך מיט אים, וועלנדיק אים אַזוי־אַרום אַריינציען. ער האָט קאַלט אָפּגעענטפערט:

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר מיינט. איך קען דאָ נישט קיינע בונטאָווי־שיקעס. איך ווייס נישט, פאַרוואָס איר האָט זיך אַזוי צעהיצט. איר האָט דאָך אַליין אָנערקענט דעם פאַריין. מיר האָבן היינט געהאַט אַ פאַריין־פאַרזאַמלונג אין פאַבריק. צו וואָס דער טומל און דאָס דראָען מיט פּאָליציי? דאָס האָט טאַקע אויפגערעגט די אַרבעטער.

דער דירעקטאָר האָט אַלץ געשמייכלט און כימרע געקוקט אויף וואָלאָדעקן.

— איר זייט אַ גוטער אַרבעטער. מיר דאַרפן אייך. אָבער געדענקט איין זאַך — פאַראַן איצט אַ סך גוטע אַרבעטלאָזע אַרבעטער... אַ סך גוטע מייסטערס בעטן זיך ביי מיר אַרבעט. איך וואָלט זייער באַדויערט, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פרומער מינע, — ווען די פּאָליציי וואָלט מיר צוגענומען אַזאַ גוטן מייס־טער, ווי איר. אַ צווייט מאָל, אויב איר ווילט זיין אין אָרדענונג מיט דער פּאָלי־ציי, גיט מיר פריער בעסער צו וויסן, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ „פאַריין־פאַר־זאַמלונג“.

וואָלאָדעקן האָט אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין פּנים. ער האָט זיך אָבער תיכף באַהערשט און נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט פאַרלאָזט דעם קאַבינעט פון די־רעקטאָר.

נאַטאַשע

אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש איז געווען שווער צו געפינען דעם וועג. די קלעפּיקע ערד האָט געצויגן די פיס, ווי סמאָלע, געריסן די פאַרבלאָטיקטע שטיוול פון די פיס. שווער אָטעמענדיק, האָט איוואַן געשפּרייזט איבער די פעלדער. אין די אויערן האָט נאָך אָפּגעהילכט דאָס זשוזשענדיקע פייפן פון די קוילן. ער האָט זיך אומגעקוקט. פונווייטנס האָבן געפינקלט עטלעכע קליינע פייערלעך אין דאָרף. ס'האָבן אָפּגעהילכט אייניקע ווייטע שאָסן.

ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָר הויכע דיקע ביימער. ער האָט פאַרקערעוועט אין אַ זייט, געפונען אַ שמאָלע אויסגעטראָטענע סטעזשקע. ערגעץ ווייטלעך האָבן הינט בייז זיך צעבילט. ער איז געבליבן שטיין. אויב די פּריצישע וועכטער וועלן אים פּאַקן, וועלן זיי אים תיכף איבערגעבן דער פּאָליציי. ער האָט געוואַרט עטלעכע מינוט. דאָס בילן האָט אויפגעהערט. ער האָט אַראָפּגעצויגן די שטיוול, באַמיט זיך נישט צו מאַכן קיין טומל און לאַנגזאַם אַוועקגעשפּרייזט. אין אַ זייט, אָפּגעזונדערט פון די פּריצישע בויונגען, איז געשטאַנען אַ נידעריקע איינזאַמע כאַטע. ער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין פאַרמאַכטן פענצטער.

ווער איז? — האָט זיך דערהערט אַ פאַרשלאָפענע נישט באַקאַנטע פרויען־שטימע. איוואַן איז געבליבן שטיין צעטומלט. צי האָט ער זיך נישט טועה געווען?

— איך דאַרף נאַטאַשען! — האָט ער נישט זיכער זיך אָפּגערופן.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן אַ פרויען־געשטאַלט אין אַ ווייס העמד. די זעלבע אומבאַקאַנטע שטים האָט אים איינגעלאַדן אַרייַנצוגיין. אין צימער איז געווען פינצטער. אַ פרעמדע האַנט האָט אים צוגעפירט צו אַ בעט.

— וואָס איז געשען, איוואַן? — האָט ער דערהערט נאַטאַשעס אומרואיקע שטים.

ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט און נישט געענטפערט. נאַטאַשע האָט ווי געלייענט זיינע געדאַנקען.

— דו קאָנסט דרייסט רעדן. דאָס איז מאַרוסיע, אַ קאָמיוגיסטין. אַ גוט מיידל, אַ זיכערע.

— איך בין נאָר וואָס אַנטלאָפֿן פֿון דער פּאָליציי. דאָס גאַנצע דאָרף איז אַרומגערינגלט.

— און דימיטרי? — נאַטאַשעס שטים האָט געציטערט.

— ער איז נישט געקומען און גוט געטאָן.

אין דער פֿינצטער — ציגדן פֿייער האָט מען נישט געטאָרט, דאָס האָט געקאָנט צוציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון פּריצס גוט — האָבן ביידע באַטראַכט די געשאַפֿענע לאַגע. איוואַן מוז פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף איבערן ערשטן מאַי, אַנישט וועט ער זיכער אַרעסטירט ווערן. נאַטאַשע וועט צייטווייליק איבערנעמען די אָנפֿירונג מיטן ראַיאָן און די גאַנצע צוגרייטונגס־אַרבעט צום ערשטן מאַי. זאָל זי זיך פֿאַרבינדן מיט דימיטרין. פֿאַר יעדן פּרייז מוז מען איינאָרדענען דעם דאָזיקן ערשטן מאַי אַ דעמאָנסטראַציע אין שטאָט מיטן אָנטייל פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿער. אויף אונדזער ראַיאָן לייגט דער קרייז־קאָמיטעט באַזונדערע האָפֿענונגען. נאַטאַשע מוז גלייך צונויפֿזאַמלען די פֿאַרבליבענע, נישט אַרעסטירטע חברים, גענוי אינפֿאָרמירן זיי און אָנגעמען אַלע מיטלען, כּדי עס זאָל זיך אַלץ איינגעבן. דימיטרי האָט געזאָלט היינט קומען און איבערגעבן אַ גענויע אינסטרוקציע, נאַטאַשע וועט מוזן זיך טרעפֿן מיט אים און אין צווייען וועלן זיי אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פֿאַרן גאַנצן ראַיאָן, גוט וואָלט געווען, ווען עס געלינגט אַריינצוציִען אין דער מאַי־קאַמפּאַניע די באַטראַקעס פֿון פּריצס גוט.

— דאָס איז זייער אַ שווערע זאַך. איך אַרבעט שוין אַ פּאָר חדשים צווישן זיי, נאָר ביז איצט מיט שוואַכן דערפֿאָלג.

— פֿאַרוואָס? זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו דיר?

— ניין. צו מיר פֿערזענלעך באַציִען זיי זיך נישט שלעכט. טייל זייער גוט. דאָס איז נישט די פֿראַגע בלויז פֿון צוטרוי. די סיבות זענען פֿיל טיפֿערע.

— וועלכע?

— ווי דו ווייסט, לעבן אונדזערע פּויערים און די פּריצישע באַטראַקעס טיף אָפּגעזונדערט איינע פֿון די אַנדערע. מע גייט נישט איינע צו די אַנדערע. מע באַציט זיך איינער צום צווייטן מיט אומצוטרוי און אָפּגעפֿרעמדקייט. אונדזערע פּויערים האָבן די באַטראַקעס נישט ליב און באַטראַכטן זיי אַלס פּריצישע משרתים. זיי מיינען, אַז יעדער פּאָליאַק איז זייערס אַ שונא. אַפֿילו אַ סך פֿון אונדזערע חברים האַלטן זיך ביי דער דאָזיקער געפֿערלעכער מיינונג. זיי ווילן מיט זיי נישט האָבן קיין שום געמיינזאַמס. אַלץ, וואָס איז פּויליש, איז זיי פֿיינטלעך. מיר האָבן אַ לאַנגע צייט נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז קעגן אונדז, אַז דאָס העלפֿט די פּריצים צו האַלטן די באַטראַקעס אָפּגעזונדערט פֿון אונדז.

— אַ סך באַטראַקעס זענען טאַקע פּריצישע משרתים. זיי קוקן מיט גאווה און פאַראַכטונג אויף אונדז.

— דאָס איז נישט ריכטיק, איוואַן. אַוודאי געפינען זיך אַ סך פּינצטערע, אומוויסנדע. נו, און ביי אונדז זענען דען נישט פאַראַן אַזוינע? די מערהייט פון זיי איז אומצופרידן, פאַרביטערט, האַסט דעם גראַף. נאָר די מורא פאַר אַרבעטלאָזיקייט, פאַר ווערן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס מיט די פאַמיליעס, דער טעראָר פונעם עקאָנאָם, פון גלח, די נישט אָרגאַניזירטקייט — דער פעפּעטיסישער פאַריין טראַכט אַפילו נישט וועגן אָרגאַניזירן זיי — דאָס אַלץ צוזאַמען ווירקט, האַלט זיי אָפּ. דערצו — דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. זיי זענען פּאָליאַקן, מיר — ווייסרוסן. זיי איז פרעמד דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־קאַמף פון די ווייסרוסישע מאַסן. זיי פאַרשטייען נישט אונדזערע צילן. זיי מיינען, אַז אונדז גייט נאָר אין איין זאַך — זיך אָפּצורייסן פון פּוילן.

זי האָט עטלעכע מינוט געשוויגן.

— נישט לאַנג צוריק האָט מיר איינער געזאָגט: „איר ווילט, אַז מיר זאָלן גיין מיט אייך צוזאַמען? פאַרוואָס זאָלן מיר עס טאָן? איר ווילט ערד פאַר די פּויערים. ווען איר וועט זי באַקומען, וועט איר אונדז פאַרטרייבן פון דאַנען. איר ווילט ווייסרוסלאַנד פאַר אייך. און אונדז וועט איר אַרויסוואַרפן. מיר דאַרפן זיין נאַראָנים, אַז מיר זאָלן אייך העלפן דעריין". דימיטרי איז טויזנט מאָל גערעכט. ער האָט נישט איינמאָל געזאָגט, אַז מיר האָבן פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט צווישן די באַטראַקעס. דער גלח אָבער טוט זיך זיינס. ער אַגיטירט, פאַרשפּרייט רכילות, העצט קעגן אונדז. דאָס ווירקט. ווען איך האָב דערציילט דעם דאָזיקן באַטראַק, אַז קאָמוניסטן קעמפן פאַר דעם, אַז די ערד זאָל געהערן צו אַלע, וואָס אַרבעטן אויף איר, אַז קיינער וועט זיי נישט פאַרטרייבן פון דאַנען, נאָר פאַרקערט, אַזוי ווי אין ראַטנפאַרבאַנד, וועט די אַרבעטער־פּויערים־מלוכה זיך קודם־כל שטיצן אין דאַרף אויף די באַטראַקעס און די אָרעמע פּויערים, ווען איך האָב אים דערציילט וועגן די סאָווכאָזן און קאָלכאָזן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן ברידערלעכן צוזאַמענלעבן פון די ווייסרוסן, פּאָליאַקן און יידן, וואָס בויען צוזאַמען דאָס סאָציאַליסטישע ראַטנווייסרוסלאַנד און דעם גאַנצן סאָוויעטנפאַרבאַנד, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי. ער האָט מיר פּשוט נישט געגלייבט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— כ'האָב עטלעכע טעג געטראַכט, וויאַזוי אים צו איבערצייגן. פּונקט אין דער דאָזיקער צייט האָבן מיר באַקומען אויף פּויליש דעם אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב אים געגעבן צו לייענען. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער צו מיר געקומען. „איך זע, אַז דו האָסט נישט געזאָגט קיין ליגן. דער דאָזיקער אויפרוף שרייבט דעם אמת. איך האָב אייך נישט געגלייבט, איר האָט גאָרנישט געטאָן

אונדז צו דערציילן דעם אמת. דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך לייען עפּעס אַזוינס אין פּויליש. איר האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז מיר לייענען נישט קיין ווייסרוסיש". ער איז גערעכט, איוואַן. ס'איז אונדזער אייגענע שולד. ס'פאָדערט זיך אַ כּסדר־דיקע עקשנותדיקע אַרבעט צווישן זיי. נישט איינמאָל האָב איך שוין געטראַכט, ווי גערעכט ס'איז דימיטרי, ווען ער האָט מיך געהייסן גיין אַרבעטן אין פּריציִשן גוט.

די גאַנצע צייט פון זייער געשפּרעך איז מאַרוסיע געלעגן אומבאַוועגלעך אויפן בעט. זי האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט נישט אַריינמישנדיק זיך. ווען ביידע זענען שטיל געבליבן, האָט זי נישט דרייסט זיך אָפּגערופן:

— ס'וואָלט גוט געווען מאָרגן צוצושיקן עמעצן אין פּריציִשן וואַלד.

נאַטאַשע האָט זיך צעלאַכט.

— דו ווילסט, מאַרוסיע, אַז מיר זאָלן אַגיטירן די ביימער?

— נישט די ביימער, — האָט מאַרוסיע אַ באַליידיקטע זיך אָפּגערופן, — די לעבעדיקע מענטשן.

— וואָס פאַר אַ מענטשן?

— איך האָב נעכטן געוואַשן די פּענצטער אין גראַפס קאַבינעט, האָב איך זיך צוגעהערט צו אַ געשפּרעך צווישן גראַף און זיין עקאָנאָם. דער גראַף האָט געשלאָסן עפּעס אַ קאָנטראַקט, און מאָרגן הייבט מען אָן האַקן דעם גראַפס וואַלד. עטלעכע הונדערט מענטשן דאַרפן זיך מאָרגן שטעלן צו דער אַרבעט. ס'וואָלט גוט געווען צו האָבן עמעצן אַן אונדזעריקן דאָרטן.

איוואַן איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען.

— זייט געזונט, איך מוז גיין.

נאַטאַשע האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— וווּהין, משוגענער? דו ווילסט, מע זאָל דיך אַרעסטירן. בלייב דאָ ביז מאָרגן אינאָוונט. מאָרגן וועלן מיר זען, ווו דו קאָנסט זיך פאַר דער צייט אויס־באַהאַלטן.

— אויב כ'וועל דאָ בלייבן, וועט דימיטרי מאָרגן אַרעסטירט ווערן.

— וויאַזוי?

— דימיטרי געפינט זיך אין וואַלד!

נאַטאַשע האָט אָפּגעלאָזט זיין האַנט און געגומען זיך האַסטיק אָנטאָן.

— זאָג מיר, ווו ער געפינט זיך. איך וועל גיין אים וואָרענען, און דו בלייב דאָ. — זי האָט אינגאַנצן געציטערט.

איוואַן האָט צערטלעך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירע אַקסלען. „זי האָט ליב דימיטרין", — האָט אים אַ נאָג געטאָן ביים האַרצן.

— ניין, נאטאשע, דו וועסט נישט גיין. דו מאַרסט איצט נישט ריזיקירן. אויב דו וועסט אַרעסטירט ווערן, פאַלט דורך די ערשטמאָליקע קאָמפּאַניע אין אונדזער ראַיאָן. דו ביסט כמעט די איינציקע, וועמען די פּאָליציי זוכט נאָך נישט.

ער האָט געפילט, ווי איר האַרץ קלאַפּט האַסטיק. איר אַקסל האָט געציטערט אונטער זיין האַנט. זי האָט אים נישט ליב. ס'איז פיינלעך און שווער. אים האָט זיך געדוכט, אַז נאַטאַשע קאָן אים ליב באַקומען. נאָר ער האָט אַ מעות געהאַט. פאַר אים איז זי אַ גוטע חברטע, אָבער נישט מער...

נאַטאַשע האָט אינערלעך געברויזט. זען דימיטירין. דריקן זיין האַנט. ווער ווייסט, צי זיי וועלן זיך נאָך וועלן עס איז טרעפן... כאָטש אין דער פינצטער הערן זיין שטים... ניין, ס'איז אוממעגלעך... איוואַן איז גערעכט. זי מוז דאָ בלייבן.

— אָבער מע קאָן דאָך דיך אַרעסטירן. און אָנשטאָט צו ראַטעווען דימיטרין, וועט איר ביידע אַריינפאַלן. לאָמיר שיקן מאַרוסיען.

— ניין, מאַרוסיע וועט אים נישט געפינען, און אויב אַפילו יאָ, וועט ער מיט איר נישט וועלן רעדן. ער קען זי נישט. ס'איז איצט פינצטער. די פּאָליציי איז פאַרנומען מיט די רעוויזיעס. איך וועל באַווייזן ביז פאַרטאָג צו זען אים. ביזן ערשטן מאַי וועט ער קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן ביי ניקיטעס שוואָגער, נאָכן ערשטן מאַי וועט ער זיך פאַרבינדן מיטן קרייז-קאָמיטעט. דימיטרי קאָן דאָ לענגער נישט פאַרבלייבן.

— און דו?

איך וועל ביזן ערשטן מאַי זיין ביי פּראָקאָפּן. נאָכן ערשטן מאַי קום איך צוריק אין דאָרף. אויסער שפּיאָנישע ידיעות האָבן זיי וועגן מיר גאָרנישט. איך רעכן, אַז איך קאָן זיך נאָך האַלטן אַ געוויסע צייט.

ווען איוואַן האָט פאַרלאָזט די כאַטע, האָט געגאָסן אַ שווערער, קאַלטער פרילינג-רעגן. די קעלט האָט אים דורכגענומען דורך און דורך. ער האָט זיך גע-טוליעט אין זיין לייכטער מאַרינאַרקע, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, איינגע-קוועטשט דעם קאָפּ אין די אַקסלען.

„דער רעגן וועט פאַרווישן די שפּורן פון מיינע טריט“, — האָט ער צופרידן געטראַכט.

וולאַדימיר

— סעמיאָן, איר האָט געלייענט לוצקעוויטשעס * בראָשור וועגן דער געשיכטע פון דער הראָמאַדע?

— געלייענט.

— נו, ווי געפעלט דאָס אייך?

סעמיאָן האָט אַ ווײלע שטיל געקוקט אויף וולאַדימירן. „ווער איז ער?" — האָט אַ געדאַנק געעקבערט. ער קען שוין וולאַדימירן עטלעכע חדשים. אַלע חברים האָבן וועגן אים אַ גוטע מיינונג. דער צענטער האָט אים רעקאָמענדירט אַלס אַן איינפלוסרייכן ווייסרוסישן טוער, אַלס אַ מענטשן, וואָס קאָן ברענגען זייער פיל נוצן דער באַוועגונג. וולאַדימיר איז אַ פעיקער מענטש, ער פאַרמאָגט אַ לייכטע לעבעדיקע פעדער, ער איז אַ גוטער פאָלעמיקער און רעדנער. ער האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ווייסרוסישער אינטעליגענץ, באַזונדערס אויף די שילער פון דער ווייסרוסישער גימנאַזיע. ער איז מסכים מיט די באַשלוסן פון דער פאַרטיי און פירט זיי אַלע אויס. ער האָט איניציאַטיוו, קען זייער גוט די ווייסרוסישע נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג. ס'איז מיט אים לייכט צו אַרבעטן. און דאָך, טיילמאָל דאַכט זיך סעמיאָנען, אַז דער דאָזיקער מענטש טראָגט אויף זיך אַ מאַסקע. פאַרוואָס דאַכט זיך עס אים?

וולאַדימיר זיצט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, רייכערט אַ פאַפּיראָס, זיין בליק איז געווענדט צו דער וואַנט, צו אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון דריי יונגע מיידלעך אין גימנאַזיסטישע קליידער. אויפן לינקן ראַנד פון דער פאָטאָגראַפיע איז מיט אַ נאַיווער, נאָך קינדערישער האַנטשריפט אָנגעשריבן: „אונדזר ליבן לערער און וועגווייזער". צי איז עס טאַקע אַזוי? ער איז פעסט געבויט, ברייטע פלייצעס, אַן אויסדריקלעך, סימפּאַטיש געזיכט. נאָר דער קרומער קנייטש ביים מויל מאַכט זיין געזיכט מיאוס, ווען ער לאַכט. אַ גיריק תאוותדיק געלעכטער. די אויגן קלאָרע,

* לוצקעוויטש און אָסטראָווסקי — פירער פון די ווייסרוסישע נאַציאָנאַליסטן.

גרויסע, קוקן שנעל, דורכדרינגלעך, אַרויספֿאָדערנדיק. נאָר קוקן נישט לאַנג דעם צווייטן אין געזיכט. זיי שפּרינגען שנעל אַריבער אויף אַן אומבאַוועגלעכן קעגנשטאַנד. נערוועזע האַנט־באַוועגונגען, נאָר דאָס פּנים בלייבט שטענדיק רואיק. באַהערשט זיך גלענצנדיק. אַפּטמאָל האָט סעמיאָן אַזאַ געפֿיל וועגן אים: — „דער דאָזיקער מענטש באַהאַלט עפּעס אין זיך, דערזאָגט נישט".

ווען ער געפֿינט זיך צווישן יונגע פֿרויען, ענדערט זיך דער אויסדרוק פֿון זיין געזיכט. די אויגן ווערן פֿאַרלאָפֿן, זיי קוקן זשעדנע, גיריק. אייגמאָל, ווען סעמיאָן האָט געוואָלט שיקן ליזען מיט אַ פּאַרטיי־שליחות צו וולאַדימירן, האָט זי זיך געבעטן ביי אים: „חבר סעמיאָן, שיקט אַן אַנדערן". ער האָט זיך געוואונדערט: „פֿאַרוואָס?" „איך וויים אַליין נישט פֿאַרוואָס. נאָר, — האָט זי געשטאַמלט, — איך האָב אים נישט ליב. ער קוקט נישט אַזוי ווי אַנדערע חברים. ס'קאָן זיין, אַז עס איז נישט גוט פֿון מיין זייט, אָבער תמיד, ווען ער קוקט אויף מיר, דוכט זיך מיר, אַז אָט־אָט הייבט ער אָן איזדיעקעווען זיך איבער מיר". סעמיאָן האָט דעמלט געשוויגן און געשיקט עמעצן אַן אַנדערן. ער איז אָן אַ וואָרט צו זאָגן מיט איר מסכים געווען.

נישט נאָר ער אַליין, וויזט אויס, זעט אין אים עפּעס פֿרעמדס. ליזע האָט פֿאַר אים מורא. מסתמא האָבן דעם זעלבן געפֿיל אויך אַנדערע פֿרויען. די יונגע גימנאַזיסטקעס זעען אין אים אַ וועגווייזער. זייער בליק איז קינדיש־נאַיוו. מסתמא שרייבן זיי טאָג־ביכער, דער לערער וולאַדימיר פֿאַרנעמט דאָרט אַ חשוב אָרט. ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן זיין פֿאַרגאַנגענהייט. סעמיאָן ווייסט גאָרנישט וועגן אים. קאָנספּיראַציע. ס'איז נישט באַקוועם צו פֿרעגן. דאָך מוז מען דעם דאָזיקן מענטשן וואָס שנעלער דערקענען ביזן גרונט. סיווי — האָט דער געפֿיל אַ באָדן אונטער זיך אָדער נישט — מיט אַזאַ געפֿיל וועגן אַ מענטשן קאָן מען נישט צוזאַמען אַרבעטן. וולאַדימיר, ווי ער וואָלט געלייענט סעמיאָנס געדאַנקען, וואַרט נישט אויף קיין ענטפֿער, הייבט אָן ווייטער צו רעדן:

— איך קען שוין לוצקעוויטשן פֿון לאַנגע יאָרן. נאָך פֿאַר דער מלחמה. איך בין געווען זייער יונג, געלערנט אין גימנאַזיע. דעמלט איז לוצקעוויטש פֿאַר אונדזער יוגנט געווען אַ גאָט, אַ באַליבטער פֿירער, דער קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון ווייסרוסלאַנד. מיר האָבן אים בלינד געגלייבט. ער האָט פֿאַרקערפּערט אין זיך אַלע אונדזערע פּאָליטישע שטרעבונגען.

— וואָס פֿאַר אַ שטרעבונגען האָט איר געהאַט?

— נישט קיין קאָנקרעט פֿאָרמולירטע, נאַציאָנאַל־נאַיווע, פּאָליטיש־ליבעראַלע, רעוואָלוציאָנער־באַפֿאַרבטער האַס צום צאַריזם, אַ גלויבן, אַז די רעוואָלוציע וועט לעזן אַלע פֿראַגן, אַ דראַנג צו קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג.

— און אין נאַציאָנאַלן זין?

— אילוזיעס און האָפענונגען, חלומות וועגן אויפשטעלן דאָס אַמאָליקע היסטאָרישע זעלבשטענדיקע ווייסרוסלאַנד, באַפרייען זיך פון דעספּאָטיזם, אויפלעבן די שפּראַך, קולטור. ס'זענען געווען יוגנט-שטרעבונגען אָן אַ געזונטער, סאָציאַלער באַזע.

— פאַרוואָס?

— די סאָציאַלע באַזע — דאָס דאָרף, די גרויסע פויערישע מאַסע איז געבליבן אינערלעך פרעמד אונדזערע אידעאַלן, זיי האָבן געקעמפט קעגן די פריצים, באַזונדערס געהאַסט דעם פוילישן פריץ, אין שטורעם-טעג געברענט די גיטער. אין צייט פון רעאַקציע — פאַרבליבן בייז און אַפּאַטיש. טיילמאָל האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר האָבן מיט זיך דאָס גאַנצע דאָרף, אַז דער פויער טראַכט דאָס זעלבע, וואָס מיר. נאָר דאָס זענען געווען אילוזיעס. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין זייער מערהייט זענען געגאַנגען אין אַנדערע, אַלגעמיין-רוסישע פּאַרטייען. מיר האָבן זיך געשטיצט אויף דער שטאָטישער אינטעליגענץ, אויף די רייכערע פויערים און אויף אַ טייל מיטלפויערים אין דאָרף. דער בירגער-קריג און די מלחמה מיטן ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַ סך פון אונדז געעפנט די אויגן. די מערהייט פויערים זענען פון ערשטן טאָג אָן געגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס אין דער רויטער אַרמיי, קעגן אונדז. די פירער האָבן צו שפּעט באַנומען דעם דאָזיקן ביטערן אמת.

— וואָס האָבן זיי געטאָן, ווען זיי האָבן באַנומען?

— די מערהייט האָט זיך שנעל איבעראָריענטירט, געלאָזט זיך שווימען מיטן שטראָם.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— ווען לוצקעוויטש און זיינע חברים האָבן דערזען, אַז די פויערים-מאַסן גייען מיט די קאָמוניסטן, אַז דער קאָמוניזם האָט באַהערשט דאָס ווייסרוסישע דאָרף, אַז די נייע „הראָמאַדע" ווערט אַ מאַסן-פּאַרטיי, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער באַוועגונג.

סעמיאָן האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט וולאַדימירס געדאַנקען-גאַנג. ער האָט געהאָפט אַזויאַרום צו לעזן די שווערע אויפגאַבע, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען — „איינצובייסן" וולאַדימירן.

— האָבן לוצקעוויטש און זיינע חברים ווירקלעך אָנערקענט די פּרינציפּן פון דער נייער „הראָמאַדע"?

וולאַדימיר האָט כלומרשט פאַרטראַכט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן:

— איך גלייב, אַז אין אָנהייב האָט לוצקעוויטש ווירקלעך אָנערקענט די פּרינציפּן, געאַרבעט ערלעך. זיינע אַרטיקלען זענען אַלעמען באַוווּסט.

— דאָס איז געווען אין אָנהייב. און דערנאָך?

— דערנאָך האָט זיך לוצקעוויטש, לויט מיין מיינונג, געביטן: ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די אַרעסטן, פאַרן שרעקלעכן טעראָר און געוואָרן רעכטער, גענייגט צו פּשרות.

— באַטראַכט איר לוצקעוויטשן פאַר אַ פאַרעטער צי ניין?

סעמיאָנס שטים איז פּלוצלינג געוואָרן שאַרף און דראָענדיק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז וולאַדימיר האָט ביי דער דאָזיקער פראַגע אַ לייכטן ציטער געטאָן.

— איך מיין, אַז לוצקעוויטש גייט אויף אַ געפערלעכן וועג, אויפן וועג, וואָס קאָן פירן צו פאַראַט. מיר דאַרפן וואָרענען די מאַסן דערפון. אָבער זיין פּאָזיציע איז דאָ. לוצקעוויטש האָט אַ געוואַלדיקן אויטאָריטעט ביי די מאַסן.

סעמיאָן האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און עפּלעכע מינוט מיט האַסטיקע טריט שפּאַצירט איבערן צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן וולאַדימירן, באַטראַכט אים אויפמערקזאַם.

— חבר וולאַדימיר, מיר מוזן ערנסט זיך דורכרעדן. דאָס איז נייטיק, כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע מיספאַרשטענדענישן, כדי די פּאַרטיי־ליניע זאָל זיין פאַר אייך אינגאַנצן קלאָר. לויט מיין מיינונג האָט איר אַ פאַלשע איינשטעלונג, וואָס קאָן זיין זייער געפערלעך פאַר דער ווייסרוסישער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג.

וולאַדימיר האָט פאַרלוירן זיין זעלבסטבאַהערשונג. ער האָט זיך אומרואיק אויסגעדרייט צו סעמיאָנען.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך און קלאָר פאַר אייך. נאָר, ווי איך זע, איז עס נישט אַזוי. איר האַלט לוצקעוויטשן און אָסטראָווסקין פאַר פּאָליטיקער, וואָס זענען ערלעך געקומען צו אונדז און איצט גייען זיי אויך ערלעך אַוועק פון אונדז. איר האַלט זיי פאַר נאַציאָנאַלע ריטער, וואָס ליידן אַ ביסל אויף דער קרענק פון אַלטקייט — פּאָרזיכטיקייט. זיי האָבן זיך אַ ביסל דערשראָקן. אָבער דאָס איז נישט אַזוי, ווייט נישט אַזוי. לוצקעוויטש און זיין קאָמפּאַניע זענען פון פּאָרויס געקומען צו אונדז, כדי אָפּצוציען די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג אויף פרעמדע וועגן. זעענדיק, אַז זיי זענען באַנקראָט, אַז די מאַסן זענען מיט אונדז, האָבן זיי באַשלאָסן אַרויפּציען אויף זיך אַ מאַסקע, זיי האָבן כלומרשט אָנערקענט אונדזערע פּרינציפּן, כדי אַזויאַרום געווינען צוטרוי און באַקומען די אָנפירערשאַפט אין דער באַוועגונג. איצט, ווען די „הראָמאַדע“ איז אָפיציעל פאַנאַנדערגעלאָזן, ווען די בעסטע טוער זענען פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע — טראַכטן די דאָזיקע לייט, אַז ס׳איז געקומען זייער צייט. באַטראַכט אייך, וולאַדימיר, לוצקעוויטש און אָסטראָווסקי ווערן באַפרייט בעתן „הראָמאַדע“־פּראָצעס, אַנדערע באַקומען שווערע יאָרן קאַטאָרגע. פאַרוואָס האָט מען זיי באַ־

פרייט? צי גלייבט איר אין חסד פון פוילישן אימפעריאליזם? צי האָט איר פאַר־געסן אין די תליות, וואָס עס האָבן אויפגעשטעלט פילסודסקים לעגיאָנען, אָקופּירנ־דיק מערב־ווייסרוסלאַנד? צי פאַרגעסט איר אין דעם שרעקלעכן טעראָר, וואָס בושעוועט אין לאַנד? זיי האָט מען באַפרייט, ווייל זיי זענען פילסודסקים אַגענטן.

וולאַדימיר האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט.

— לוצקעוויטש — פילסודסקים אַן אַגענט? שווער צו גלייבן. קיינער וועט נישט גלייבן, ווען מיר וועלן עס זאָגן. מע דאַרף האָבן באַווייזן. ער האָט אַ צו גרויסן אויטאָריטעט.

— ביי וועמען האָט ער אויטאָריטעט? ביי עטלעכע ווייסרוסישע אינטעלי־גענטן. דאָס אַלץ. אין ווייסרוסישן דאָרף, ביי די ברייטע פּויערים־מאַסן האָט אוי־טאָריטעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איר גלייבט מען. די מאַסן זענען געגאַנגען אין דער „הראָמאַדע". מיר וועלן אַראָפּרייסן לוצקעוויטשעס אויטאָריטעט, אים דע־מאַסקירן, און מאַכן אים ווי ווייט מעגלעך אומשעדלעך. ער איז פאַר אונדז אַ געפאַר.

— וואָס זשע רעכנט די פּאַרטיי צו טאָן?

סעמיאָן האָט אַ ווײַלע שאַרף אָנגעקוקט וולאַדימירן.

— צי זייט איר גרייט צו אָנערקענען און אויספירן די פּאַרטיי־באַשלוסן?

וולאַדימיר האָט זיך באַליידיקט.

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געבראָכן די פּאַרטיי־דיסציפּלין. די געשיכ־טע לוצקעוויטש איז פאַר מיר אַן אומגעריכטע. מעגלעך, אַז מיך האָט אַ ביסל פאַרפירט די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט אים. כאָטש... האָט דאָך אים די פּאַרטיי אַ לאַנגע צייט געדולדעט. וועמען זאָל איינפאַלן? נאָר אויב די פּאַרטיי באַ־טראַכט אים אַלס פאַרעטער, מסתמא האָט זי גענוגנדיקע באַווייזן. דאָס איז פאַר מיר גענוג.

— נישט אין דעם איז די פראַגע, וואָס די פּאַרטיי האָט זיכערע באַווייזן. די דאָזיקע באַווייזן האָט איר אַליין געדאַרפט באַקומען. לוצקעוויטשעס האַנדלונגען זענען פאַרעטערישע. דאָס איז דער גרעסטער באַווייז. וואַקלען זיך, איינגיין אויף פּשרות, אָפּוואַרטן ביז וואַנען לוצקעוויטש וועט אָפּן אויפדעקן זײַנע קאָרטן, אַליין זאָגן, אַז ער איז אַ פאַרעטער — דאָס וואָלט געווען פון אונדזער זייט אַן אומפאַר־צייַלעך פאַרברעכן.

וולאַדימיר האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן. סעמיאָן האָט זיך באַרואיקט און צוריק זיך אָוועקגעזעצט. מען מוז זיין פאַרזיכטיק מיט וולאַדימירן. אויב ער וואַקלט זיך נאָר, דעמלט איבערצייגן און געווינען אים. אויב אָבער ער שפּילט אַ קאָמע־דיע? מע דאַרף צו וויסן געבן אין צענטער. ער האָט זיך דערמאָנט אין אירען. ווען זי וואָלט דאָ געווען, ווי גוט ס'וואָלט געווען מיט איר זיך צו באַראַטן. די לעצטע

צייט טראַכט ער זייער פיל וועגן אירעז. געזען זי איינגאַנצן איין מאָל אין לעבן. און דאָך איז דאָס דאָזיקע מיידל אים פון דער ערשטער מינוט געוואָרן זייער נאָענט.

צוריקגעקערט צום געשפּרעך האָט אים וולאַדימיר. ער האָט געזאָגט:

— איך זע, אַז איר זייט גערעכט. איך האָב פּשוט נישט געטראַכט וועגן דעם. איך האָב געלעבט מיט אַ סך אַלטע באַגריפן, נישט זעענדיק ווי געפערלעך זיי זענען. אַ סימן, אַז איך האָב זיך נאָך נישט איינגאַנצן באַפרייט פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז נישט אַזוי לייכט. איר זייט גערעכט. קעגן לוצקעוויטשן מוז געפירט ווערן אַן אָנרחמנותדיקער קאַמף. וואָס זענען די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי?

סעמיאָן האָט געפילט אַ נישט אויפריכטיקייט אין וולאַדימירס טאָן. דאָך האָט ער אים רואיק געענטפערט:

— איר האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף די שילער פון דער ווייסרוסישער גימנאַזיע. קודם־כל אויפקלערן פאַר זיי לוצקעוויטשעס ראָל און מאָביליזירן זיי צום קאַמף קעגן אים, דאָס וויכטיקסטע איז אָבער — די ווייסרוסישע שול־געזעלשאַפט (טבש). לוצקעוויטשעס לייט באַמיען זיך אַריינצודרינגען און פאַרכאַפּן די דאָזיקע איינציק פאַרבליבענע לעגאַלע ווייסרוסישע געזעלשאַפט. אייער אויפגאַבע, אַלס פאָרזיצער פון קרייז פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, איז צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג, אָננעמען אַ רעזאָלוציע קעגן לוצקעוויטשן און אָסטראָווסקין, איבעררייסן אַלע באַציונגען מיט זיי און זייערע אָנהענגער, אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע קעגן זיי, דעמאַסקירן זיי. די פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף. איר וועט אים באַקומען. באַמיט זיך, אַז דער דאָזיקער אויפרוף זאָל דערגיין צו די געוועזענע הראָמאַדאָווצעס, צו דער שטאָטישער אינטעליגענץ, באַזונדערס לייגן אַכט אויף דער קומענדיקער לאַנד־קאָנפערענץ פון דער ט.ב.ש., ווייל אַלס דעלעגאַטן אונדזערע אָנהענגער, זיך קעגנשטעלן דעם פּוילישן אימפּעריאַליזם און זיינע אַגענטן — דאָס זענען אונדזערע דירעקטיוון.

— און ווי איז די לאַגע. אין אַנדערע ערטער? — האָט וולאַדימיר געפרעגט.

— אומעטום פילט זיך די נערוועזע אַקטיווקייט פון דער קליינער גרופּע לוצקעוויטשעס אָנהענגער. זיי באַמיען זיך צו געווינען סימפּאַטיקער. זיי זענען זייער פאַרזיכטיק. זיי דערזאָגן נישט, וואָס זיי טראַכטן. ס'פילט זיך, אַז זיי ווילן זיך פאַרפעסטיקן, געווינען צייט. איך האָב דעם איינדרוק, אַז אויך אין אונדזער פּאַרטיי געפינען זיך לוצקעוויטשעס מענטשן. — ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף וולאַדימירן.

וולאַדימיר האָט זיך איצט געהאַלטן רואיק, נישט אַרויסגעוויזן קיין נערוועזקייט. ער האָט ערנסט אָפּגעענטפערט:

— מע דאַרף זײַן זײער פאָרזיכטיק. עס זענען זיכער פאַראַן א סך וואַקלדיקע.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז סעמיאָן געזעסן בײַ וולאַדימירן, און אַוועקגע־גאַנגען פון אים איז ער מיט א שווער האַרץ: צי האָט ער נישט געעפנט די פּאַרטײ־פּלענער פאַרן שונא? מע דאַרף רעדן מיט מיכאלן און רעקאָמענדירן אים, אַז ער זאָל באַזונדערס אכטונג געבן אויפן קאָמיוג־קעמערל אין דער ווײַסרוסישער גימ־נאַזיע, זיך אינפאָרמירן וועגן דער שטימונג צווישן די שילער, וועגן וולאַדימירן.

* * *

די זיצונג פון סעקרעטאַריאַט פון קרײַז־קאָמיטעט איז געווען זײער א קורצע. די שטאַרקע רעפּרעסיעס און שפּיאָנאַזש האָבן באַוויזן סעמיאָנען קיינעם, אויסער די מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט, נישט צוצולאָזן צו דער דאָזיקער זיצונג. ער האָט איבערגעגעבן די לעצטע דירעקטיוון פון צענטראַל־קאָמיטעט, דערציילט, אַז ס'איז געווען צוליב דעם אַ ספּעציעלער אינסטרוקטאָר פון צענטער; איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון יענעמס אינפאָרמאַציע. די איבעריקע צוויי מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט, סעריאָזשע און מיכאל, האָבן באַגריסט דעם באַשלוס פון צענטער. די זיצונג האָט באַהאַנדלט די קאָנקרעטע מאָסמיטלען, וויאַזוי דורכצופירן די ערשטמאַיקע קאַמפּאַניע.

מיכאל האָט גענומען אויף זיך די צוגרייטונג פון דער יוגנט און סעריאָזשע — די אַרבעטער פון שטאָט. בײַם פאַנאַנדערגיין זיך האָט סעמיאָן פאַרהאַלטן סעריאָ־זשען און פאַרפירט מיט אים א געשפּרעך וועגן דער שטימונג צווישן דער ווײַס־רוסישער באַפעלקערונג, הויפּטזעכלעך וועגן דער שטימונג צווישן דער ווײַסרוסי־שער אינטעליגענץ. סעריאָזשע איז געווען א ווײַסרוסישער אַרבעטער, אייניקע יאָר אין דער פּאַרטײ, זײער אַן אַקטיווער, אַן אָרטיקער אײַנוווינער, ער האָט גוט גע־קענט דעם גאַנצן קרײַז. אין דער פּאַרטײ האָט מען זיך מיט אים גערעכנט. פאַר סעמיאָנען איז סעריאָזשע געווען זײער אַ גרויסע הילף, באַזונדערס די ערשטע צײַט. סעריאָזשע האָט אים געהאָלפן זיך צו באַקענען מיט די אָרטיקע באַדינגונגען, מיט די חברים. אין ערנסטע מאָמענטן פלעגט סעמיאָן זיך באַראַטן מיט אים. אויך איצט האָט ער באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט אים וועגן וולאַדימירן. ער האָט אים אין קורצן אינפאָרמירט וועגן זײַן לעצטן געשפּרעך מיט אים, זײַער פאָרזיכטיק אַרויסגעזאָגט זײַנע ספקות.

סעריאָזשע האָט צוגעזאָגט צו ווענדן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אויף וולאַדימירן, צו לייגן באַזונדערס אַכט אויף דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג און וועגן אַלץ אינפאָרמירן סעמיאָנען. לויט זײַן מיינונג איז וולאַדימיר אַן איבערגעגעבענער חבר, אַן ערלעכער, נאָר ער איז אַ קליינבירגערלעכער אינטעלי־

גענט, דעריבער זענען אים אייגן געווייסע וואַקלונגען און נישט אויסגעהאַלטנקייט. לויט זיין מיינונג קאָן מען האָבן צו אים צוטרוי. סעמיאָן דאַרף אין דער צוקונפֿט לייגן מער אכט אויף וולאַדימירן, העלפֿן אים בייקומען זיינע קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע איבערבלייבענישן.

אייניקע טעג פֿאַרן ערשטן מאי זענען פֿאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן אין שטאָט. צווישן אנדערע איז אַרעסטירט געוואָרן מיכאל און נאָך אייניקע וויכטיקע טוער. אין די דאָזיקע טעג איז סעמיאָן כמעט אינגאַנצן נישט געשלאָפֿן. ער האָט מאָביליזירט אַלע פֿאַרבליבענע כוחות פֿאַר דער מאַי־קאַמפּאַניע. ער איז געווען אומעטום, אַליין אינסטרוקטירט. ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ גרויסער געפֿאַר פֿאַר אים, אַז ער קאָן יעדע מינוט אַרעסטירט ווערן, אַז ער שטעלט אין געפֿאַר די גאַנצע מאַי־קאַמפּאַניע. נאָר ער האָט געפֿילט, אַז אויב די חברים וועלן אים נישט זען, נישט פֿילן אין די דאָזיקע שווערע טעג זיין אָנפֿירונג, קאָנען אייניקע שוואַכערע אונטערן דרוק פֿון טעראָר זיך פֿאַרלירן, נישט ווילנדיק אונטעררייסן די קאַמפּאַניע. די דירעקטיוון פֿון צענטער מוזן פֿאַר יעדן פּרייז דורכגעפֿירט ווערן. אייניקע מאָל האָט ער דורך אַ גליקלעכן צופֿאַל אויסגעמיטן אַ זיכערן אַרעסט. ער האָט געפֿילט, אַז דער פּאָליציייִשער שלייף פֿאַרציט זיך אַלץ פֿעסטער אַרום זיין האַלדז, אַז די פּאָליציי ווייסט שוין וועגן אים, גייט אים נאָך פֿוס־טריט. אירא איז געוווען, וואָרענענדיק אים, אַז ער זאָל נישט זיין צופֿיל זיכער, נאָר ס'איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. איין געדאַנק האָט אים די גאַנצע צייט באַהערשט — דערפֿירן צו אַ דעמאָנסטראַציע, צו אַרויסטרעטונגען. דערנאָך... וועגן דעם, וואָס עס קאָן זיין דערנאָך, האָט ער זיך באמת נישט צו טראַכטן.

ערשטער מײַ

די נאַכט פאַרן ערשטן מײַ איז געווען אַ פינצטערע. טונקל־גרויע וואָלקנס זענען נידעריק געלעגן איבער די פעלדער און איבערן וואלד. זענאָן און אנדריי האָבן אָרגאניזירט דעם גאנצן קאָמיוג און די פּיאָנערן און אויך די סימפּאַטיקער. יעדער פּאַרטיי־חבר האָט געהאט זײַן באַשטימטע פונקציע. די פּאָליציי האָט זיך די לעצטע צוויי טעג נישט באַוויזן אין דאָרף, און נאַטאַשע האָט נישט געוווסט, וואָס דאָס באַטייט. צי איז די פּאָליציי זיכער, אַז נאָך די מאַסן־אַרעסטן וועט דער ערשטער מײַ פאַרבײַ רואיק, אָדער די פּאָליציי גרייט צו אַן אומגעריכטן איבערפאַל, א בלוט־באָד. זי האָט געגעבן אַ דירעקטיוו אויסצונוצן די נאַכט פאַרן ערשטן מײַ. אויף אַלע וועגן, וואָס פירן צו דער שטאָט, זענען די טעלעגראַף־ און טעלעפאָנסלופּעס באַקלעפּט געוואָרן מיט אויפרופן, מיט לאָזונגען. אויף דער פּראָוואָסלאַווונער קירך און סאָלטיסעס הויז זענען אַרויפגעהאָנגען געוואָרן רויטע פענער. די כאַטעס זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט אויפרופן. קיריל דער נאַכטוועכטער האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, ווו נאָר ער האָט באַמערקט שלייכנדיק זיך א שאָטן, האָט ער זיך פאַרקערעוועט אין א צווייטער זייט פון דאָרף .

נאַטאַשע האָט זיך פאַרבונדן מיט אַנדערע דערפער, פאַנאַנדערגעשיקט ליטעראַטור, אײַנגעשטעלט פּאַראָלן, געגעבן דירעקטיוון דורך וועלכע וועגן צו גיין. פון אומעטום זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז די פּויערים, אויסגעהונגערטע פון שווערן ווינטער, זענען אנטשלאָסן צו גיין אין שטאָט, דעמאָנסטרירן קעגן פּוילישן אָקופּאַנט.

די דאָזיקע נאַכט איז נאַטאַשע כמעט נישט געשלאָפן. דאָס ערשטע מאָל איז איר פּאַרטרויט געוואָרן אזא פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. די חברים, באַזונדערס דימיטרי און איוואַן, האָבן צו איר צוטרוי. אַלע פירן אויס גערן אירע באַשלוסן. זי פילט, אַז די חברים האָבן זי ליב. ס׳וואַקסט איר אויטאָריטעט. באַרעכטיקן דעם דאָזיקן צוטרוי, פאַר יעדן פּרײַז דורכפירן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי! ווי וועט

זיך עם פּרייען דימיטרי, דער קרייז־קאָמיטעט, ווען די דעמאָנסטראַציע וועט אַדורך קעמפּעריש. ס'וועט זיין אַ פּאַרענטפערונג פאַר די שווערע קרבנות, פאַר די חברים אין די תפיסות; פאַר דימיטרים פינצטערער הייל אין וואלד!

שווערע שווידערלעכע בילדער פון פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן אויפגעלעבט אין זכרון: יאָר 1920. פּוילישע לעגיאָנען פאַרנעמען דאָס דאָרף. וואָלאָדיע, איר איינציקער ברודער, גייט אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי. אויס נקמה אַרעסטירט מען איר טאַטן. אייביק וועט זי געדענקען דעם לעצטן פאַרצווייפלטן בליק, וואָס דער טאַטע האָט איר צוגעוואָרפן, ווען די סאָלדאַטן האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון דער כאַטע. איינגעקאָרטשעט פון שרעק, איז זי געלעגן אין ווינקל, מורא האָבנדיק אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט. די אַלטע באָבע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, האָט מוראדיק געיאָמערט. זי האָט געציטערט פאַר די דאָזיקע פרעמדע באַוואָפנטע מענטשן.

אין דער פרי האָט זי געזען איר פאָטער הענגען אויף אַ סלופּ לעבן דער שול. ער איז שוין געווען טויט. מענטשן, שכנים, מיט געלע געזיכטער און שטילע טרערן אין די אויגן, גייען שנעל פאַרביי דער דאָזיקער גרויזאַמער תליה. וויפל טרערן האָט זי דעמאָלט פאַרגאָסן! קיינמאָל, דאַכט זיך, האָט זי נאָכדעם נישט געלאַכט. דער ברודער וואָלאָדיע, אַ קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי, האָט שפּעטער נישט איינמאָל זי גערופן צו זיך. ניין! זי וועט נישט אַוועק פון דאַנען. זי וועט דאָ בלייבן, דאָ איז זי נייטיק.

געווען אַ שיין פון פאַרזונקענעם גליק. מיידלשע חלומות... אַנטאָן... ווי זי האָט אים ליב געהאַט! פאַר זיין יוגנט, שטאַרקייט און דרייסטקייט. יאָר 1924. פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג... אַרום האָבן געברענט די פּריצישע גיטער. אַנטאָן מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע אין וואַלד מיט די פּאַרטיזאַנער. זי האָט אים נאָך איין מאָל געזען. אַ געבונדענעם מיט נאָך איינציקע, אַ צעבלוטיקטן מיט צעריסענע קליידער, האָט מען אים פאַרבייגעפירט דורכן דאָרף. זי ווייסט אַפילו נישט, וווּ זיין קבר איז. זי האָט געלייענט דעם פּאָליציי־קאָמוניקאַט — דערשאָסן לויטן אורטייל פון שטאַנד־געריכט.

צי איז נאָך מעגלעך פאַר איר פאַרזונקענעד גליק? לעצטנס טראַכט זי אַמאָל וועגן דעם. דימיטרי... ער איז פאַר איר מער ווי אַ חבר, כאָטש זיי האָבן קיינמאָל נישט גערעדט צווישן זיך וועגן ליבע. זי ווייסט, אַז ער האָט זי ליב. דאָס האָט זי געלייענט אין זיינע טיפע בלויע אויגן. איז מעגלעך פאַרזונקענעד גליק פאַר זיי? בעסער נישט טראַכטן. מאָרגן איז דער ערשטער מאַי... וויפל פּויערים וועלן קומען אין שטאָט? צי וועלן זיין אַרעסטן? זיכער וועלן זיין. ס'איז צייט זיך אויפצוהייבן. מאָרגן איז זונטיק. דאָס איז גוט. מע וועט גיין כלומרשט אין קירך.

* * *

דער פּרימאָרגן איז געווען א קילער, מיטן וועטער האָט מען נישט געקאָנט זיכער זיין. דער הימל, האלב פּאַרוואָלקנט, האָט זיך געבאָדן אין לייכטע כמארעס. דאָס דאָרף האָט זיך אומרואיק אויפגעכאַפּט. אַלטע פּויערים האָבן דערשראָקן זיך געצלמט, קוקנדיק אויף דער רויטער פאָן, וואָס האָט שטאָלץ געפלאַטערט איבער דער קירך. אויף דער פּוילישער שול איז מיט גרויסע רויטע אותיות געווען אָנגע־שריבן: „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע! זאָל לעבן דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פון מערב־ווייסרוסלאַנד ביז אָפּטיילן זיך!". די דאָזיקע דראָענדיקע רויטע אותיות אין צוגטער פון דאָרף זענען געווען א מאָבילירזאַציע־סיגנאַל. אנדריי און יורעק זענען שנעל פארבייגעגאַנגען דעם קלויסטער און פארשווונדן אויפן וועג, וואָס פירט צו דער שטאָט. ביים נאָענטן וועלדל האָט שוין אויף זיי געוואַרט נאַטאַשע.

נישט איילנדיק האָבן די פּויערים אָנגעהויבן צו פּאַרלאָזן דאָס דאָרף. זיי זע־נען געגאַנגען צופוס, געפאָרן אויף וועגענער. דאָס דאָרף האָט אָנגעהויבן פּלוצים ליידיק ווערן.

ווען מאַטיוכע האָט דערזען די רויטע פאָן איבער זיין הויז, האָט ער אויפגע־שוידערט, ער האָט מיט מי און שרעק קוים זי אראָפּגעריסן. ער האָט געקוקט אויף דער אומרואיקער באַוועגונג פון די פּויערים און איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט אָריענטירן, וווהין זיי גייען. די פּויערים זענען געגאַנגען דורך פאַר־שידענע וועגן אין פארשידענע ריכטונגען. ס'האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס דאָרף איז פּלוצים משוגע געוואָרן, אז די פּויערים האָבן פאַרלוירן דעם שכל. וווהין גייען זיי?

און אנדערער מיינונג האָט געהאַט די פּוילישע לערערין וואַשינסקאַ. זי איז אַן אויפגערעגטע געקומען צו מאַטיוכען אין ווינטערדיקן מאַנטל אויף די נאַקעטע פּלייצעס.

— מע דאַרף תיכף טעלעפאָנירן, צו וויסן געבן דעם קאָמענדאַנט. די קאָמו־ניסטן קלייבן זיך אויף א דעמאָנסטראַציע.

— אָבער וווהין גייען זיי איינער דאָ, דער אנדערער — דאָרטן. גיי פארשטיי זיי. זיי זענען עפּעס משוגע געוואָרן.

— די קאָמוניסטן זענען נישט משוגע געוואָרן. זיי זענען קליגער פאַר אייך. דאָס איז א מאַנעוור אַזאַ אָפּצונאַרן די פּאָליציי. גיט תיכף צו וויסן.

מאַטיוכע האָט זיך א ריס געטאָן צום טעלעפאָן, נאָר זיינע אַלע באַמיונגען זיך צו פאַרבינדן מיט דער פּאָליציי זענען געווען אומזיסט. נאַטאַשע האָט ביינאַכט

באַזאָרגט, אַז די טעלעפאָנישע פֿאַרבינדונג זאָל אין גאַנצן ראַיאָן איבערגעריסן ווערן.

אויף די וועגן זענען געווען אויסגעשטעלט פּאַטרולן פֿון דער יוגנט און פּיאָנערן. זיי זענען געקראָכן אויף הויכע ביימער, באַהאַלטן זיך אין גריבער, געקוקט און נאָכגעפֿאָרשט יעדע באַוועגונג פֿון דער פּאָליצײַ און דורך צייכנס געגעבן צו וויסן, געוואָרנט.

פּאָליצייאישע רייטער־פּאַטרולן האָבן געניששטערט איבער די וועגן, פֿאַרהאַלטן פּויערים, געשלאָגן, געצוווּנגען גיין צוריק. די פּיאָנערן זענען אָבער באַלד אויסגעוואַקסן ווי פֿון אונטער דער ערד.

— גייט מיט דער דאָזיקער סטעזשקע. דאָרטן איז נישט פֿאַראַן קיין פּאָליצײַ.

די פּויערים האָבן צופֿרידן געשמייכלט, געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען די קינדער, געגלויבט זיי: „אַ וועלט די היינטיקע! נישט ווי אין אונדזערע צייטן. וואָס עס וועט נאָך פֿון זיי אויסוואַקסן“.

פֿון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט פּויערים־מאַסן אין שטאָט. די פּאָליצײַ איז געווען אובאַהאָלפֿן אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן שטראָם. דאָס איז געווען פֿאַר איר אומגעריכט, אומדערוואַרט. זי איז געווען זיכער, אַז נאָך די מאַסן־אַרעסטן וועלן זיך די קאָמוניסטן פֿאַרהאַלטן רואיק, באַגנוגענען זיך, ווי די מערסטע יאָרן, מיט אייניקע אַרויסגעהאָנגענע פֿענער און אויפֿרופֿן. דער דאָזיקער עקשנותדיקער מאַסן־דראַנג האָט זיי צעטומלט. זיי האָבן זיך געוואָרפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן, אָפּגעשטעלט, פֿאַרהאַלטן. נאָר די פּויערים זענען אַהיים צוריק נישט אַוועק.

די וואָלקנס זענען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. אַ ליכטיקער זוניקער פֿרילינגס־טאָג. ס'האָט געשמעקט מיט צעבליטער ערד און זאַפֿטיקן ריח פֿון צעבליטע ביימער. נאַטאַשע איז געשטאַנען אין וואַלד און איר געזיכט האָט געשיינט פֿון פֿרייד. אַנדריי איז אָפּטמאָל אַ פֿאַרסאָפּעטער געקומען צו לויפֿן, געבראַכט באַריכטן.

— נאַטאַשע, הכּבֿר טויזנט פּויערים האָבן זיך שוין אַרייַנגעריסן אין שטאָט. און מע האַלט אין איין גיין. מאַרוסיע מיט דער גרופּע באַטראַקעס גייט מיטן טראַקט. איוואַן מיט אַ גרופּע פּויערים געפֿינט זיך שוין אין שטאָט. די ציגל־אַרבעטער האָבן מאַרשירט מיט אַ רויטער פֿאָן. זענאָן האָט זיי אין נאָמען פֿון רייקאָם געהייסן פֿאַנאַנדערוואַרפֿן זיך אין קליינע גרופּן און אַרייַנרייסן זיך אין שטאָט.

יורעק קומט צו לויפֿן אַ פֿאַרשוויצטער.

— אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליצײַ... אַ פּאָליצײַ־פּאַטרול האָט געפּרוּווט פֿאַרהאַלטן 550 טאַרטאַק־אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד... די פּויערים זענען געקומען זיי צוהילף. איין פּאָליציאַנט איז פֿאַרוווּנדעט. דריי אַרבעטער זענען אַרעסטירט .

פונוויטנס האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן.

„זאָל לעבן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט!“ רויטע אותיות האָבן געבלישטשעט אויף דער זון אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ. דאָס ווייסרוסישע דאָרף איז געגאַנגען אין שטאָט צו פאַרברידערן זיך מיט די אַרבעטער.

* * *

11 אַזייגער אין דער פרי איז העכער זעקס טויזנט פויערים געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין שטאָט. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט איןביידע קלויסטערס — אין פּראַוואָסלאַוונעם און קאַטויליש, געוואַרט אויף אַ סיגנאַל.

די שטאָט האָט געפיבערט אין ערשטמאַיקן אויפברויז. רויטע פענער, פּלאַקאַטן, עמבלעמען האָבן באַצירט די הייזער. דאָס בירגערטום, איבערגעשראָקן, האָט זיך פאַרמאַכט אין די שטיבער, מורא געהאַט אַרויס אויף דער גאַס. אין אַ סך הייזער זענען פאַרגעקומען שטורמישע פאַמיליען־סצענעס.

— דו וועסט נישט גיין, זאָג איך!... זיץ אין דער היים! תפיסה האָט זיך דיר פאַרוואָלט!... דאָס גליק פון לעוום זינדל האָט זיך דיר פאַרשמעקט? ס'ווילט זיך דיר אויך זעקס יאָר?...

דער זון, אַן אָנגעטאָנענער אין יום־טובדיקע קליידער, האָט זיך געריסן פון דער פאַרצווייפלטער מאַמעס הענט.

— לאָז אָפּ, מאַמע! אַלע אַרבעטער פאַרזאַמלען זיך אין פאַריין. איך וועל פון זיי נישט אָפּשטיין!

די מאַמע פאַרברעכט די הענט, קוקט נאָך דעם פאַרשווונדענעם זון. אַ ווייטיקדיקער געדאַנק דריקט דאָס האַרץ: „צי וועל איך אים נאָך זען“.

אין אַ הויף היצן זיך שכנים:

— איך זאָג אייך, שרייט אַ געל יידל מיט שנעלע בלישטשענדיקע אויגן און האַלט דערביי דעם שכן פעסט ביים לאַץ פון דער מאַרינאַרקע, ווי יענער וואָלט זיך געריסן צו אַנטלויפן, — איר וועט זען, דער היינטיקער טאָג וועט גלאַטיק נישט אַדורך. ס'וועלן זיין קרבנות. מע וועט שיסן, זאָג איך.

די שכנים שאָקלען צו מיט די קעפּ, דאָס געלע יידל היצט זיך נאָך מער:

— וואָס מיינט איר, אַ וועלט איז הפקר! די מלוכה וועט זיך לאָזן שפּייען אין דער קאַשע?! איר האָט געזען, ווי זיי האָבן דאָס פאַרשמירט די ווענט?! אים, פּילסודסקין אַליין!!! איך זאָג, נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס, בעסער בלייבן זיצן אין דער היים!

אין קאַטויליש קלויסטער האָט קאָוואַלסקי דער חזירים־קצב דאָס מאָל ווינציק געשענקט אויפמערקזאַמקייט דעם גאָטעס־דינסט. אַן אויפגערעגטער, מיט

אַ געהיימער מינע, האָט ער אָפּגעשטעלט יונגע, געזונטע, ברייטפּלייציקע לייט און מיט זיי עפּעס איינגעטענהט. יענע האָבן צופרידן געשאָקלט מיט די קעפּ. ס'האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— מיטנעמען מיט זיך אייזערנע שטאַנגען... זאַמלען זיך לעבן מיין יאַטקע.

פּאָליציי איז געלאָפן פון אָרט צו אָרט און אַרונטערגעריסן די אויפרופן. די סטרוזשעס האָבן זיך באַמיט אָפּצוואַשן די געפאַרבטע רויטע עמבלעמען. אומזיסט. אויפן קוימען פון דער הוטע האָט שטאָלץ געפלאַטערט אַ רויטע פאָן מיט סערפּ און האַמער. ס'זענען גערופן געוואָרן די פייערלעשער. נאָר זייערע לייטערס האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן דעם שפּיץ פון קוימען. די פאָן האָט גערייצט, גערופן. דער סטאַראָסטע האָט באַפוילן זי אַראָפּצושיסן. די ביקסן=קאַנאָנאַדע האָט אַריינגעבראַכט נאָך מער פּאַניק אין שטאָט. די גאַסן זענען אויף אַ קורצער צייט אָפּגעשטאָרבן. די גלחים אין די קירכן האָבן גערונערט קעגן די קאָמוניסטן, קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

10 אַזייגער אין דער פרי האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען די אַרבעטער. זיי האָבן זיך געטראָפן אויף פאַרשידענע טרעף=פונקטן. אַלע עפנטלעכע אַנשטאַלטן, באַזונדערס דער לאָקאַל פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, זענען געווען באַוואַכט פון פאַרשטאַרקטע פּאָליציי=פּאַטרולן. סעמיאָן האָט דאָס פאָרויסגעזען און געהייסן פאַנאַנדערשטעלן נישט ווייט פון די דאָזיקע ערטער פּיקעטן, וועלכע האָבן איבערגעפירט די אַרבעטער אויף אַנדערע ערטער: אין שטאָט=פּאַרק, אַרום די קלויסטערס. די באַוועגונג אין שטאָט איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. אויף אַלע גאַסן האָבן זיך געזען צעוואָרפענע גרופּן אַרבעטער, וואָס האָבן לאַנגזאַם שפּאַצירט אין זייערע יום=טובדיקע קליידער.

פיליפּן און וואָלאָדעקן איז געלונגען אַרויסצופירן כמעט אַלע 500 הוטע=אַרבעטער. זיי זענען געגאַנגען אין קליינע גרופּן, געקוקט אַרויסרופעריש אויף די פּאָליציי=פּאַטרולן. איינציקע פאַרדעכטיקע פאַרשווינען האָבן זיך באַמיט אָנצושליסן אין זיי, נאָר די אַרבעטער האָבן זיי באַגעגנט מיט אַזאַ שטילער רציחה, אַז די „ווילע לייט" האָבן געפונען פאַר זיכערער צו האַלטן זיך אַ ביסל פונדערווייטנס.

רובינען און סטעפאַנען איז געלונגען אַרויסצופירן אויף דער גאַס מער ווי אַ העלפט אַרבעטער פון דער פּאַפּיר=פאַבריק. די סטאָליער, שניידער און די לעדער=אַרבעטער האָבן זיך געזאַמלט אויף דער צענטראַלער קאָשטשושקאָ=גאַס. זיי זענען געגאַנגען צום שטאָט=פּאַרק. קליינע גרופּן אַרבעטער האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, פאַנאַנדערגעטיילט זיך, ווידער צוזאַמענגעגאָסן. פּאָליציי=פּאַטרולן האָבן פאַרפלייצט די גאַסן, געשטויסן די אַרבעטער, אָפּגעגעבן האַרטע, הוצפּהדיקע באַפעלן: „נישט שטיין, פאַנאַנדערגיין זיך!" די אַרבעטער האָבן געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, געגאַנגען לאַנגזאַם. אויף דער צענטראַלער גאַס האָבן איינציקע

שפּיקעם אַרעסטירט גאָלדמאַנען, דעם סעקרעטאַר פון לעדער-פּאַריין. די אַרבע-טער, וואָס זענען געווען דערביי, האָבן אים געוואָלט אָפּשלאָגן. נאָר גאָלדמאַן, אויס מורא, אַז דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס זאָל נישט האָבן קיין פאַטאַלע פאָלגן פאַר דער דעמאָנסטראַציע, האָט באַרואיקט די אייפגערעגטע אַרבעטער און גע-לאָזט זיך פירן אין דער דעפּענסיווע.

סעמיאָן האָט אומרואיק אַרומגעשפּאַצירט אין לענגס צימער. אים איז גע-ווען זייער שווער. אים האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט זיין אויף דער גאַס, אָבער ער האָט עס נישט געטאָרט טאָן. די דירעקטיווו פון צ. ק. האָט שטרענג פאַרבאָטן די קרייז-סעקרעטאַרן צו באַווייזן זיך דעם ערשטן מאַי אין דרויסן. ער האָט גע-האָט זיין טרייסט: פון צייט צו צייט איז געקומען עמעצער צו לויפן אָפּגעבן אַ באַריכט:

—חבר סעמיאָן, דאָס וועט שוין זיין איינמאָל אַ דעמאָנסטראַציע. מיגדעס-טנס צען טויזנט מאַן וועלן אין איר אָנטיילנעמען.

פיליפּ איז געקומען צו לויפן אַ צעטראָגענער. ער איז געווען באַשטימט פון קרייז-קאָמיטעט אַלס קאָמענדאַנט פון דער דעמאָנסטראַציע.

— דער רעדנער איז אַרעסטירט.

— גאָלדמאַן?! — האָט סעמיאָן אומרואיק אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, ווער וועט רעדן?! דערלויבט מיר!

— ניין, דאָס איז אַן אומזין! גאָלדמאַנען האָבן מיר דערלויבט, ווייל ס'איז באַשלאָסן געוואָרן סיווי אַריבערצופירן אים אין אַן אַנדער אָרט. דו טאָרסט נישט אַרויסטרעטן, אַלע שפּיקעס קענען דיך. דו וועסט מער נישט קאָנען זיין אין שטאָט. אויסער דעם דאַרפסטו אָנפירן מיט דער דעמאָנסטראַציע. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

— ווער זשע דען? עמעצער מוז דאָך רעדן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי!

— דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז עס זאָל אַרויסטרעטן אַ פּוילישער אַרבע-טער. דאָס וועט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג.

— וולאַדעק?

— ניין, ער איז איצט פאַר דער פּאַרטיי באַזונדערס וויכטיק. מיט אים טאָרן מיר איצט נישט ריזיקירן. זאָל אַרויסטרעטן וואַצעק. ער איז נישט לאַנג אין שטאָט. זוך אים אויף און אינסטרוקטיר אים ווי געהעריק. ער דאַרף רעדן זייער קורץ — 3—5 מינוט. נישט מער. דער עיקר — אייניקע רעוואָלוציאָנערע לאָ-זונגען.

— ווען אָנהייבן די דעמאָנסטראַציע?

— ווען דער עולם וועט אַרויסגיין פון די קירכן און די פּויערים וועלן זיך אָנהייבן גרופּירן — לויט אונדזער אַלטן פּלאַן. פיר אַרום די הויט-אַרבעטער

אינמיטן מאַרק און הייב אויף די פּאַרטיי־פּאַן. צי איז די זעלבשוץ שוין צוזאַ־מענגעקומען זיך?

— אַלץ אין בעסטן אָרדענונג. א שאָד, וואָס דו קאָנסט נישט זען מיט דיינע אייגענע אויגן. איינס און איינס, דרייסטע, געזונטע, איבערגעגעבענע יאַטן.

* * *

דער סטאַראָסטע האָט אַרומגעשפּרייזט הין און צוריק אין זיין קאַבינעט אַן אויפגערעגטער, אַן אומזיכערער. די טעלעפאָן־פאַרבינדונגען מיט אייניקע ראַיאָ־נען זענען געווען איבערגעריסן. ער האָט געזידלט דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר:

— ווו איז אייער פּאָליציי? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. אַ שיינע אָרדענונג! אויף מיין הויז אָנגעשמירט אַ לאָזונג: „נידער מיט די פּוילישע אָקופּאַנטן!“ מען קאָן עס אפילו נישט אָפּוואַשן. די אַרבעטער זאַמלען זיך אין די הונדערטער אויף דער גאַס. ווו איז די פּאָליציי?

— הער סטאַראָסטע! די פּאָליציי איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן... זי קאָן זיך נישט קיין עצה געבן. מיר האָבן צו ווינציק מענטשן. איך האָב שוין פון לאַנג געזאָגט, אַז מע דאַרף פאַרגרעסערן די צאָל. אויף אַלע וועגן גייען פּויערים אין שטאָט. אַלע אונדזערע באַמיונגען אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן שטראָם זענען דורכגעפאַלן. זיי זענען צופיל און מיר צו ווינציק. ווער זאָל זיך ריכטן, — האָט ער ביין צוגעגעבן, — קאָמיסאַר ווישניעווסקי האָט דאָך פאַרזיכערט, אַז אַלע קאָמוניסטן זענען שוין אין תפיסה, אַז דאָס יאָר וועט זיין רואיק. מיר האָבן אים געגלייבט. אַזאַ סיורפּריז!

שוין אַ לאַנגע צייט איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער קאַמף צווישן פּאָליציי־קאָמי־סאַר גרושינסקי און דעפענסיווע־שעף ווישניעווסקי. גרושינסקי האָט נישט געקאָנט מוחל זיין ווישניעווסקין זיין צו שנעלע קאַריערע. נאָך מיט אַ יאָר צוריק — אַן אייגפאַכער אָפיציר, און איצט שוין שעף. האַלט די גאַנצע וואָיעוודסטווע אין זיינע הענט. ער, גרושינסקי, איז שוין 8 יאָר קאָמיסאַר און באַקומט נישט קיין העכערונג. ווישניעווסקי האָט געהאַלטן גרושינסקין פאַר אַ טויגעניכץ, אַ שיכור. און ביי יעדער געלעגנהייט אים צווידערייטיק געגעבן צו פילן, וואָס ער טראַכט וועגן אים. דער סטאַראָסטע האָט געוווסט וועגן דער דאָזיקער שנאה. ער האָט סימ־פּאַטיזירט מיטן עלעגאַנטן חוצפהדיקן ווישניעווסקין. ער האָט זיך מיט פאַרדראָס אָפּגערופן:

— געפונען אַ צייט פאַר פערזענלעכע חשבונות. זאָגט בעסער וואָס צו טאָן? מע טאָר פאַר יעדן פּרייז נישט דערלאָזן צו אַ דעמאָנסטראַציע, מיר האָבן באַקו־

מען אַ געהיימע דירעקטיוו פון אינערן־מיניסטער. דאָס וועט אונדז אַלע קאָמפּראָ־מיטירן אין די אויגן פון וואַרשע.

— לויט מיין מיינונג, דאַרף מען אַרויספאָדערן פּאָליציי־אישע הילף פון אַנ־דערע ערטער.

דער סטאַראָסטע האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אייער עצה וואָלט גוט געווען נעכטן, אָבער נישט היינט. צו שפּעט! ביז הילף וועט קומען, וועלן די קאָמוניסטן האָבן איינגעאָרדנט זייער דעמאָנסטראַ־ציע. מען דאַרף זען מיט אייגענע כוחות נישט צו דערלאָזן.

אין קאַבינעט האָט זיך אַריינגעריסן דער שעף פון דעפּענסיווע ווישניעווסקי.

— איר האָט זיך דאָך געריטמט, אַז איר האָט אַלע קאָמוניסטן אונטערן שלאָס, — האָט אים איראָניש באַגעגנט גרושינסקי.

ווישניעווסקי האָט בייז זיך אויסגעדרייט צו אים.

—איר האָט היינט, ווייזט אויס, צו ווייניק געטרונקען. איר זייט מיר עפּעס צו גאַליק. — און ווענדנדיק זיך צום סטאַראָסטע, — די לאַגע איז ערנסט. אין שטאָט געפינען זיך שוין ביי אַכט טויזנט פּויערים. זייער שטימונג איז ממש אַ באַנדיטישע. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע קאָן זיך פאַרענדיקן מיט זייער ערנסטע רעוואָלטאַטן. די פּויערים זענען אַנטשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

— און איר האָט פריער נישט געוווסט דערפון? — האָט געפרעגט דער סטאַראָסטע.

ווישניעווסקי איז רויט געוואָרן.

— איך מוז מודה זיין, אַז דאָס מאָל בין איך אַליין אַריינגעפאַלן. איך האָב געהאַט געוויסע ידיעות, אַז די קאָמוניסטן האָבן באַשלאָסן דאָס יאָר נישט איינצו־אָרדענען קיין דעמאָנסטראַציע. נאָר מיט עטלעכע טעג צוריק איז אומגעריכט געקומען אַן אינסטרוקטאָרין פון קאָמוניסטישן צ.ק. אָ, ווען איך האָב זי אין מיי־נע הענט! — זיין געזיכט איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט. — זי האָט געבראַכט דירעקטיוון — פאַר יעדן פּרייז איינאָרדענען אַ דעמאָנסטראַציע. איך בין געוואָר געוואָרן וועגן דעם ערשט נעכטן. איך האָב נישט געגלייבט, אַז דאָס הייפל פאַר־בליבענע קאָמוניסטן זאָל פעיק זיין צו מאָביליזירן אַזויפיל מענטשן!

— דאָס הייפל איז גאַנץ היפש, — האָט אים גרושינסקי ווידער אַ שטאָך געטאָן, דאָס דאָזיקע הייפל האָט איצט פאַרפלייצט די גאַנצע שטאָט.

— און די העלדישע פּאָליציי מיט איר פירער מאַכט אין די הויזן!

— מיינע הערן! — האָט דער סטאַראָסטע אומגעדולדיק אויסגעשריגן.

— לויט די ידיעות, וואָס איך האָב, וועט די דעמאָנסטראַציע זיך אָנהייבן אויפן מאַרק, מע דאַרף דאָרטן קאָנצענטרירן די גאַנצע פּאָליציי. קאָוואַלסקי מאָ־ביליזירט זיינע קצבים און די סטשעלצעס. מיט די דאָזיקע כוחות באַפאַלן פּלו־

צעם די דעמאָנסטראַציע און צעקלאַפּן זי. מײנע אַגענטן מאַכן דערװײל אַרעסטן, כאַפּן אַרױס אײנצלנע אָנפירער.

— און אױב די דעמאָנסטראַנטן װעלן שטעלן אַ װידערשטאַנד?

— אַ װײלע האָט געהערשט אַ שטילשװײגן.

— דעמלט — שיסן! — האָט גרושינסקי שטיל זיך אָפּגערופן.

— נישטאָ קײן אַנדער אױסװעג, מײנע הערן, איך פאַרלאָז זיך אױף אײך! בײדע האָבן שנעל פאַרלאָזן דעם קאַבינעט פון סטאַראָסטע.

* * *

אין קלױסטער האָט מען געהאַלטן בײם פאַרענדיקן די גאָטעסדינסט. יאַנינאַ איז געשטאַנען אױף די קני און הײס געבעטן גאָט, ער זאָל פאַרהיטן איר װאָלאַדעקן פון אַן אומגליק. נאָך דער שטורמישער סצענע האָבן בײדע זיך באַמיט נישט צו רעדן װעגן פּאָליטיק. נאָר יאַנינאַ איז מער נישט געװען זיכער אין װאָלאַדעקן. זי האָט מיט איר פרױען־אינסטינקט געפילט, אַז װאָלאַדעק װעט אין דעם פּונקט איר קײנמאָל נישט נאָכגעבן, אַז אױב זי װעט פּרוּװן קעמפן מיט אים, װעט זי אים אײנגאַנצן פאַרלירן. זי האָט דאָס נישט געװאָלט. זי האָט אים אױפריכטיק ליב געהאַט. אָן אים לעבן איז פאַר איר אוממעגלעך. דאָס ערשטע מאָל אין איר יונג לעבן איז אין איר פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט צװישן דורותדיקער טראַדיציע, בלינדן גלױבן, געהאָרכזאַמקײט צום גלח און פערזענלעכן גליק.

דער גלח האָט געשאָלטן די קאָמוניסטן אין נאָמען פון גאָט. ער האָט געשילדערט די יסורים, װאָס זײ שטײט פאָר אין גיהנום, געבעטן פאַר פױלנס גאַנצקײט, געהעצט קעגן די יידן, קעגן די באָלשעװיקעס. יעדעס װאָרט פון גלח האָט זי איצט געשטאָכן. זענען דאָך דעם גלחס קללות געװענדט קעגן װאָלאַדעקן אױך. דאָס ערשטע מאָל, האָט זי געפילט, קאָן זי זיך נישט מתוודה זײן פאַרן גלח, ביז איצט האָט זי אױפריכטיק אים דערצײלט אַלע פּרטים פון איר לעבן. נאָר איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס װאָלט געבראַכט אַן אומגליק אױף איר און אױף װאָלאַדעקן. לעבן איר איז געשטאַנען קאָװאַלסקי. ער האָט פרום זיך געצלמט און פרעך געקוקט אױף איר. זי האָט דערפילט זײן זשעדנעם בליק אױף איר קערפּער און רױט װערנדיק ביז צו די האָר־װאָרצלען זיך אָפּגעדרײט פון אים.

אין דער פּראַװאָסלאַװנער קירך איז געװען ענג און דושנע. מענטשן זענען געשטאַנען צוגױפגעפּרעסט אײנער צום צװײטן. כמעט קײנער האָט זיך נישט צוגעהערט צום פּאָפּס געבעט. אַלע האָבן מיט אומגעדולד געװאַרט, װען עס װעט זיך ענדיקן, װען ס'װעט דער עולם אַרױס אױף דער גאַס. טײל האָבן שטיל גערעדט צװישן זיך, זיך געסודעט. לינקס, אָנגעלענט אין דער װאַנט, איז געשטאַ־

נען איוואַן מיט נאָך אייניקע פּויערים. ער האָט אויפמערקזאַם זיך אומגעקוקט, באַטראַכט דעם ריזיקן עולם, וואָס אַזאַ האָט נאָך די קירך קיינמאָל נישט געזען, די אויפגערעגטע געזיכטער זייערע. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיטינג, און נישט פון קיין געבעט פון גלייביקע. זיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיטליאָריקער מענטש מיט ברוינע האָר און וואַסער־דיקע אויגן, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער טיר און גלייכצייטיק געקוקט אַרום זיך, פּלוצעם האָט זיך צום פרעמדן צוגערוקט אַ פּאַרשוין, וועמענס אויסזען עס האָט דייטלעך אָנגעוויזן אויף זיין פּראָפעסיע. נישט צוגייענדיק צו אים, האָבן זיך ביידע איבערגעוואונקען מיט די אויגן. דער פרעמדער האָט אים אָנגעוויזן אויף איינעם אַ דאַרן, יונגן מענטש, וואָס איז געשטאַנען רעכטס פון דער טיר. דער פּאַרשוין איז פאַרשוואונדן אין דער דאָזיקער ריכטונג. „צוויי שפּיקעס" — האָט איוואַן מיט שנאה אַ טראַכט געטאָן. דאָס געזיכט פון פרעמדן האָט זיך אים טיף איינגעקריצט אין זכרון.

די קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך אויפסניי צעקלונגען. דער גאָטעסדינסט האָט זיך דערנענטערט צום סוף. דער עולם האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם פאַרלאָזן די קירכן. די שטאָטישע האָבן זיך געאײַלט וואָס שנעלער אַהיים. די פּויערים האָבן זיך לאַנגזאַם געזאַמלט, אַדורכגעלאָזט פאָרויס די שטאָטישע. יאַנינאַ, אָנשטאָט, ווי געוויינלעך, שנעל אַהיים צו גיין, איז געבליבן שטיין, געקוקט פאַרחידושט אויפן ריזיקן עולם פּויערים, וועלכן זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזען אין אַזאַ גרוי־סער צאָל אין קלויסטער. פּלוצעם האָט זיך די מאַסע שטורמיש אַ באַוועג געטאָן, מיטגעריסן זי מיט זיך און כמעט ווי אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס.

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע מענערישע שטים:

— חברים, צו מיר!

דער מאַרק־פּלאַץ איז איבערפולט געוואָרן מיט מענטשן. אַרבעטער, פּויע־רים האָבן אייליק געשטראָמט פון אַלע געסלעך צו אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט זיך פּאַרמירט אינמיטן גאַס. פּונוויטנס האָט זיך באַוויזן רייטער־פּאָליציי. זיי האָבן זיך געלאָזן אין גאַלאָפּ צום מאַרק.

— שטיין בלייבן! נישט אַנטלויפן! — האָבן זיך געהערט פון פאַרשידענע זייטן אויסגעשרייען. דער עולם האָט געשטורעמט צום מאַרק. הויך האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסע רויטע פאָן. זי האָט זיך שטאָלץ באַוויזן אינמיטן מאַרק. די רייטער האָבן זיך שנעל דערנענטערט צו דער דעמאָנסטראַציע.

נאַטאַשע מיט אַ גרופּע פּויערים און פּויערטעס האָבן זיך געלאָזט אַנטקעגן דער רייטער־פּאָליציי. די פּויערטעס האָבן אַראָפּגעריסן די טיכער פון די קעפּ און אָנגעהויבן צו פּאָכען מיט זיי אַנטקעגן די פערד. דערציטערטע פון דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער באַגעגעניש, האָבן די פערד פון שרעק זיך געשטעלט אויף די

הינטערשטע פיס, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך עטלעכע רייטער. די פייפעריי פון עולם האָט איבגאַנצן צעמישט די פערד: עס איז זיי געווען נישט אייבצוהאַלטן. די ערשטע רייטער=אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן. טויזנטער האָבן פאַרפלייצט דעם מאַרק.

אין פאַרשידענע ווינקלען האָבן אַרבעטער און פויערים זיך געשלאָגן מיט דער פאָליציי. איבמיטן מאַרק, אויפגעהויבן אויף עטלעכע געזונטע הענט און פליצעס, האָט וואַצעק געהאַלטן אַ קורצע רעדע. יאַנינאַ האָט צוערשט געפּרוווט זיך אַרויסצורייסן פון המון, אָבער דאָס איז אוממעגלעך געווען. זי איז אַלץ מער און מער מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דער מאַסע. זי האָט געפּרוווט זיך צוהערן צו דעם, וואָס קומט פאָר אַרום איר. זי איז נישט ווילנדיק געשטויסן געוואָרן אין דער ריכטונג פונעם רעדנער.

וואַצעק האָט אין פלאַמענדיקע ווערטער גערופן צום קאַמף קעגן פאַשיזם, קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, פאַר פאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד. די פאַרזאַמלטע האָבן געענטפערט אויף זיינע לאָזונגען מיט שטורמישע אויסרופן און אַפּלאָדיסמענטן. דער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן עס זענען געוואָרפן געוואָרן די לאָזונגען, האָט אומבאַמערקט פאַר איר אַליין זי אָנגעשטעקט. פון טויזנטער העלדזער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מעכטיקער „הוראַ!“ און איז פלוצעם אומגעריכט אָפּגעהאַקט געוואָרן. אַ טרוקענער קנאַלן פון ביקסן האָט פאַרטויבט די לופט. די מאַסע איז אייניקע סעקונדן געבליבן שטיין פאַרגליווערט מיט אויפגעריסענע אויגן, דערנאָך זיך אַ וואַקל געטאָן... דאָס קנאַלן פון ביקסן האָט זיך איבערגעחזרט. געשרייען האָבן פאַרטויבט דעם טומל. אייניקע מענטשן, וועלכע זענען געווען נאָענט לעבן דער פאָן, זענען אומגעפאַלן. די פאָן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַראָפּגעלאָזט זיך.

גרויל און שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם פילטויזנטקעפּיקן אומבאַוואָפנטן עולם. ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק. מיט איינגעבויגענע קעפּ האָט זיך דער עולם געלאָזט לויפן אין פאַרשידענע זייטן. אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין איין מענטשלעכן קנויל. געשרייען: „מע שיסט! מערדער! תליינים!... אוי, זיי האָבן מיך דערמאָרדעט!... חברים, שטיין בלייבן... לויפט נישט!...“ האָט געהילכט אין דער לופט.

יאַנינאַ האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט אַרויסרייסן פונעם מענטשלעכן שטראָם. מיט אויגן איבערפולטע מיט שרעק האָט זי זיך געלאָזט לויפן צוזאַמען מיט אַנדערע. זי האָט ווי אין נעפּל געזען דאָס בעסטיאַלישע געזיכט פון קאָוואַלסקין און אַ גרופּע יונגען מיט אייזערנע דרענגער, וואָס האָט געפּרוווט פאַרשטעלן די אַנטלויפנדיקע דעם וועג. קאָוואַלסקי מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט האָט כסדר געשאָסן אין המון. ס'האָט איר פלוצעם עפּעס אַ ברי געטאָן. זי האָט זיך אַ כאַפּ

געטאָן פֿאַר דער ברוסט, אַ געשריי געטאָן און שווער אומגעפֿאַלן אויפֿן ברוק. זי האָט פּרובירט זיך אויפֿהייבן, נאָר אין די אויגן איז איר פֿינצטער געוואָרן. זי איז געבליבן ליגן שטיל.

דער מאַרק איז ליידיק געוואָרן. איוואַן איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן עולם אין אַ זייטיק געסל. מיט מי איז אים געלונגען עטוואָס צו באַרואיקן דעם עולם און אָפּשטעלן דעם ווילדן געלאַף. ער האָט פֿאַרצווייפֿלט אויסגעשפּרייט זיינע לאַנגע הענט:

— חברים, אַ חרפּה! נישט אַנטלויפֿן!... פֿאַריאָגט די פּאָליצייאישע הינט!...

קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער עס האָט דער ערשטער גענומען אַרויסרייסן שטיינער פֿון ברוק. אין אייניקע מינוט אַרום זענען אַלע שטיינער פֿון געסל געווען אין די הענט פֿון די דעמאָנסטראַנטן. באַוואָפֿנטע מיט שטיינער און סלופּעס פֿון צעבראָכענע פּלויטן, אָנגעפֿירט דורך איוואַנען, האָבן זיך עטלעכע הונדערט מענטשן אַ לאָז געטאָן צוריק צום מאַרק. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג מיט קאָוואַלסקיס באַנדע. אַ קורצער קאַמף, און די באַנדע סטשעלצעס האָט איבערגעלאָזט אויפֿן ברוק עטלעכע פֿאַרוווּנדעטע און איז אין פּאַניק אָפּגעטראָטן צוריק.

— אַ טויט דער פּאָליציי!... אַ טויט די מערדער!...

אַ האָגל שטיינער האָט געענטפֿערט אויף דער ביקסן־שיסעריי, ווילד, פֿול מיט צאָרן, האָט די מאַסע נישט געקוקט אויף דער שיסעריי, זיך געוואָרפֿן אויף דער פּאָליציי. קאָמיסאַר גרושינסקי, זעענדיק די דראָענדיקע האַלטונג פֿון המון, האָט זיך אָנגעהויבן ציען צוריק. נאָר דער וועג פֿאַר דער פּאָליציי איז געווען פֿאַרשטעלט. וולאַדעק, וואָס האָט אין דער ערשטער מינוט זיך געלאָזט לויפֿן מיטן המון, האָט זיך תּיכּף אָפּגעשטעלט און דערזען, אַז די פּאָליציי אין קליין אין צאָל. ער האָט זיך אַריינגעריסן צווישן די אַנטלויפֿנדיקע אַרבעטער און זיי אָפּגעשטעלט.

— חברים, לויפֿט נישט! אַנטוואָפֿנט די פּאָליציי! די באַנדיטן!

די אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט צוריק. אַרומגערינגלט פֿון ביידע זייטן, האָט גרושינסקי אָנגעהויבן לאַנגזאַם צוריקטרעטן, אָפּשיסנדיק זיך. אַ שווערער שטיין האָט אים געטראָפֿן אין קאָפּ. ער האָט אַ געשריי געטאָן פֿון ווייטיק און איז אומגעפֿאַלן. די פּאָליציי איז אין פּאַניק צוריקגעטראָטן, דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג מיט די ביקסן, איבערגעלאָזט עטלעכע פֿאַרוווּנדעטע.

די פּאַניק איז פֿאַרשוווּנדן. דער נצחון איבער אַ פּאָליציי־אָפּטייל האָט געשטאַרקט דעם מוט פֿון המון. צעוואָרפֿן אין גרופּן האָבן זיי ווידער איבערפֿולט דעם מאַרק. זיי האָבן געריסן די שטיינער פֿון ברוק, פֿאַנאַנדערגענומען דעם הילצערנעם פּלויט פֿון דער פּראַוואָסלאַווער קירך און זיך באַוואָפֿנט מיט דרענגער.

— חברים, לאָמיר באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע. צו דער דעפּענ־סיווע! — אַ הילכיקע פרויען־שטים האָט געריפן פון אַן איבערגעקערטן פויערישן וואָגן אינמיטן מאַרק. נאָכאַנאַנד האָר האָבן זיך געכוואַליעט אויפן ווינט. דער דאָזיקער רוף איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון טויזנטער.

— אַ טויט דער פּאָליציי! באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע!

די מאַסע האָט זיך געלאָזט צו דער דעפּענסיווע. די פּאָליציי, צוריקטרעטנ־דיק, האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער דעפּענסיווע און דער סטאַראָסטווע. דאָ און דאָרטן זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן דער פּאָליציי און איינ־צלנע גרופּן אַרבעטער און פויערים. אויפן מאַרק זענען געבליבן ליגן עטלעכע טויטע. די פאַרוואונדעטע האָבן די אַרבעטער אַריבערגעטראָגן אין שפּיטאָל. אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס האָבן געפירט צו דער דעפּענסיווע, זענען געווען באַלאַ־גערט פון טויזנטער פויערים און אַרבעטער.

דער סטאַראָסטע האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן דעם אויפגערעגטן עולם. ער האָט פּרובירט רעדן צו זיי. אַ האָגל שטיינער האָט אים געצוווּנגען שנעל זיך צו באַהאַלטן אין הויז. ער האָט טעלעגראַפיש געבעטן הילף.

די שטימונג פון די מאַסן איז געוואָרן אַלץ מער צערייצט און פאַרביטערט:

„חברים, 10 טויטע! דריי פרויען דערהרגעט! אַ טויט די מערדער! באַפרייען די אַרעסטירטע!“.

מיט שטיינער און דרענגער האָבן זיי זיך געוואָרפן שטורעמען די דעפּענסי־ווע, אָבער אַריינרייסנדיק זיך אין הויף, זענען זיי געבליבן שטיין אומזיכער. אוי־פן דאַך פון הויז האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּאָליציאַנטן מיט אַ קוילנוואַרפער. וולאַדעק, זעענדיק, אַז עס דראָט מיט אַ שרעקלעכער שחיטה, האָט אַ פאַרצווייִ־פלטער אויסגעשריען:

— חברים, צוריק! אַרומרינגלען דעם הויף!

די מאַסע האָט זיך צוריקגעצויגן און אַרומגערינגלט די געביידע. ס'איז גע־שטאַנען אַ מוראדיקע שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורעם. פאַרדעכטיקע פאַרשוינען האָבן זיך געדרייט צווישן די פאַרזאַמלטע, אַגיטירט צו נעמען ראַבעווען די יידי־שע קראָמען. נאַטאַשע האָט אָנגעכאַפּט אַזאַ פאַרשוין ביי דער האַנט. עטלעכע פויערים האָבן אים פעסט געהאַלטן:

— חברים, דאָס איז אַ פּאָליציי־שפּיאָן! ער העצט צו יידישע פּאָגראָמען! ער וויל פאַרשמוצן דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף־טאָג מיט יידיש בלוט! הערט נישט די פּראָוואָקאַטאָרן! יאָגט זיי! טרייבט זיי פון אייך! גיט זיי איבער די הענט!

איר שטים האָט געדונערט. געזונטע הענט האָבן אויפגעהויבן דעם פּראָוואָ־קאַטאָר אין דער הייך.

— קוקט אַן דעם דאָזיקן נפש, פאַרגעדענקט אים! דאָס איז אַ שפּיאָן! — שווערע קלעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים. ער האָט געקוויטשעט, ווי אַ געשאָכטענער חזיר.

די לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערנסטער. די אַרבעטער און פּויערים האָבן באַהערשט די שטאָט, פאַרטריבן די פּאָליציי. רעוואָלוציאָנערע לידער, לאָזונגען האָבן געקלונגען אין אַלע גאַסן. די פּויערים האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט. די אַרבעטער, פאַרבימערט פון דער שרעקלעכער שחיטה, האָבן זיי צוגעגעבן מוט:

— אַ סוף מאַכן מיט די תלינים, אַנלערנען זיי! גענוג געדולדעט!

אַלע פענצטער פון דער סטאַראָסטווע און דעפּענסיווע זענען געווען אויסגעהאַקט. די פּאָליציאַנטן האָבן פון זייערע באַהעלטעגישן געשאָסן.

* * *

סעמיאָן האָט אַן אויפגערעגטער געשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער. ער האָט זיך געריסן אויף דער גאַס. די שיסערייַ האָט געשטאָכן אין די אויערן ביז צו משוגעת. ס'האָט אים אַרומגענומען אַ פיזישער ווייטיק. די שטילע לענאַ האָט אים געפּרוווט באַרויקן.

— דאָס איז אַן אומזין... איצט אַרויס אויף דער גאַס. וואָס וועסטו איצט אויפטאָן?... גאָרנישט... דער צ. ק. האָט דאָך פאַרבאָטן!

— אָבער פאַרשטיי, מע שיסט! אַרבעטער און פּויערים קומען אום, און איך!... פון אויפרעגונג האָבן זיך אים באַוויזן טרערן אין די אויגן.

— ערשט איצט ביסטו געוואַלדיק נייטיק. מע וועט דיך זיכער אַרעסטירן. טאָרסט עס נישט טאָן!

— אָבער פאַרשטיי, איך פיל זיך איצט ערגער ווי אין תפיסה ,ווי אַ געבונדענער! איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן!

ער האָט זיך אַ רים געטאָן צו דער טיר און זיך אָנגעטראָפן אויפן פיליפּן. האַסטיק האָט ער איבערגעגעבן סעמיאָנען וועגן די לעצטע געשעענישן און אָנגעוויזן, אַז לויט אים איז איצט שוין צו שפּעט צו שטורעמען די דעפּענסיווע. זיי האָבן פאַרלוירן אַ האַלבע שעה, געגעבן די מעגלעכקייט דער פּאָליציי זיך צו קאָנצענטרירן אויף איין אָרט. ווען זיי וואָלטן זיך גלייך געלאָזט צו דער דעפּענסיווע, וואָלט געלונגען צו באַפרייען די אַרעסטירטע. איצט קאָן זיך עס נאָך ענדיקן מיט אַ שרעקלעכער שחיטה. די מאַסע איז נישט באַוואָפנט און די פּאָליציי האָט קוילנוואַרפערס. סעמיאָן האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו פיליפּס אָפּגעהאַקטע רייד.

— ווער האָט געגעבן דעם לאָזונג צו באַפרייען די אַרעסטירטע!

— איינע אַ יונגע פרוי אין פויערים־קליידער! איך קען זי ניט. זי האָט אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויף די פויערים.

— מע דאַרף דורכוים אויסגעפינען, ווער זי איז. אַ פרוי? מיר האָבן זיי ווינציק. זי טאָר ניט פאַרבלייבן אין שטאָט! דערגיי ביי איוואַנען, ווער זי איז. ער געפינט זיך זיכער מיט דער דעמאָנסטראַציע. דו ביסט גערעכט, אַן אַטאַקע איז איצט נוצלאָז און שעדלעך. פאַר אונדז איז דער דאָזיקער טאָג אַ גרויסער נצחון. מיר האָבן היינט באַוויזן אַן ערגסטן רעוואָלוציאָנערן כוח. די פאָליציי איז אַנטלאָפן! דאָס וועט שטאַרק אַרונטעררייסן איר אָנזען. די אַרבעטער און פויערים האָבן שוין היינט דערפילט, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקער וואָפן אין זייערע הענט עס איז אָרגאַניזאַציע און אייניקייט. מיר האָבן נאָכאַמאָל באַשיינפערלעך דערזען, סאַראַ געוואַלדיקן כוח די מאַסן פאַרמאָגן. אונדזער אויפגאַבע איז איצט דעם דאָזיקן באַוווסטזיין צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן. דער אויטאָריטעט פון דער פאַרטיי וועט זיך הייבן.

— די מאַסן זענען אויף דער גאַס. זיי ווילן זיך ניט פאַנאַנדערגיין.

— לאַנג טאָר מען ניט בלייבן אויף דער גאַס. זיכער האָט דער סטאַראָסטע זיך געווענדט נאָך הילף. ס'וועלן אָנקומען פרישע פאָליציי־כוחות, דעמלט וועלן זיי איינאָרדענען די אמתע בלוט־באָד. פאַרשטענדיק זיך מיט די קאָמענדאַנטן פון די גרופן און גיב זיי איבער, אַז זיי זאָלן לאַנגזאַם און אין אָרדענונג פאַנאַנדערגיין זיך. זאָלן די פויערים אַרויסגיין פון שטאָט דעמאָנסטרירנדיק. אויפן וועג זאָל מען זיך פאַנאַנדערטיילן און דורך פאַרשידענע וועגן גיין אַהיים. וואָרן סעריאָזשען, אַז ס'איז איצט נייטיק אַ באַזונדערע פאָרזיכטיקייט. די פאָליציי וועט זיך וועלן באַזונדערס נוקם זיין פאַר איר היינטיקער מפּלה. איך האָב מורא פאַר וולאַדעקן. מע דאַרף צוגרייטן די לוויה פון די דערהרגעטע. תיכף אַרויסלאָזן אַן אויפרוף און אויפקלערן די באַדייטונג פון טאָג. איך וועל אים נאָך היינט אָנשרייבן. זע, אז נאָך היינט ביינאַכט זאָל ער ווערן העקטאָגראַפירט און פאַנאַנדערגעשיקט.

* * *

ווען פאָליציי־הילף איז אָנגעקומען פון אנדערע ערטער, איז שוין אין שטאָט געווען רואיק. אַלע פענצטער אין די הייזער זענען געווען פעסט פאַרשלאָסן. אויף די גאַסן האָבן זיך באַוועגט געדיכטע פאָליציי־פאַטרולן. די שטאָט האָט אין דער שטיל באַוויינט אירע טויטע און פאַרוווּנדעטע.

וולאַדעק איז געלאָפן אַ צעטראָגענער איבער דער שטאָט. ווו איז יאַניגאַ? צו וועמען האָט זי געקאָנט גיין? ער איז געווען ביי איר מוטער, ביי אַלע באַקאַנ־

טע. נײן... קײנער האָט זי נישט געזען. מע האָט זי געזען אין קלױסטער. מער װײסט קײנער גאָרנישט. ער האָט פּרובירט זיך אַלײן באַרואיקן. מסתמא זוכט זי אים... ער װעט זי טרעפן אין גאַס... ס'איז שױן געװאָרן פינצטער, און ער האָט נאָך אַלץ געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן. ער איז צװײ מאָל געװען אין דער הײם, נאָר זי אַלץ נישט געפונען.

א שרעקלעכער געדאַנק איז אים אײנגעפאַלן: „זי איז דערהרגעט געװאָרן". עס קאָן אָבער נישט זײן! יאַנינאַ, אַ פרומע קריסטין, װעט נישט אָנטײלנעמען אין דער דעמאָנסטראַציע. דאָס איז אַן אומזין. ער האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן. אָבער װו איז זי? ס'איז שױן געװען שפּעט בײנאַכט. ער איז געשטאַנען פאַר זײן הױז, נישט געװוסט װאָס װײטער צו טאָן. און אפשר האָט אַ פאַרבלאָנדזשעטע קױל זי געטראָפן? ער איז שױן איצט כמעט װי זיכער געװען, אַז מיט איר איז אַן אומגליק געשען. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן און געלאָזט לױפן צום שפּיטאָל.

אין קאַנצעלאַריע איז געזעסן די דעזשורנע דאָקטערין. איר גוטמוטיק געזיכט האָט געקוקט מיט מיטלײד אױף אים.

— װי איז איר נאָמען? יאָ, מיט אײער פרױ איז געשען אַן אומגליק. זי איז פאַרװונדעט.

— געפערלעך?!

זי האָט זיך באַמיט נישט צו קוקן אים אין געזיכט.

—איך האָף, אַז די אָפּעראַציע װעט זײן אַ געלונגענע. — און אַװעק פון אים. ער האָט זיך געלאָזט לױפן נאָך איר איבערן קאָרידאָר, האַסטיק טופּענדיק מיט די פיס. צװײ סאַניטאַרן האָבן אים קױם אָפּגעשטעלט.

— איר װעקט אױף די קראַנקע. עס איז דאָך אַ שפּיטאָל.

װו איז מײן פרױ?! איך װיל זי זען!

אױפן טומל איז אַרױסגעגאַנגען אַ צװײטער דאָקטער.

— איר קאָנט איצט נישט זען אײער פרױ. זי ליגט אױפן אָפּעראַציע־טיש. מע װעט זי באַלד אָפּערירן.

— איר לעבן איז אין געפאַר?

— איך האָף, אַז די אָפּעראַציע װעט געלונגען.

װידער דער זעלבער ענטפער. די דאָזיקע מענטשן װילן אים נישט זאָגן דעם אמת. מע באַגײט זיך מיט אים, װי מיט אַ הילפלאָז קינד. ער האָט זיך מיד אָנגעלענט אין דער װאַנט. ס'האָט פון אים געגאָסן דער שװײס. ער האָט אינגאַנצן געשװידערט. דער דאָקטער האָט אים פרײנדלעך אָנגענומען בײ דער האַנט.

— באַרואיקט אײך. איך האָף, אַז עס װעט אַלץ גוט זײן.

די מינוטן האָבן זיך געצױגן, װי אַן אײביקײט. די טיר צום אָפּעראַציע־זאַל איז געװען פעסט פאַרמאַכט, פון יענער זײט איז געװען שטיל. װאָס טוען זײ מיט

איר? ער מוז זי זען! פאַר דער טיר איז אָבער געשטאַנען אַ סאַניטאַר. ער האָט געהיט זיין יעדע באַוועגונג. וולאַדעק האָט געריסן פון זיך דעם קראַגן.

— גייט אַרויס אויף דער גאַס, פרישט אייך אָפּ אַ ביסל.

דער סאַניטאַר האָט אים אונטערגעהאַלטן, ער זאָל נישט אומפאַלן און אים אַרויסגעפירט פון שפּיטאָל. זיי זענען ביידע געבליבן שטיין פאַרן טויער.

אַ שווערע האַנט האָט זיך פלוצעם אַראָפּגעלאָזט אויף זיין אַקסל. ער האָט זיך נערוועז אומגעקוקט. אַ פּאָליציי־פּאַטרול, אָנגעפירט פון אַ שפּיצל, האָט אים אַרומגערינגלט.

— דאָס איז איינער פון זייערע פירער, — האָט געזאָגט דער שפּיצל.

וולאַדעק האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שפּיצעלס האַנט.

— לאָזט מיך זיך געזעגענען מיט מיין פרוי.

עטלעכע שטאַרקע קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס האָבן אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך געפונען אין אַ קאַמער, אַרומגערינגלט דורך אַרעסטירטע צעבלוטיקטע אַרבעטער.

נאָכן ערשטן מאַי

נאָכן ערשטן מאַי האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן אין גאַנצן קרייז. ווער ס'איז נאָר פאַרדעכטיקט געווען אין קאָמוניזם, איז אַרעסטירט געוואָרן. די תּפֿיסות, די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן זענען געווען איבערפֿולט. די אַרעסטירטע זענען געוואָרן מוראדיק געפּייניקט. באַזונדערס ברוטאַל זענען געפּייניקט געוואָרן די, וועמען מען האָט חושד געווען אין נעמען אַן אָנטייל אין דער ערשטמאַיקער דעמאָנסטראַציע. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן אַלע אָנפֿירער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. אין די דערפֿער זענען פֿאָרגעקומען יעדן טאָג רעוויזיעס און מאַסן־אַרעסטן. מיט אייניקע ראַיאָנען איז צוליב די אַרעסטן איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ צייט די פּאַרטיי־פֿאַרבינדונג.

די פּאָליציי האָט שטילערהייט בײַנאַכט אַרויסגעפֿירט די טויטע אויפֿן בית־עולם און זיי באַגראָבן, נישט צולאָזנדיק אַפֿילו די משפּחות. די אַרבעטער האָבן נישט געוווסט, וווּ זיי ליגן. אַזוי אַרום האָט די פּאָליציי אויסגעמיטן ווײַטערדיקע דעמאָנסטראַציעס. אייניקע שווער פֿאַרווונדעטע זענען אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן. יאַנינאַ האָט אין היץ און אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד זיך געראַנגלט מיטן טויט.

מיכאַל איז אַרעסטירט געוואָרן אייניקע טעג פֿאַרן ערשטן מאַי. ביזן ערשטן מאַי האָט מען אים כמעט נישט גענומען אויפֿן פֿאַרהער. דעם ערשטן מאָל האָט מען אים גערופֿן דעם צווייטן מאַי.

מע האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין קאַבינעט צום דעפֿענסיווע־שעף ווישניעווסקי. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט געמאַכט אַ פֿרײַנדלעכע מינע, געבעטן זיצן און האָט געפּרוווט פֿאַרפֿירן מיט אים אַן אינטימען געשפּרעך. ער באַדויערט, וואָס ער איז געצווונגען געווען אים צו אַרעסטירן. מיכאַל געפֿעלט אים. ער האָט צו אים סימפּאַטיעס, נאָר פֿליכט... אַלץ איז אָפּהענגיק פֿון אים, פֿון מיכאַלן אַליין. אויב ער וועט זײַן קלוג און פֿאַרשטענדיק, וועט געלינגען צו ליקווידירן די מיספֿאַרשטייעניש

און ער וועט שנעל זיין אויף דער פריי. מיכאל האָט זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן רואיק.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס דער הער קאָמיסאַר מיינט?

ווישניעווסקי האָט געשמייכלט.

— לאָמיר רעדן אָפן. נישטאָ וואָס צו שפּילן אין פאַרמאַכטע קאָרטן. מיר ווייסן זייער גוט, ווער איר זייט. איר זייט דער סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט פון קאָמיוג. מיר האָבן גענויע ידיעות. איר זייט א מיטגליד פון קרייז־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס אַליין איז שוין גענוג, ווען מען נעמט נאָר אין אַכט די נעכטיקע געשעענישן, אַז איר זאָלט באַקומען 15 יאָר. און דאָס וועט איר באַקומען. באַטראַכט אייך. אַוועקפּטרן דאָס גאַנצע לעבן. פאַרוואָס און פאַר־ווען? צוליב נארישע אַמביציעס. איר קאָנט אין א שעה ארום זיין אויף דער פריי. ווילט איר?

מיכאל האָט געקוקט אין די דורכדרינגלעכע שטעכיקע אויגן פון קאָמיסאַר. ער האָט זיך געמאַכט נאַיוו.

— דאָס אַלץ, וואָס דער הער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, איז נישט אמת. דאָס האָט מסתמא עמעצער אויסגעטראַכט אויף מיר א בלבול. געוויס וויל איך זיין פריי.

— דאָס ליגט אין אייערע הענט. שרייבט אונטער דעם פּאַפּיר, זאָגט, וואָס איר ווייסט, און איר זייט פריי.

— איך ווייס גאָרנישט. איך האָב נישט וואָס צו דערציילן. דינען דער פּאָליציי האָב איך נישט קיין חשק. איך האָב אַן אנדערע באַשעפטיקונג און פיל נישט קיין נייגונג צו פּאָליציי־דינסט.

— באַטראַכט אייך גוט. איר שטעלט אין קאָן אייער גאַנצע צוקונפט. אונדז גייט נישט אין דעם, איר זאָלט אונדז דערציילן, וואָס עס איז געווען. מיר ווייסן עס אזוי גוט, ווי איר. איך קאָן אייך אַליין דערציילן, און איר וועט זען, אַז מיר זע־נען זייער גוט אינפאָרמירט. מיר ווייסן, אַז סעמיאָן איז סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן אים אין אונדזערע הענט. מיר ווייסן, אַז מיט אייניקע טעג צוריק איז דאָ געווען אַן אינסטרוקטאָרין פון צ.ק. איך קאָן אייך איבערגעבן גענוי, וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אייער לעצטער זיצונג. מיר ווייסן א סך דערפון, וואָס איר מיינט, אַז מיר ווייסן נישט. אונדז גייט אין דעם, אַז איר זאָלט אונדז אינפאָרמירן, נישט בלויז וועגן היגן קרייז, נאָר אויך וועגן צענטער. מיר צאָלן א הויכן לוין. איך האָף, אַז איר צווייפלט נישט דערין. זייט מסכים און איר וועט מאַכן א גוטע קאַריערע.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך ווייס גאָרנישט. קיין אינפאָרמאַטאָר פאַר דער פּאָליציי וועל איך נישט ווערן.

דער קאָמיסאַר האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן.

— איך גיב אייך צייט ביז 12 אזייגער ביינאַכט. באַטראַכט אייך. זעט נאָר, אז איר זאָלט נאָכדעם נישט חרטה האָבן. מיר קאָנען אנדערש רעדן...

ווען מיכאל איז געקומען צו זיך אין דער דעפענסיווע־קאַמער, האָט ער זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו באַרואיקן. אים האָט געפייניקט איין געדאַנק: ווער איז דער פּראָוואָקאַטאָר? פון דער לעצטער זיצונג פון קרייז־קאָמיטעט האָבן געוווסט נאָר דריי: סעמיאָן, ער און סעריאָזשע. ס'איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן עמעצן צו דערציילן, אז ס'איז געווען אן אינסטרוקטאָר פון צ.ק.. ווישניעווסקי ווייס אלץ. אלע איינצלהייטן. „סעריאָזשע!" א שוויים האָט אים באַגאָסן. זאָל עס מעגלעך זיין, אז ער?! אַזאַ נאָענטער און איבערגעגעבענער חבר. ס'איז אוממעגלעך. דאָס איז אן אומזין. ס'קאָן נישט זיין. די גאנצע צייט ארבעט ער אזוי איבערגעגעבן. ביי אלע באַליבט. ניין! אפשר איז עמעצער געווען אומפּאָרזיכטיק, דערציילט אן אנ־דערן. אפשר די טעכניק... דאָס וואָלט געווען צו פיינלעך!... אינערלעך האָט עפּעס גענאָגט. סעריאָזשעס געזיכט איז א לעבעדיקס געשטאַנען פאר זיינע אויגן. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן די דאָזיקע געדאנקען. נאָר זיי זענען פאַרקעשנט געבליבן שטעקן אין קאָפּ.

ווישניעווסקי דראָט. 12 ביינאכט... דער דאָזיקער אויסוואורף וועט האלטן וואָרט. מיכאַל ווייס, וויפל חברים ער האָט שוין געפייניקט. ס'האָט אים ארומגע־נומען א מיטגעפיל צו זיך אַליין. נאָר נישט זיין קלייגמוטיק! אויסהאלטן... דער עיקר — גאָרנישט רעדן... די חברים זאָגן, אז איינס פון די שרעקלעכסטע זאכן איז דאָס אריינגיסן פלעשער עסיק געמישט מיט וואסער דורך דער נאָז. מען האָט דערביי אַ געפיל, אַז מע ווערט דערשטיקט. ער האָט געקוקט מיט גלעזערנע אויגן פאר זיך. א שרעק האָט אדורכגענומען זיין גאנצן קערפּער. אין געדאנק האָט ער זיך באַמיט אויפצולעבן ליזעס געשטאַלט, איר שמייכל, עס האָבן פאר זיינע אויגן געשוועבט פאַנטאַסטישע בילדער.

...מען האָט אים געפייניקט דריי נעכט נאָכאַנאַנד. ער האָט געביסן פון ווייטיק די ליפּן, באַמיט זיך נישט צו שרייען הויך. אָפּטמאָל, ווען אַן אומגעריכטער קלאַפּ האָט ארויסגערופן א באַזונדערס שרעקלעכן ווייטיק, האָט ער ווילד אויסגעשריגן. נאָר ער האָט קיין זאך נישט אויסגעזאָגט. ער האָט נישט געענטפערט נישט אויף די קלעפּ, נישט אויף זייערע גוטע רייד. ביי טאָג, ווען ער איז געלעגן אין קאַמער אין ווייטיקן און קרעכצן, האָט ער מיט שרעק געטראכט וועגן דער פאָרשטייענדיקער נאכט. נאָר אויסהאלטן... די דריטע נאכט בעתן פייניקן אים האָט ער צוויי מאָל געחלשט. מע האָט אים אָפּגעגאָסן מיט קאלט וואסער און ווידער געפייניקט. ווישניעווסקי האָט זיך איבערצייגט, אַז ער וועט גאָרנישט ארויסבאקומען פון אים. אויפן פינפטן טאָג האָט ער מיכאלן א האלב טויטן איבערגעשיקט אין תפיסה.

אויך וולאדעקן האָט די דעפענסיווע פאָרגעלייגט צו ווערן א פּראָוואָקאַטאָר.

וואָלאַדעק האָט אין שרעקלעכער רציחה זיך געוואָרפן שלאָגן ווישניעווסקין. מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט האָט דער דעפּענסיווע־שעף זיך געוואָרפן אויף אים. וואָלאַדעק האָט זיך געווערט מיט אַ שטול. „יאַנינאַ אין אָפּעראַציע־זאַל. זיי האָבן אים אַלץ צוגענומען! מערדער, אויסוואָרפן!“ ס'האָט אַלץ געבושעוועט אין אים. זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין.

בלויז צוויי יונגע אַרבעטער האָבן נישט אויסגעהאַלטן די פּייניקונגען און האָבן דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן געוווּסט. זיי האָבן „פאַרשאָטן“ זייער פּאַרטיי־קעמערל און אייניקע שטאָטישע חברים, וועלכע זענען נאָך נישט געווען אַרעסטירט.

* * *

סעמיאָן האָט צונויפגערופן אַן עקסטרע זיצונג פון קרייז־קאָמיטעט. אויף דער דאָזיקער זיצונג זענען איינגעלאַדן געוואָרן פּיליפּ און דימיטרי, וועלכן סעמיאָן האָט לויט איוואַנס אָנווייזונג אַרויסגערופן אין שטאָט.

זיי האָבן באַטראַכט די געשאַפענע לאַגע און די מאָסמיטלען, וועלכע זענען נייטיק אָנצונעמען. דימיטרי האָט איבערגעגעבן גענויע ידיעות וועגן דער לאַגע אין דאָרף, וועגן דער שטימונג נאָך די ערשטמאַיקע געשעענישן. נאָכן ערשטן מאַי האָט זיך ביי די פּויערים געהויבן די קאַמפּס־שטימונג. עס האָבן זיך אָבער אויך פאַרשטאַרקט די טעראָריסטישע נייגונגען. געראַסים באַקומט איצט אַלץ מער אָנהענגער. אין דאָרף הערשט אַ שרעקלעכע פאַרביטערונג. נישטאָ מיט וואָס צו פאַרזייען די פעלדער. עס דראָט אַ מוראדיקער הונגער. פּויערים עסן קראָפּיווע. אין אַ סך דערפער איז נישטאָ נישט קיין ברויט און נישט קיין קאַרטאָפל, מען קאָן דערוואַרטן ערנסטע געשעענישן אין דאָרף. די פּאַרטיי דאַרף דאָס פאָרויסזען און צוגרייטן זיך צו זיי. אין זיין ראַיאָן איז אויסגעוואַקסן אַ יונגע פעיקע פירערין, אַ באַטראַטשקע. זי איז עס די, וואָס האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל ביים אָרגאַניזירן און דורכפירן די ערשטמאַיקע דעמאָנסטראַציע. איר אויטאָריטעט איז גרויס. נאַטאַשע איז איר נאָמען. ער רעקאָמענדירט זי אַלס סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט. מע דאַרף איר העלפן. פון איר וועט אויסוואַקסן אַ גוטע טוערין. איוואַן קאָן מער נישט פאַרבלייבן אין דעם דאָזיקן ראַיאָן. מע דאַרף אים איבערשיקן אין אַן אַנדער אָרט. דימיטריס פאָרשלאָגן זענען איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

אויף דער דאָזיקער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן קאָאָפּטירן אין קרייז־קאָמיטעט דימיטרין, אַלס מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט. זיין ערנסט געזיכט, אָפענע ערלעכע אויגן, זיכערקייט און רואיקייט האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אין זיינע פּאָרזיכטיקע באַוועגונגען האָט זיך געפילט שטאַרקער ווילן און אָנטשלאָסנקייט. זיינע שווערע איבערלעבונגען, נישט געבראָכנקייט, גוטע אָריענ-

טאַציע האָבן געגעבן אַ גאַראַנטיע פאַר זיין שטאַנדהאַפטיקייט און פעיקייט. ס׳האָט זיך געפילט אין אים אַ שטאַרקער מענטש, וואָס איז פעיק אָנצופירן און ווען ס׳איז נייטיק — גיין קעגן שטראָם און אים בייקומען. סעמיאָן האָט געפילט, אַז מיט דימיטרין וועט זיין גוט און לייכט צו אַרבעטן.

אויף דער דאָזיקער זיצונג איז געקומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס צווישן סעריאָזשען און די איבעריקע מיטגלידער פון קרייז־קאָמיטעט. סעריאָזשע האָט איבערגעגעבן, אַז גערעסים האָט זיך מיט אים פאַרבונדן, געהאַט מיט אים אַ געשפּרעך. גערעסים האָט אים דערציילט, אַז ער איז גרייט אַריבערגיין מיט זיין טעראָריסטישער גרופּע אין רשות פון דער פּאַרטיי, נאָר ער שטעלט אַ באַדינג, אַז די פּאַרטיי זאָל אים געבן פרייע הענט. ער, גערעסים, גרייט צו אייניקע באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף פּאָליציי־פּאָסטנס. סעריאָזשע האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר אָננעמען דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, פאַרוואַנדלען גערעסימס גרופּע אין אַ באַוואָפנטע זעלבשוץ פון דער פּאַרטיי, אויסנוצן זי פאַר באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף דער פּאָליציי און שפּיאָנען.

דער דאָזיקער פאָרשלאַג האָט אָנגעטראָפן אויף אַן איינשטימיקן ענערגישן ווידערשטאַנד מצד אַלע איבעריקע מיטגלידער פון קרייז־קאָמיטעט.

דימיטרי האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס וואָלט געהייסן אוועק פונעם קאָמוניסטישן פּראָגראַם און זיך שטעלן אויפן געפערלעכן אַוואַנטוריסטישן וועג פון אינדיווידועלן טעראָר, קעגן וועלכן די פּאַרטיי קעמפט אַמשאַרפסטן; ער האָט אויך געטענהט, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון קליינבירגערלעכער קליינמוטיקייט, פאַרלוירנקייט, פּרינציפּלאָזיקייט. אים וווּנדערט נאָר, וואָס אַן ערנסטער חבר קאָן מאַכן אַזאַ אַנטי־פּאַרטאַייִשן פאָרשלאַג.

פאַר סעמיאָנען איז דער דאָזיקער פאָרשלאַג געווען אומגעריכט. ער האָט געקענט סעריאָזשען אַלס אַן ערנסטן מענטש. וואָס איז מיט אים געשען? איז ער פון זינען אַראָפּ? סעמיאָן האָט גענומען אַ וואָרט נאָך דימיטרין און אויסגעדריקט זיין פאַרוווּנדערונג. אַזאַ פאָרשלאַג קאָן אפילו נישט גענומען ווערן ערנסט אין באַטראַכט. דאָס איז קעגן אַלע פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי. איינס איז ריכטיק — מע טאָר נישט אָפּשטויסן גערעסימען מיט זיין גרופּע. די דאָזיקע מענטשן מיינען ערלעך, אַז זיי דינען דער רעוואָלוציע. מע דאַרף זיי געווינען פאַר דער פּאַרטיי, אויפקלערן די געפערלעכקייט פון זייערע אַוואַנטורעס, באַווייזן זיי, אַז אַזאַ טעטיקייט איז אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער באַוועגונג, איבערצייגן זיי, אַז זיי מוזן אוועקוואַרפן די טעראָריסטישע נייגונגען, געווינען זיי פאַר מאַסן־אַרבעט. מען דאַרף זיך דערשלאָגן, אַז זיי זאָלן קריגן צוטרוי צו דער פּאַרטיי אין איר פּאָליטיק און אליין דערזען, אַז יעדער אומזיניקער טעראָריסטישער אקט ברענגט נאָר שאָדן, דינט דער פּאָליציי, גיט איר אַ מעגלעכקייט צו צעקלאַפּן די באַוועגונג און צעשפּליטערן

זי. מיר דאַרפֿן זיין אויסגעהאַלטן, פֿירן אַ מאַסן-אַרבעט, מאַסן-אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, נישט לאָזן זיך פּראָוואָצירן, זאַמלען וואָס מער כוחות.

סעריאָזשע האָט זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן. ער זעט איין, אַז ער האָט געמאַכט אַ שווערן פֿעלער. ער איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון געראַסימס אומגעדולדיקייט. די לעצטע געשעענישן האָבן אים פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. ער וועט איבערגעבן געראַסימען דעם באַשלוס פֿון דער פּאַרטיי.

קעגן דעם איז שאַרף אַרויסגעטראָטן דימיטרי. ער קען געראַסימען. סעריאָזשע איז נישט די פּערזאָן, וואָס קאָן ווירקן אויף אים. זיין היינטיקער פֿאָרשלאַג באַווייזט, אַז ער איז נישט פֿעיק צו אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען. לויט זיין מיינונג איז דאָס בעסטע איבערצוגעבן דעם האָזיקן עניָן נאַטאַשען. זי איז ענערגיש, האָט טאַקט, האָט אויטאָריטעט צווישן די פֿויערים. מיט איר מיינונג וועט זיך געראַסים רעכענען.

סעמיאָנען האָט זיך געדוכט, אַז ווען דימיטרי איז אַרויסגעטראָטן קעגן סעריאָזשען, האָט דער לעצטער אַ קוק געגעבן אויף דימיטרין מיט אַזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט גרייט געווען זיך וואַרפֿן אויף אים. נאָר סעריאָזשע איז געווען אויסערלעך רואיק און פֿאָרגעשלאָגן אַרויסצורופֿן געראַסימען און דאָ זיך מיט אים אַדורכרעדן. קעגן דעם איז געווען סעמיאָן. איצט קומען פֿאָר מאַסן-אַרעסטן. די פּאָליציי ווייסט זיכער וועגן אים. ס'איז צו געפֿערלעך. ער איז מסכים מיט דימיטרין, מ'זאָל איבערגעבן דעם דאָזיקן עניָן נאַטאַשען. זאָל סעריאָזשע צופֿאָרן אין ראַיאָן און איבערגעבן איר די אינסטרוקציעס פֿון קרייז-קאָמיטעט.

אַלע האָבן איינגעשטימט מיט דעם דאָזיקן פֿאָרשלאַג. צומאָרגנס איז סעריאָזשע אָפּגעפֿאָרן אין ראַיאָן. אין זעלבן טאָג איז אומגעריכט אַרעסטירט געוואָרן פֿיליפּ. די לאַגע אין שטאָט איז געוואָרן אַלץ שווערער. עס האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן געהיים-אַגענטן פֿון אַנדערע געגנטן.

פּאַרטײ

זײ האָבן זיך באַגעגנט בײ װאַרװאַרען, בײ אײנער פון די דרײ גימנאַזיסטקעס, װעמענס בילד ס׳איז געהאָנגען אויף דער װאַנט אין װלאַדימירס צימער. װאַרװאַרעס פּאָטער, אַ געװעזענער פויער, איצט אַן אײגנטימער פון צװײ הײזער מיט אַ רעסטאָראַן אין שטאָט, האָט זײער פרײנדלעך, מיט צופרידנקײט אויפגענומען אַזעלכע חשובע, אינטעליגענטע געסט. ס׳זענען געװען בלויז אײגענע מענטשן: אַ פּאָר איבערגעגעבענע װלאַדימירן גימנאַזיסטקעס, דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע, צװײ לערער, דער פּאָפּ און דער גאַסט פון װילנע.

אויף װלאַדימירס ביטע האָט װאַרװאַרע זײ אַרײנגעפירט אין איר צימער, איבערגעלאָזן זײ אַלײן. װלאַדימיר האָט פאַרשלאָסן די טיר.

— איצט קאָנען מיר רעדן. ביטע.

— מיך האָט געשיקט צו דיר לוצקעװיטש...

— איך האָב דאָס גלײך פאַרשטאַנען.

— שטויסטו זיך געװיס אָן, אין װאָס עס האַנדלט זיך.

— מער װײניקער. אָבער איך װאָלט געװאָלט הערן פון דיר.

— אײדער מיר טרעטן צו, דערלויב אײן פראַגע. װי באַציט מען זיך צו דיר אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ?

— װלאַדימיר האָט אַ װײַלע געשװיגן.

— ביז נישט לאַנג צוריק האָט די פּאַרטײ געהאַט צו מיר פולשטענדיקן צוטרוי. איצט האָט זיך די לאַגע שאַרף געענדערט.

— װאָס איז די סיבה?

— איך בין געװען אַ ביסל אומפּאַרזיכטיק אין מײן לעצטן געשפּרעך מיט פּאַרטײ־סעקרעטאַר פון קרײז. איך האָב געלויבט לוצקעװיטשן, און דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט. איך האָב פּרובירט פאַרריכטן מײן פעלער, נאָר ס׳איז שױן געװען צו שפּעט. ער איז צו קלוג.

— אפשר דאַכט זיך עס דיר נאָר?

— ליידער, ניין. אַ מיטגליד פון קרייז־קאָמיטעט האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער סעקרעטאַר האָט אים געהייסן האָבן אַן אויג אויף מיר, נאָכשפּירן מיין טעטיקייט.

— ווער איז דער דאָזיקער מיטגליד פון קרייז־קאָמיטעט?

— אַ ווייסרוס.

— אַן אונדזעריקער?

— ניין. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר...

— דו ווילסט זאָגן, אַז ער איז...

— יאָ. איך בין זיכער, אַז ער איז אַ דעפענסיווע־אַגענט. אַנדערש קאָן איך נישט פאַרשטיין זיין האַנדלונג. ער גיט מיר איבער אַלץ, וואָס מע רעדט אין קרייז־קאָמיטעט, ספּעציעל וועגן אונדזערע ווייסרוסישע נאַציאָנאַלע ענינים. גיט איבער אויף אַזאַ אופן, ווי ס'קאָנען נאָר איבערגעבן פּאָליציי־אַגענטן. אין דער זעלבער צייט פיל איך, אַז ער סימפּאַטיזירט נישט מיט אונדז, אַז ער פירט אויס עמעצנס אַ שליחות. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָב איך געשפּירט, אַז מע גייט מיר נאָך. איצט האָט מיך די פּאָליציי געלאָזט אינגאַנצן צורו. איך טראַכט, אַז דאָס איז זיין אַרבעט.

— און די פּאַרטיי איז אים נישט חושד?

— ביז איצט, ניין. ער איז אַן אַלטער פּאַרטיי־מיטגליד. די פּאַרטיי גלייבט אים. אין אונדזערע אינטערעסן ליגט נישט אים צו דעמאַסקירן.

— פולשטענדיק גערעכט! ער קאָן אונדז צונוצקומען.

— לאָמיר צוטרעטן צום ענין.

— איידער איך בין אַרויסגעפאָרן פון ווילנע, האָבן מיר געהאַט אַ פּאַרטיי־לעכע זיצונג, וווּ ס'איז באַשטימט געוואָרן אונדזער צוקונפטיקע טאַקטיק. אונדזער לעצטע טאַקטיק איז אויסגעשפּילט, קיין איבעריקן צוטרוי האָט די קאָמפּאַרטיי קיינמאָל נישט געהאַט צו אונדז. נאָכן פּראָצעס פון דער הראָמאַדע און לוצקעווי־טשעס אויפפירונג אין ווילנע האָט די קאָמפּאַרטיי דערפילט אין אונדז אַ געפּער־לעכן שונא. אונדזערע באַמיונגען אָפּצוציען, ווי ווייט מעגלעך, דעם פולשטענדיקן איבערגעבן האָבן זיך נישט איינגעגעבן. די קאָמוניסטן זענען איבערגעגאַנגען אין אָנגריף קעגן אונדז. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיי אַרויסגעלאָזן אַ שאַרפן אויפרוף, אָנגערופן אונדז „פּילסודסקיס אַגענטן. זיי האָבן אונדז דערקלערט מלחמה אין דער סאַמע אומגינסטיקסטער צייט פאַר אונדז. מיר זענען נאָך נישט געווען צוגעגרייט דערצו. דאָס פאָדערט איצט אַ סך פאַרזיכטיקייט. די קאָמוניסטן האָבן נאָך אַלץ אַ געוואַלדיקן איינפלוס אין דאָרף. אַרויסטרעטן אָפן און שאַרף קעגן זיי, הייסט פאַרלירן אַלע פּאָזיציעס. באַזונדערס דאַרפן מיר זיין די ערשטע צייט פאַרזיכטיק מיט אונדזער אַרויסטריט קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן סאָוויעטן־

ווייסרוסלאַנד. מיר האָבן באַשלאָסן דערווייל צו מאַנעווורירן, אַרויסטרעטן נאָר קעגן דער עקסטרעמער פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן, פאַר לעגאַליטעט.

— מיט אַזאַ פּאָליטיק וועלן מיר לאַנג נישט אָנהאַלטן.

— דאָס איז ריכטיק. נאָר מיר דאַרפן צייט. אונדזער פּלאַן איז צו פאַרכאַפּן די ווייסרוסישע שול־געזעלשאַפט (טבש), די איינציקע ווייסרוסישע לעגאַלע פּאָזי־ציע. ווען מיר האָבן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אין אונדזער האַנט, וועלן מיר האָבן אַ צוטריט צו די מאַסן און וועלן זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט די קאָמוניסטן. מע דאַרף געווינען צייט.

— וויאַזוי רעכנט איר צו פאַרכאַפּן די ווייסרוסישע שול־געזעלשאַפט?

— מיט דער הילף פון אונדזערע מענטשן, מיט דיין הילף און מיט דער הילף פון אַנדערע. אונדזער טאַקטיק איז, אַז איר זאָלט נישט איבעררייסן מיט די קאָ־מוניסטן, לפּנים מסכּים זיין מיט זיי, ווערן געוויילט אויפן צוזאַמענפאָר, דאָרטן אויסקעמפן זיך אַ מערהייט און איבערנעמען די געזעלשאַפט פולשטענדיק אין אונדזערע הענט.

— איך צווייפל, צי דאָס וועט געלינגען.

— פאַרוואָס?

— די קאָמוניסטן זענען צו קלוג צו לאָזן זיך פירן ביי דער נאָז. ס'קאָן גע־לינגען איינעם אָדער צוויי פון זיי אָפּנאַרן. אָבער ס'איז נאַריש צו טראַכטן, אַז זיי וועלן זיין אַזוי נאַיוו נישט צו וועלן דורכפירן זייערע אייגענע דעלעגאַטן אָדער סימפּאַטיקער.

דער גאַסט האָט זיך אויפגעהויבן און עטלעכע מינוט שטיל שפּאַצירט איבערן צימער. ביידע האָבן געשוויגן. וולאַדימיר האָט שווער געאָטעמט. ער איז געווען פון דער נאַטור פויל און שווערמוטיק. דער דאָזיקער געשפּרעך האָט אים שווער אויסגעמאַטערט. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער פאַרענדיקן. נאָר ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז אוממעגלעך. צו ערנסט איז די לאַגע. זיין אייגענע פּאָזיציע איז באַדראָט. לוצקעוויטש האָט געשיקט ספּעציעל צו אים אַ פאַרשטייער. ער האָט באַשלאָסן מקריב צו זיין הייניטיקן אָוונט און דערפירן דעם דאָזיקן געשפּרעך ביז צום סוף. דער גאַסט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף וולאַ־דימירן.

— דו ביסט גערעכט און נישט גערעכט. אין דער ט.ב.ש. האָבן מיר אייגענע, זיכערע מענטשן. אייניקע פירער, צו וועלכע די קאָמוניסטן האָבן פולן צוטרוי, זע־נען מיט אונדז. זיי וועלן זיכער געוויילט ווערן. די קאָמוניסטן אַליין רוקן זיי אַרויס. נאָר די דאָזיקע מענטשן מוזן זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק און וועלן צוליב די דאָזיקע טעמים אויפן באַפעל פון די קאָמוניסטן אַרויסטרעטן קעגן אונדז. זיי זענען אונדזער וויכטיקסטע שטיצע.

— אָבער וואָס רעכנט איר צו טאָן, אויב דער צוזאַמענפאָר פון ט.ב.ש. וועט זיך ארויסזאָגן קעגן אונדז?

— דעמלט וועלן מיר געצוווּנגען זיין אָנצונעמען עקסטרעמע מיטלען...

וולאַדימיר האָט אים אָנגעקוקט, נישט פארשטאַנען.

— אויב זיי וועלן האָבן א מערהייט, וועט דער צוזאמענפאָר פאַנאַנדערגע־לאָזט ווערן דורך דער מאכט, און זייערע פירער וועלן ארעסטירט ווערן.

וולאַדימיר איז אָפּגעשפּרונגען.

— איר האָט זיך פארבונדן מיט דער רעגירונג?

דער גאַסט האָט אומגעדולדיק א מאך געטאָן מיט דער האַנט.

— ס׳איז צייט אוועקצוּוואַרפן די אַלטע סענטימענטן. פּאָליטישער קאַמף איז נישט קיין קינדער־שפּיל. די פראַגע שטייט איצט: ווער וועמען. אָדער די קאָמו־ניסטן וועלן אונדז איינגאַנצן אראָפּשווענקען פון דער אויבערפלאַך, אזוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין סאָוויעטן־ווייסרוסלאַנד, און מיר וועלן בלייבן א פּאָר אָפּגע־ריסענע, הונגעריקע אינטעליגענטן, מיט וועמען קיינער וועט זיך נישט רעכענען, אָדער מיר וועלן אָננעמען מיטלען נישט צו לאָזן זיך אראָפּשווענקען און אריבער־גיין אין אָנגריף קעגן זיי. אליין זענען מיר צו שוואַך. די מאַסן גייען דערוויילֿ מיט זיי. זיי זענען א כוח. מיר מוזן האָבן א פארבינדעטן. דער איינציקער פארבינדע־טער קאָן זיין נאָר די פּוילישע רעגירונג. אויף א צייט דאַרפן מיר גיין צוזאַמען, כּדי צו באַקעמפן אונדזער געמיינזאַמען שונא.

— אָבער וואָס גיט אונדז די פּוילישע רעגירונג?

— זי פארפאָלגט די קאָמוניסטן. זי וועט נישט דערלאָזן, אז די ווייסרוסישע אינסטיטוציעס זאָלן זיך געפינען אין זייערע הענט, זי איז גרייט אונדז איבערצו־געבן די דאָזיקע אינסטיטוציעס. דאָס איז א סך.

— פאַר וועלכן פּרייז?

— פאַרן פּרייז פון לאָיאַליטעט צו דער פּוילישער מאכט אין קאַמף קעגן קאָמוניזם.

— וואָס וועט זיין מיט אונדזערע ווייסרוסישע אספּיראַציעס?

— דערוויילֿ האָבן מיר נאָך גאָרנישט באַקומען. זיי ציען אָפּ, גיבן נישט קיין ענטפער. זיי פאָדערן פון אונדז, אז מיר זאָלן פריער ארויסווייזן אונדזער לאָיאַלי־טעט און איבערגעגעבנקייט, אז מיר זאָלן באַווייזן אונדזער איינפלוס. נאָכדעם, זאָגן זיי, וועט מען רעדן וועגן אונדזערע אַספּיראַציעס...

וולאַדימיר האָט שטיל, ווי צו זיך, ארויסגעפּליסטערט:

— גיי פאַרלאָז זיך אויף זייער יושר...

דער גאַסט האָט אויפגערעגט, מיט שנעלע טריט געשפּרייזט איבערן צימער.

— עס איז נישטאָ קיין ברירה. אויף אַ צייט זענען מיר געצוואונגען צו גיין צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן. דאָס דיקטירן אונדזערע אייגענע אינטערעסן.

— איך זע נישט אין דעם אונדזערע אינטערעסן.

— דאַן פאַרשטייסטו נישט די סיטואַציע. קאָמוניזם און ראַטנפאַרבאַנד איז די גרעסטע געפאַר פאַר אונדז. דאָס באַדייט אונדזער פאַרניכטונג. ווער עס קעמפט איצט קעגן קאָמוניזם, דער איז אונדזער פאַרבינדעטער.

— אַפילו ווען דער דאָזיקער פאַרבינדעטער איז אונדזערס אַ שונא?

— יאָ!

—איז דאָס דיינע אָדער לוצקעוויטשעס מיינונג?

— דאָס איז דער איינציקער אויסוועג פאַר אונדז, אויב מיר ווילן נישט פאַר־שפּילן אַלץ.

— דער פּוילישער רעגירונג איז דאָך אָבער ביז איצט נישט געלונגען צו פאַרניכטן דעם קאָמוניזם?

— דאָס איז אמת. אָבער זיי האָבן פאַרניכטעט די „הראָמאַדע". זיי פאַר־שטאַרקן דעם טעראָר קעגן די קאָמוניסטן. דאָס וועט געוואַלדיק אָפּשוואַכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. זי וועט פאַרלירן די מאַסן־באַזע. נישט יעדן סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם ווילט זיך זיצן אין תפיסה און ווערן געפּייניקט. די קאָמוניסטן וועלן פאַרבלייבן א סעקטע און דעמלט וועלן מיר ווערן די באַלעבאַטים. מיר וועלן זיין די איינציקע לעגאַלע אָרגאַניזאַציע. דער עיקר איז איצט צו האָבן אייגענע קאַד־רען, וועלכע זאָלן גרייט זיין אין נאָמען פון דער צוקונפט מקריב צו זיין מיט געוויסע סענטימענטן.

וולאַדימיר האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן. ער האָט געזוכט אַ פאַרענטפערונג פאַר זיין אומרואיקן געוויסן. ווען די „הראָמאַהדע" איז אויסגעוואַקסן, איז ער תיכף אין איר אַריינגעטראָטן און געוואָרן זייער אַקטיוו. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין איר אַן אָנגעזעענע ראָל. ער האָט דעמלט אויפריכטיק געהאַסט די פּוילישע אָקופּאַציע־מאַכט. די קאָמוניסטן האָבן אים אימפּאָנירט מיט זייער כוח און איינ־פלוס; ווען לוצקעוויטש האָט אים געראָטן אַריינצוטרעטן אין דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי, האָט ער עס געוואָלט. ער האָט געשפּילט, אַז דאָס פאַרשטאַרקט זיין פּאָזיציע און איינפלוס. איבערלעך איז אים פרעמד געווען די קאָמוניסטישע דיסציפּלין. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ראַדיקאַלן נאַציאָנאַליסט.

נאָכן צעגראָמירן די „הראָמאַדע" האָט ער זיך ערנסט דערשראָקן, געטראַכט וועגן אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. ער האָט אָבער גליקלעך אויסגעמיטן די אַרעסטן. ער איז געבליבן כמעט דער איינציקער לעגאַלער טוער, אָנגעזען און רעספּעקטירט פון די מאַסן. זיינע פריינד האָבן אים געראָטן צו פאַרבלייבן אָפיציעל אין דער פּאַרטיי. ער איז געבליבן, כאָטש ער האָט מורא געהאַט, אַז מע זאָל אים נישט

דערקענען, ווער ער איז. ביי יעדער טרעפונג מיט חברים האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו קאָמוניסטישע פּראָבלעמען, איבערגעחזרט געלייענטע מאַטע־ריאַלן, געדעדט אין איינקלאַנג מיט דער פּאַרטיי־ליניע. ביז דער לעצטער צייט איז אים דאָס לייכט אָנגעקומען, ביז דעם לעצטן געשפּרעך מיט סעמיאָנען.

ער האָט ביז היינט איגאָוונט נישט געהאַט קיין קלאָרן פּראָגראַם פאַר זיך. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז אַ קאַריערע מאַכן קאָן ער, אַ וויסרום, נאָר צווישן ווייסרוסן. היינט לייגט אים פאַר לוצקעוויטש אַ פּראָגראַם און טאַקטיק. אמת, זי האָט איין גרויסן פעלער, — צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּאַרהאַסטער פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פּוילישער אָקופּאַנטישער רעגירונג. אויב אָבער לוצקעוויטש גייט אויף דעם און האָט נישט מורא, פאַרוואָס זשע זאָל ער מורא האָבן? איינס איז זיכער, איצט וועט מען אים שוין נישט אַרעסטירן. ער האָט זיך אַנטשלאָסן.

— וואָס דאַרף איך איצט טאָן? — האָט ער זיך געווענדעט צום גאַסט.

— פאַר יעדן פּרייז צוריק געווינען דעם צוטרוי אין דער פּאַרטיי, אָנפירן מיט דער קאַמפּאַניע צום צוזאַמענפאָר פון דער ט.ב.ש., געווינען פאַר אונדז איי־ניקע זיכערע מענטשן, אַדורכפירן זיי אויפן צוזאַמענפאָר. אין דער זעלבער צייט שאַפן אין דער געזעלשאַפט אונדזערס אַ קעמערל.

— איך האָב מורא, אַז סעמיאָן וועט איצט פאַרשטאַרקן די קאָנטראָל און וועט אַריינשיקן זייגע מענטשן.

— מיר האָבן דאָס פאַרויסגעזען. אויב דו וועסט האָבן אַ שטאַרקן קעגנער, מאַך אים אומשעדלעך.

— וויאַזוי?

— דער סטאַראָסטע ווייס וועגן דיר. עס איז נייטיק, אַז דו זאָלסט אים פון צייט צו צייט אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע אין דער געזעלשאַפט.

וולאַדימיר האָט אויפגעציטערט. דער גאַסט האָט געאיילט אים צו באַרואיקן.

— נישטאָ וואָס זיך אויפצורעגן. די מאַכט פאָדערט פון אונדז לאָיאַליטעט. דאַרפן מיר מיט טאַט אַרויסווייזן, אַז מיר האָבן פאַקטיש איבערגעריסן מיט די קאָמוניסטן. די מאַכט האָט אונדז שוין געהאָלפן אַרויסצוגעבן אונדזערע אַ צייַ־טונג. קיין קאָמוניסטישע צייטונגען וועלן נישט דערלאָזט ווערן. זיי פאָדערן נאָר פון אונדז זיי צו וויסן טאָן פון צייט צו צייט — אין אונדזערע ביידנס אינטערעסן...

וולאַדימיר האָט זיך דערפילט אומהיימלעך. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט. יענעמס געזיכט איז אָבער געווען רואיק און ערנסט. דער לעצטער צווייפל איז ביי וולאַדימירן פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך האַסטיק אויפ־געהויבן.

— לאָמיר אַריין אין זאַל. מיר זיצן שוין צו לאַנג.

גערֲאַסים

— פֿאָר שנעלער, הינטישער זון! עס פֿאַלט צו די נאַכט. טרייב אונטער דיין פֿגירה!

די צוויי פּאָליציאַנטן זענען געוואָרן אַליץ אומרואיקער, געשאָלטן און געזידלט דעם פּויער, זיין אָרעמע קליאַטשע. דער פּויער האָט זיך געבייזערט און געשמיסן דאָס פֿערד. דאָס אויסגעדאַרטע פֿערדל, געוויינט צו דער בייטש און געשרייען, האָט פֿויל געשלעפּט די פֿיס.

די פּאָליציאַנטן זענען געפֿאָרן פֿון אַ נאָענטן דאָרף צום פּאָליציי-פּאָסטן, וווהין עס האָט זיי עקסטרע אַרויסגערופֿן דער קאָמענדאַנט. זיי זענען געפֿאָרן מיט נישט קיין גרויסן חשק. אין די דערפֿער איז די שטימונג געווען אַן אומרו-איקע, אַן אויפֿגערייצטע. זיי האָבן דאָס גוט געוווסט. פֿאָרן אַזוי שפּעט אין דער פֿינצטער איז אַן ערנסטע געפֿאַר, און ווי אויף צו להכעיס שלעפּט זיך קוים דאָס פֿערד.

דער וועג האָט זיך געצויגן דורך אַ געדיכטן וואַלד. ס'איז געווען שטיל און פֿינצטער. ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס שווערע קרעכצן פֿון די נישט געשמירטע רעדער און דעם פּויערס מאָנאָטאָנע אונטערנוקען דעם פֿערד. אַ זומערדיק נאַכטיק ווינטל האָט געטאַנצט איבער די ביימער. די צווייגן האָבן זיך לייכט געשאָקלט, די בלעטער האָבן גערוישט. זיינע יונגע בעריאָזעס האָבן זיך געבויגן איינע צו די אַנדערע,. אַרומגענומען זיך. פֿאַנטאַסטישע שאָטנס האָבן אַרומגעטאַנצט אי-בערן וואַלד.

— דו זעסט? — האָט מיט שרעק איין פּאָליציאַנט געפֿרעגט ביים צווייטן.

— מע גייט!

זיי האָבן אויפֿגעציטערט און שנעל אַראָפּגעריסן פֿון די אַקסלען די ביקסן. זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צוגעקוקט צו די באַוועגונגען פֿון די שאָטנס. אייניקע סעקונדן זענען זיי געבליבן זיצן מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן גרייט צו שיסן. די שאָטנס האָבן זיך באַוועגט אויף איין אָרט.

— ס'האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, — האָט איינער באַרואיקט דעם צווייטן, — דאָס זענען ביימער.

זיי זענען ווידער אַריינגעפאָרן אין וואַלד. באַרואיקטע האָבן זיי צוריק אויפֿגעהאָנגען די ביקסן אויף די אַקסלען. דער פֿויערישער וואָגן האָט זיך געשאָקלט און געוואָרפֿן פֿון איין גרוב אין דער צווייטער. זיי זענען אונטער דעם מאָנאָטאָנעם קלאַפּ פֿון די רעדער איינגעדרעמלט.

— —

דער פֿויער, וואָס האָט די צוויי פּאָליציאַנטן געפֿירט אויפֿן פּאָסטן, האָט, נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע פּייניקונגען אין דער דעפֿענסיווע, געטענהט איינס און דאָס זעלבע:

— איך ווייס נישט, וויאַזוי ס'איז געשען. מיר זענען געפֿאָרן אין וואַלד. אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפֿש. די פּאָליציאַנטן האָבן געדרעמלט. איינער האָט שווער געכראָפּעט אין שלאָף, פּלוצעם זענען ווי פֿון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן עטלעכע שאָטנס. זיי זענען אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן וואָגן. ס'האָבן זיך דערהערט שאָסן. עמעצנס אַ פּוס האָט מיר שווער אָנגעטראָטן אויף דער האַנט. איך האָב אויסגעשריגן פֿון ווייטיק און בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואָגן. איך האָב זיך געלאָזט לויפֿן. אָפּלויפֿנדיק עטלעכע מינוט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. אַרום איז געווען שטיל. איך בין צוריקגעגאַנגען צום וואָגן. ביידע פּאָליציאַנטן זענען געלעגן טויטע. די שאָטנס זענען פֿאַרשוווּנדן. די ביקסן און רעוואָלווערן פֿון די פּאָליציאַנטן זענען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. איך בין אומשולדיק, מיינע הערן! האָט רחמנות אויף מיר... איך האָב אַ ווייב מיט פֿינף קינדער.

— צי קענסטו געראַסימען? — האָט מען אים געפֿרעגט.

— ניין!

— צי האָסטו געהערט פֿון אים?

— ניין.

מען האָט אים ווייטער געפּייניקט.

— דו זאָגסט ליגן, הינטישער זון! אַלע פֿויערים קענען געראַסימען, דאָס האָסטו אים צו וויסן געגעבן, אַז דו פֿאָרסט מיט פּאָליציאַנטן, כּדי מע זאָל זיי דערהרגענען.

דער פֿויער האָט זיך געשוווירן, געוויינט, געבעטן, אַז מע זאָל אים אָפּלאָזן.

די פּאָליציי האָט זיך געיאָגט נאָך געראַסימען און זיינע מיטהעלפֿער. מען האָט אים אָבער נישט געקאָנט געפֿינען. זיי האָבן אפֿילו נישט געוווּסט זיין פֿאַמיליע. דורך שפּיאָנען האָט די דעפֿענסיווע אויסגעפֿונען, אַז די פֿויערים רופֿן אים געראַסים. ווער ער איז, וווּ ער וווינט — דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט.

סעריאָזישע איז נאָך די דאָזיקע געשעענישן אַראָפּגעפּאָרן צו נאַטאַשען אָי־בערגעבן איר די דירעקטיוון פון קרייז־קאָמיטעט.

* * *

איגניבן האָט זיך נאַטאַשע געטראָפן מיט גערעסימען.

גערעסים איז געווען אַ מיטליאָריקער פּויער, אַ דאַרער מיט זומערשפּרענקע־לעך אויפן געלן, פּלעגמאַטישן פּנים, מיט אויסגעשטאַרטשעטע קינבאַקן. די אויגן — גרויע, דורכדרינגלעכע — זענען געווען קלוגע, בייסנדיקע. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם, ווי ציילנדיק יעדעס וואָרט, קוקנדיק בעת־מעשה יענעם אין געזיכט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגיין וועגן וואָס יענער טראַכט.

בעת דער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי אויפן רומענישן פראָנט. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע איז ער אַרונטער־געפאַלן אונטער דער ווירקונג פון אַנאַרכיסטן. אַ לאַנגע צייט געווען אין דער אַנאַרכיסטישער באַ־וואָפנטער אָדעסער אָפּטיילונג, געשלאָגן זיך מיט דייטשן, מיט פּעטליורען, נאָכדעם מיט די פראַנצויזן און גריכן אין אָדעס. דערנאָך האָט ער געדינט אין דער רויטער אַרמיי. נאָר פון די אַנאַרכיסטישע נייגונגען האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען.

די מלחמה און דער בירגער־קריג האָבן פאַרניכטעט זיין דאָרף, אַ תל געמאַכט פון זיין ביסל אָרעמקייט. ער האָט געטראָפן דאָס ווייב און די קינדער וווינען אין אַ הייל, אין אַ שרעקלעכער נויט. ער האָט זיך גענומען באַאַרבעטן זיינע דריי דע־סיאַטין ערד. נאָר די אָרעמע זאַמדיקע ערד האָט נישט געקאָנט שפּייזן די פאַ־מיליע. ער האָט געאַרבעט ביי פּריצים, ביי קולאַקעס, אַלס וואַלד־אַרבעטער, גע־הונגערט, געשלאָגן דאָס עלנטע לעבן. ער האָט געהאַט פאַרדראָס אויף די שכנים, פאַרוואָס זיי זענען אַזוי געדולדיק. עטלעכע מאָל האָט ער געהאַט קליינע צוזאַמענ־שטויסן מיט דער פּאָליציי און איז אַ שטיקל צייט געזעסן. ער האָט געבונטעוועט.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי. דאָס פאַנאַנדערטרייבן די „הראָמאַדע“, די מאַסן־אַרעסטן און דער טעראָר האָבן אַרויסגערופן ביי אים אַ געוואַלדיקע פאַרביטערונג און צאָרן. פאַרוואָס שווייגט די פּאַרטיי? פאַרוואָס לאָזט מען זיך פייניקן פון דער פּאָליציי און פון די פּריצים? פאַרוואָס ענטפערט מען נישט מיט טעראָר קעגן טעראָר? ער האָט גע־טענהט מיט די חברים, דיסקוטירט מיט זיי. די דאָרפישע קאָמוניסטן, טעאָרעטיש שוואַך צוגעגרייטע, האָבן אים נאָר געקאָנט ענטפערן, אַז די פּאַרטיי איז קעגן אינדיווידועלן טעראָר. אָבער פאַרוואָס איז די פּאַרטיי קעגן אינדיווידועלן טעראָר? דאָס האָבן זיי אים נישט געקאָנט אויפקלערן. ער האָט זיך געבונטעוועט, געהאַלטן, אַז די חברים זענען אָפּאָרטוניסטן, פּחדנים. זיינע אַנאַרכיסטישע נייגונגען האָבן אויפגעלעבט און זיך פאַנאַנדערגעבליט.

— אויב די פּאָליציי פּייניקט און שלאָגט אונדז, דאַרף מען זי דערשיסן ווי די הינט. דאָס וועט זיי אָנלערנען און אָנוואַרפן אויף זיי א מורא, — האָט ער געטענהט. ער האָט געפונען אָנהענגער צווישן אייניקע יונגע פּויערים און פון זיי האָט ער געשאַפן א טעראָריסטישע גרופּע. ער איז דערפאַר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי.

גערשאָסים האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּעיקער קאָנספּיראַטאָר. די שול, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט בעתן בירגער־קריג, איז פאַר אים נישט פאַרביי אומזיסט. ער איז געווען א געבוירענער פּאַרטיזאַנער. זיין אויטאָריטעט צווישן די פּויערים איז געוואַקסן. פון איין זאַך איז ער געווען אומצופרידן: ס'האָט אים שטאַרק גע־קרענקט דאָס, וואָס די פּאַרטיי האָט מיט אים איבערגעריסן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר א קאָמוניסט, געווען איבערגעגעבן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי. פאַרוואָס וויל אים די פּאַרטיי נישט אָנערקענען? צי איז ער דען א פּאַרעטער? ריזיקירט ער דען נישט מיט זיין לעבן פאַר דער באַפרייונג פון די אַרבעטנדיקע? ער האָט געזוכט א קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי, מיטן קרייז־קאָמי־טעט, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן אויסשליסן אים. אַזוי־אַרום האָט ער זיך דערשלאָגן צו סעריאָזשען.

די באַגעגעניש צווישן נאַטאַשען און גערשאָסימען איז געווען א חבריש־פריינדלעכע. זי האָט אויסגעהערט זיינע טענות און פאַרשלאָגן.

גיין, די פּאַרטיי האַלט נישט גערשאָסימען פאַר קיין פּאַרעטער, פאַר א פרעמדן, זי האַלט נאָר, אַז גערשאָסים איז זיך שרעקלעך טועה, באַגייט א סך פעלערן, ביי אַלע זיינע גוטע רעוואָלוציאָנערע כוונות איז דאָך זיין טעטיקייט שעדלעך און קאָן זיך פאַרענדיקן מיט זייער שלעכטע רעזולטאַטן פאַר דער באַוועגונג.

אָבער פאַרוואָס? אדרבא, זאָל מען אים אויפקלערן! סעריאָזשע איז דאָך מסכים געווען. נאַטאַשע האָט געשמייכלט. אויב סעריאָזשע איז מסכים געווען, האָט ער געמאַכט א פעלער, זי קאָן אים נאָר איבערגעבן דעם באַשלוס פון קרייז־קאָמיטעט.

גערשאָסים האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף נאַטאַשען, אויף איר ענערגיש אָפּן, גוטמוטיק געזיכט, אויף אירע דרייסטע זיכערע באַוועגונגען. ער האָט געפילט אין דער דאָזיקער פרוי א גרויסן כוח, איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפשדיקייט. מיט אַזאַ, האָט ער זיך געטראַכט, האַרף זיין גוט צו אַרבעטן. ער האָט באַקומען צו איר צוטרוי. זי צווייפלט נישט. מע פילט, אַז זי איז זיכער אין איר יעדן טראָט. ער אָבער צווייפלט דאָס גאַנצע לעבן, אַן אומרואיקער טייוול זיצט אין אים. ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, כאָטש דאָס, וואָס נאַטאַשע האָט געטענהט, איז דאָך ריכטיק. ער ווייס דאָך עס פון זיין אייגענער דערפאַרונג...

— די באָלשעוויקעס האָבן תמיד שאַרף באַקעמפט די אַנאַרכיסטן, די עסערן, וועלכע האָבן מיט זייער טעראָר פּאַקטיש אויסגעדריקט אומצוטרוי צו די מאַסן, אומגלויבן אין די מאַסן, און האָבן זיך פאַרלאָזט אויף ניסים. טעראָר קאָן נישט ברענגען די באַפרייונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. מיטן דערשיסן איין אויסוווּרף פאַרניכטעט מען נישט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. לעניִן האָט אונדז געלערנט, אַז מע דאַרף קעמפן קעגן דעם קלאַסן־סיסטעם, פאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. דאָס קאָן טאָן נאָר דער אַרבעטער־קלאַס, מיט דער הילף פון זיין פאַרבינדעטן — די אַרבעטנדיקע פּויערים, נאָר א מאַסן־אָרגאַניזאַציע, א מאַסן־פּאַרטיי. זאָג, געראַסים, ווער איז גערעכט געווען — לעניִן צי די עסערן? ווער האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע? — די באָלשעוויקעס. ווו זענען געווען דאַן די עסערן? — זיי זענען געווען קאָנטררעוואָלוציאָנערן, צוזאַמען מיט די פּריצים געקעמפט קעגן ראַטנפאַרבאַנד. צי ווילסטו, געראַסים, אַז דאָס זאָל זיך אויך איבערחזרן ביי אונדז.

געראַסים איז אויפגעשפּרונגען.

— איך בין נישט קיין עסער! כ׳האָב אין רוסלאַנד געקעמפט קעגן זיי. קיינער קאָן מיך אין דעם נישט חושד זיין. אַלע ווייסן, אַז איך בין גרייט אָפּצוגעבן מיין לעצט טראָפּן בלוט פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— אַוודאי, וואָלסטו געווען א קאָנטררעוואָלוציאָנער, וואָלטן מיר מיט דיר נישט גערעדט. מיר זאָגן דיר נאָר, אַז דו באַגייסט א שווערן פעלער. מיר ווילן דיך נאָר איבערצייגן, אַז מיר זענען גערעכט. די באָלשעוויקעס האָבן אונדז געלערנט, צו האָבן רעוואָלוציאָנערן געדולד, אויסהאַלטן, נישט אַריינפאַלן אין פּאַניק, גלייבן אין די כוחות פונעם פאָלק, גלייבן אין זיין נצחון. דו האָסט אָבער נישט קיין געדולד. דיר ווילט זיך תיכף די רעוואָלוציע און גלייך אויפן אָרט. און אויב עס גייט שווער, שפּרינגסטו פון דער הויט. אויב מיר קאָנען נאָך היינט נישט זיגן, דאַרפן מיר אַלץ צוגרייטן צו זיכערן דעם זיג אויף מאָרגן. וואַרף אַוועק דיינע טעראָריסטישע נייגונגען. העלף אונדז, געראַסים, אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט. און דו וועסט זיין א גוטער חבר.

— אין 1917 האָבן דאָך די באָלשעוויקעס נישט געהאַט קיין געדולד.

— דו ביסט ווידער נישט גערעכט. די אַרבעטער און די פּויערים זענען דעמלט געווען רייף פאַר דער רעוואָלוציע. די אַרמיי איז געווען מיט אונדז. די באָלשעוויסטישע לאָזונגען האָבן באַהערשט די מאַסן. דערפאַר האָבן מיר געזיגט. ווען די קאָנטררעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן צו קעמפן, באַנוצן טעראָר קעגן דער ראַטנמאַכט, האָט דער פּראָלעטאַריאַט געענטפערט מיט א קעגנטעראָר, פאַרטיידיקט זיינע אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס. דאָס איז נישט געווען קיין אינדיווידועלער טעראָר, נאָר קאַמף קעגן די קלאַסן־שונאים. מיר דאַ, ביים היינטיקן טאָג, דאַרפן

צוגרייטן די מאסן צו דעם דאָזיקן היסטאָרישן טאָג, ווען מיר וועלן ארויס אין קאַמף פאר אונדזער באפרייונג.

געראסים האָט זיך נאָך אלץ פארטיידיקט, כאָטש געפילט האָט ער, אז זיינע רייד פארלירן די קראפט. האָט ער דעם לעצטן, שטאַרקסטן ארגומענט, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט, געלאָזן אין גאנג:

— מיר דאכט זיך, אז די פיראַער זענען קעגן טעראָר, ווייל זיי ווייסן נישט אונדזער נויט. זיי וווינען ווייט אין די שטעט, זיי ליידן נישט אזוי ווי מיר. זיי איז לייכט צו זאָגן — האָט געדולד! ווי קאָן מען האָבן געדולד, ווען אַרום דיר פייניקט מען און מען איזדיעקעוועט זיך, ווען מיר ווערן געשוואָלן פון הונגער, ווען יעדער פריץ איז דער באַלעבאָס איבער דיין לעבן.

נאַטאַשע האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט.

— ווי וואגסטו אזוי צו רעדן? אזוי רעדן אונדזערע שונאים! ווער זענען אונדזערע פירער? די זעלבע ארבעטער און פויערים, אויסגעוואקסענע אין דער באַוועגונג. אונדזערע פירער זענען אזעלכע ווי דו, נאָר מיט מער דערפארונג, מיט מער וויסן. דו זאָגסט, אז זיי איז לייכט צו זאָגן „האָט געדולד“, פארוואָס איז זיי לייכטער פאר דיר? ווייל זיי ווערן געפייניקט, ווי מיר אלע אין די תפיסות, ווייל זיי זענען זייער גאנץ לעבן נע־ונד, אָן א היים, אָן א פאמיליע, שטענדיק פארפאָלגט. און דו שעמסט זיך נישט אזוי צו טראכטן? איך בין אזא פויערטע, ווי דו. מיר איז אזוי שווער, ווי דיר. דאָך בין איך קעגן אינדיווידועלן טעראָר. פארוואָס, געראסים? צי איז מיר לייכטער, ווי דיר? זאָג!

ער האָט פארשעמט אראָפגעלאָזט די אויגן.

— זיי מיר מוחל! — האָט ער ארויסגעשטאַמלט. — ס'האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן...

זיי האָבן נאָך לאנג גערעדט. געראסים האָט זיך אונטערגעגעבן. זי האָט אים איבערגעגעבן דעם פאָרשלאָג פון קרייז־קאָמיטעט. ער האָט נאָך לאנגע וואקלעניש מסכים געווען. ער האָט איר געגלייבט. ער האָט מיט ליבשאפט געקוקט אין אירע אויגן.

— פארוואָס האָט מען ביז איצט נישט גערעדט מיט מיר אויף אזא אופן, ווי דו? זיי האָבן מיך נאָר אויסגעשלאָסן! — האָט ער מיט פארביטערונג געטענהט.

— דאָס איז נישט קיינעמס שולד. דאָס איז אונדזער אָרעמקייט. מיר זענען אָרעם אין כוחות, אזויפיל גוטע חברים זיצן אין די תפיסות. דערפאַר געשעט ביי אונדז זייער אָפט פיל מיספאַרשטייעניש. מיט אַ יאָר צוריק וואָלט איך אויך נישט געקאָנט ענטפערן אויף אלע דיינע פראגן. צו מיין גליק האָט מיר דאָס לעצטע יאָר אַ סך געגעבן, איך האָב זיך באגעגנט מיט אַ חבר. פון אים האָב איך א סך געלערנט. ווייס איך איצט מער. מיר דארפן אלע א סך, א סך לערנען, דעמלט וועלן מיר זיין שטאַרקער.

די נקמה איבער נאַרקען

די ערשטע צוויי וואָכן נאָכן ערשטן מאַי האָט די פּאַרטיי=אַרבעט אין דאָרף זייער שטאַרק געליטן. די פּויערים זענען געווען טעראָריזירט. אייניקע קעמערלעך זענען צעקלאַפּט געוואָרן. נאַטאַשע האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ענערגיע און איניציאַטיוו. ס'איז איר געלונגען שנעל צו ליקווידירן דעם דורכבראָך. עס זענען צוגעקומען אייניקע נייע פּאַרטיי=מיטגלידער, באַזונדערס האָט זיך פאַרשטאַרקט די קאָמוניסטישע יוגנט=אָרגאַניזאַציע. זי האָט איצט דערגרייכט צו פיר נייע דערפער. די פּאַרטיי=אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין די פעלדער, ביי דער אַרבעט, אויף פּויערישע פאַרווײַלונגען. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָט נאַטאַשע אָפּגעגעבן די וואַלד=אַרבעטער און די באַטראַקעס. אין ליאַכאָוועקיס גוט איז ענדלעך געלונגען צו שאַפן אַ פּאַרטיי=קעמערל.

די ערשטע צייט האָט זיך נאַטאַשע געפילט אַ ביסל נישט זיכער. זי איז געוווינט געווען צו דימיטרים אָנפירונג און איוואַנס הילף. איצט איז זי געבליבן די אָנפירערין פון ראַיאָן. דימיטרי איז געווען ווייט. יעדערער האָט געפאָדערט פון איר דירעקטיוון און אָנווייזונגען. זי האָט געפילט דעם צוטרוי פון די חברים צו איר, און דאָס האָט איר געגעבן כוחות, צוטרוי צו זיך אַליין.

ערשט איצט האָט זי דערפילט, וויפל זי האָט געלערנט פון דימיטרין, וויפל וויסן, פּראַקטיק זי האָט באַקומען פאַרן לעצטן יאָר. זי האָט זיך דערמאָנט די ערשטע חדשים נאָך דעם, ווי דימיטרי איז צוריקגעקומען פון דער פּאַרטיי=שול, די לאַנגע אָוונטן, ווען זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט, ווען דימיטרי האָט זיך באַמיט איר איבערצוגעבן זיין וויסן, אויסטײַטשן איר אַלץ, וואָס איז איר געווען נישט קלאָר אָדער נישט פאַרשטענדלעך.

קאַלטע ווינטער=נעכט ביי אים אין צימער. וואָס פאַר אַ צייט דאָס איז געווען. די שענסטע און בעסטע אין איר לעבן. זיי האָבן ביידע געחלומט וועגן דער צוקונפט, וועגן אַ צוקונפט אָן פּוילישע פּריצים, אָן פּאָליציי.

איצט, אין די קורצע נאכט־שעהן, האלב־שלאָפנדיק, האלב־וואכנדיק האָט זי זיך אָפּט דערמאָנט אין די דאָזיקע אָוונטן. א וואַרעמקייט האָט ארומגענומען איר יונגן מיידלשן קערפּער. זי האָט זיך געוואָרפן אין דער ארבעט מיט איר גאנצן ברען. נישט פאַרלירן קיין צייט! העלפן דורכפירן די פּארטיי־באשלוסן! דער עיקר — נישט אָפּשטעלן די ארבעט, נישט דערלאָזן צו אפּאטיע, צו אָפּגעלאָזנקייט. זאָל דער שונא נישט טריומפירן.

לעצטנס דאַרף מען זיין זייער פּאָרזיכטיק. צופיל פּאַרדעכטיקע פּאַרשוינען דרייען זיך ארום איבערן דאָרף. קיריל דער נאכטוועכטער האָט איבערגעגעבן, אז ביינאכט באזוכן פּאַרדעכטיקע מענטשן מאַטיוכען. מאַטיוכע איז א שפּיאָן. זיין נאָדקע גייט אָפּן ארום מיטן פּאָליציי־קאָמענדאנט, שפּאַצירט אומעטום, קוקט אַריין דורך די פענצטער, הערט זיך צו צו געשפּרעכן. זי ווערט שטאַרק געפּערלעך, ס'איז גוט, וואָס די יוגנטלעכע האָבן זי אָנגעלערנט. זי וועט איצט ליגן אין בעט ביי א חודש. אָבער פּאָרזיכטיק מוז מען זיין, פיל מער ווי פריער. דער עיקר — מע דאַרף געפינען א זיכער אָרט, ווו צו נעכטיקן.

* * *

נאָדקע האָט נאָך יענער שרעקלעכער נאכט געפילט זיך דערשלאָגן, דערנידע־ריקט. עס זענען אויסגערונען אירע מיידלשע חלומות. א שיכורער, א בייזער, האָט דער פּאָליציי־קאָמענדאנט זי געשענדעט. דאָס גאנצע דאָרף וועט לאכן. מע וועט זיך רייצן מיט איר. ווען מאַטיוכע האָט זיך דערוווּסט, וואָס עס איז געשען, האָט ער זיך ווילד געוואָרפן אויף איר און מערדערלעך זי געשלאָגן. עטלעכע טעג איז זי געלעגן אין בעט מיט בלויע ביילן אויפן גאנצן קערפּער. זי איז געלעגן איינגעקאָר־טשעט און געטראכט וועגן זעלבסטמאָרד. די מאַמע האָט זי בייז געשאָלטן: „איך האָב דיר געזאָגט, איך האָב דיך געוואָרנט, אז דו וועסט האָבן אזא סוף. איצט וועלן מיר צובאקומען א ממזר אין שטוב, צו שאנד און צו שפּאָט אויפן גאנצן דאָרף“. די מאַמע איז געקרענקט. אלץ איז געענדיקט.

עטלעכע טעג נאָכן ערשטן מאַי איז צו זיי געקומען דער פּאָליציי־קאָמענדאנט. מאַטיוכע האָט אים בייז באגעגנט. דעם קאָמענדאנט איז איצט נישט צו דער האנט געווען צו פּארפירן א קריג מיט מאַטיוכען. ער האָט באקומען א פּאָרוואורף פון סטאַראָסטע פאר דערלאָזן צו דער דעמאָנסטראַציע, עס האָט געהאַלטן דערביי, אז ער זאָל פּאַרלירן זיין פּאָסטן. האָט ער זיך אנטשולדיקט, זיך פּאַרענטפערט, אז ער איז געווען שיכור, און צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט נאָדקען. ס'איז אים געלונגען צו באַרואיקן מאַטיוכען, יענער האָט סיווי נישט געהאַט קיין אנדער אויסוועג. נאָדקע האָט צוריק אויפגעלעבט. ער איז געווען גוט צו איר. זי האָט גע־

גליבט דעם קאָמענדאַנטס צוזאָגן, זי האָט זיך שוין געזען אַלס דעם קאָמענדאַנטס ווייב, ווי מע רופֿט זי „פּאַני קאָמענדאַנטאָווא“, ווי אַלע האָבן רעספּעקט פֿאַר איר.

זי האָט איצט בלינד געפֿאָלגט אַלע זיינע באַפֿעלן. זי איז געוואָרן חוצפּהדיק, נאָכגעגאַנגען יעדער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן גערעדט צווישן זיך, אַריינגעקוקט אין די פֿענצטער. זי איז געוואָרן אַ געפֿאַר פֿאַר גאַנצן דאָרף, ביי אַלעמען פֿאַרהאַסט.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען זי האָט פּרובירט אונטערהערן ביי אַ פֿענצטער, האָט מען פֿון הינטן אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ זאַק אויף איר קאָפּ. דאָס איז געשען אַזוי פּלוצעם, אַז זי האָט נישט באַמערקט, ווער עס האָט דאָס אָפּגעטאָן. זי האָט אַפֿילו נישט באַוויזן אַ געשריי צו טאָן. עטלעכע געזונטע הענט האָבן זי שטילערהייט ערגעץ געטראָגן. זי האָט זיך נישט געקאָנט רירן. מען האָט זי געטראָגן זייער לאַנג. נאָכדעם האָט מען זי אַנידערגעוואָרפֿן אויף דער ערד. מען האָט זי אויסגעטאָן און בלויז געלאָזן דעם זאַק אויפֿן קאָפּ. מען האָט זי געשלאָגן אויפֿן פֿויערשן שטייגער: לאַנגזאַם, אָן רחמנות, ווי מען וואָלט געציילט די קלעפּ. נאָכדעם האָט מען זי אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ און צוגעבונדן צו אַ בוים.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען די פּויערים זענען געגאַנגען אין פֿעלד צו דער אַרבעט, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף איר שרעקלעכער פֿיגור. צום בוים, צו וועלכן זי איז געווען צוגעבונדן, איז געווען צוגעקלעפּט אַ צעטל: „אַזאַ סוף וועלן האָבן אַלע שפּיאָנען. דאָס איז נאָר אַן אָנהייב“. די פּויערים האָבן געלאַכט, גע־חוזקט, הנאה געהאַט פֿון דער דאָזיקער נקמה. קיינער האָט זי נישט אָפּגעבונדן. מע האָט צו ווּיסן געגעבן מאַטיוכען. דאָס גאַנצע דאָרף איז געקומען צו לויפֿן קוקן אויפֿן בייזן וווּנדער. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און חיהשער מורא האָט מאַטיוכע אָפּגעבונדן זיין מאָכטער. די פּויערים האָבן געמאַכט פֿיינטלעכע אויסרופֿן, גע־דראָט. ווען מאַטיוכע האָט אַראָפּגענומען דעם זאַק פֿון איר קאָפּ, זענען אירע אויגן געווען משוגע פֿון שרעק. באַגלייט פֿון טומלדיקע פֿון נאָכלויפֿנדיקע קינדער, האָט ער געפֿירט די טאָכטער צו זיך אַ היים.

ער איז געווען דערשלאָגן און נישט געענטפֿערט אויף די דראָונגען. שרעק און בושה האָבן אים באַהערשט. מע קאָן נישט גיין קעגן אַ גאַנץ דאָרף, — האָט ער געטראַכט. די פּויערים זענען שטאַרקער פֿון דער פּאָליציי. ער האָט אין דער דאָ־זיקער מינוט זיך פֿאַרשאָלטן, פֿאַרוואָס ער איז געוואָרן סאָלטיס קעגן ווילן פֿון דאָרף.

ווען דער קאָמענדאַנט איז געוואָר געוואָרן פֿון דעם דאָזיקן פּויערים־משפּט, איז ער געקומען צו רייטן מיט אַן אָפּטיילונג פּאָליציי. ער האָט געפֿאָדערט פֿון מאַטיוכען, אַז ער זאָל אַרויסגעבן די, וועמען ער איז חושד אין דער נקמה אויף זיין טאָכטער. נאָר מאַטיוכע האָט בייז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— לאָזט צו רו. זעט צו וואָס איר האָט אונדז דערפירט. איר ווילט, אז מע זאָל אונדז אלע אויסהרגענען. זיי זענען פּעיק אויף דעם. זיי האָבן נישט קיין מורא פאר אייך.

אלע טענות פונעם קאָמענטדאנט האָבן נישט געהאָלפן. מאַטיוכע איז געבליבן ביי דעם זייניקן:

— מאַכט מיך פאר אויס סאָלטים. איך וויל נאָכנישט שטאַרבן.

דער קאָמענטדאנט איז דערויף נישט איינגעגאנגען. דאָס וואָלט געווען א נצחון פון די קאָמוניסטן. ער מוז איצט בלייבן.

מאַטיוכע האָט זיך געבעטן ביי אים:

— איר זאָגט, אז איר האָט ליב נאַדקען. נעמט זי צו פונדאַנען. מער קאָן זי דאָ נישט זיין. זי וועט זיך איצט נישט קאָנען באווייזן אין דאָרף. זי מוז אוועק אין אַן אנדער אָרט.

דער קאָמענדאנט איז מיט צופרידנקייט מסכים געווען אריבערצופירן נאַדקען אין שפּיטאָל און נאָכדעם לאָזן זי אויפן פּאָליציי־פּאָסטן. יאָ, איצט איז זי זיכער זייערס א מענטש. זי וועט געדענקען די קאָמוניסטן אויף איר גאנץ לעבן...

דער שטרייק אין דער הוטע

נאָך פּיליפּס און װאָלאָדעקס אַרעסט האָט מיט דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אין דער הוטע אָנגעפירט דאַניליוק. דעם ערשטן מאַי זענען אַרעסטירט געװאָרן נאָך עטלעכע חברים. די צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט. אָבער די שטימונג פון די אַרבעטער איז אין דער הוטע נאָך קיינמאָל נישט געװען אַזאַ קאַמפּסלוסטיקע. די ערשטמאַיקע דעמאָנסטראַציע, די פאַרלוירנקייט פון דער פּאָליצײ אין די ערשטע מינוטן פון דער בלוט־באָד, דערנאָך די אַטאַקע קעגן דער פּאָליצײ און איר פּחדנותדיק אַנטלויפן האָבן בולט באַװיזן, װי װיכטיק ס'איז די אָרגאַניזאַציע און די אַנטשלאָסנקייט. דאָס האָבן פאַרשטאַנען די הוטע־אַרבע־טער. װען די פּאַרטיי האָט געװאָרפן דעם לאָזונג צו שאַפן אַ שטאַרקע זעלבשוץ, האָבן די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער זיך אָפּגערופן אויף דעם מיט ענטוזיאַזם.

דער דירעקטאָר איז געװען זיכער, אַז נאָך די אַרעסטן זענען די אַרבעטער זיכער געפאַלן ביי זיך. ער האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די גינסטיקע צייט. ער האָט פּלוצעם געמאָלדן, אַז צוליבן קריזיס איז ער געצװוּנגען צו שניידן די לוינען און אָפּזאָגן 100 אַרבעטער. די פאַרזאַמלונג װאָס איז גלייך נאָכדעם גערופן געװאָרן דורכן פאַריין, איז געװען זייער אַ שטורמישע. די אַרבעטער זענען געװען אויפגע־בראַכט און האָבן אויפגעהויבן אַ געװאַלדיקן טומל. פון אַלע זייטן האָבן זיך גע־הערט אויסרופן:

— אַזאַ נידערטרעכטיקע חוצפּה, אַ געמיינהייט! ענטפערן מיט אַ שטרייק!

— קיינער טאָר נישט אָפּגעזאָגט װערן! אַלע מוזן בלייבן ביי דער אַרבעט! גענוג געהונגערט!

— פאָדערן צו העכערן די לוינען! פאָדערן בעסערע היגיענישע באַדינגונגען!

— װאַרפן מאָרגן די אַרבעט!

— באַפרייען די אַרעסטירטע חברים!

די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט געשטימט פאַר פּראָקלאַמירן אַ שטרייק. ס'איז גלייך געװײלט געװאָרן אַ שטרייק־קאָמיטעט. עס זענען אויך אויסגעאַרבעט גע־

וואָרן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. דאַניליוק האָט זיין רעדע פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„אויב דער דירעקטאָר וועט נישט נאָכגעבן אונדזערע פאָדערונגען, גייען מיר אַרויס איבערמאָרגן אין שטרייק. דער שטרייק וועט זיין אַ שווערער. דער פאַבריקאַנט וועט אונדז וועלן אויסהונגערן. מיט דער הילף פון דער פּאָליציי וועט ער זיך באַמיען צו לאָזן די הוטע אין גאַנג דורך שטרייקברעכער. ס'איז נייטיק אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, אייזערנע דיסציפּלין, אויסדויער, גרייטקייט צו קרבנות און נצחון. אונדזער שטרייק איז נישט קיין לאָקאַלער. אויב מיר וועלן פאַרשפּילן, וועלן אַלע הוטע־פאַבריקאַנטן אַריבערגיין אין אָנגריף און פאַרערגערן די באַדינגונגען אין אַלע הוטעס. אויב מיר וועלן זיגן, וועט עס זיין דער נצחון פון אַלע הוטע־אַרבעטער אין גאַנץ פּוילן. מיר האָבן גענומען אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר וועלן באַווייזן, אַז מיר קאָנען קעמפן און זיגן. לאָמיר געבן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. זאָל לעבן אונדזער שטרייק ביז נצחון!".

דער דירעקטאָר האָט נישט נאָכגעגעבן. ער איז בלאָס געוואָרן, ווען דאַניליוק מיט נאָך צוויי עלטערע אַרבעטער האָבן אים איבערגעגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. ער האָט זיך נישט גערירט דערויף. נישט נאָר זיי זענען קעגן קירצן דעם לוין און רעדוצירן דעם אַרבעטער־פּערסאָנאַל, נאָר זיי האָבן נאָך אַרויסגערוקט קאָנטער־פאָדערונגען: העכערן די לוינען פון 15 ביז 25 פּראָצענט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך אַ ביסל צוגעאיילט, נישט דערשאַצט די שטימונג פון די אַרבעטער, נאָר צוריקציען זיך איז שוין געווען שפּעט. איצט איז קאַמף. די אַרבעטער וועלן פאַרשפּילן. פּאָליציי און הונגער וועלן טאָן דאָס זייעריקע.

צומאָרגנס איז אויסגעבראָכן דער שטרייק. די אַרבעט אויף דער הוטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. אייניקע טעג זענען פאַרביי רואיק. די טויערן פון דער הוטע זענען געווען געשלאָסן. די אַרבעטער האָבן שפּאַצירט אויף די גאַסן. עטלעכע צענדליק, צווישן זיי שטענדיקע דאָרף־איינוווינער, זענען געפאָרן אַהיים, אָפּוואַרטן די רעזולטאַטן פון שטרייק. די שטימונג איז געווען אַ קעמפערישע.

נאָך אַ וואָך שטרייקן האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער הונגער. די שטימונג ביי די אַרבעטער איז געוואָרן אַ נערוועזע. אייניקע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער פאַבריקאַנט האָט באַשלאָסן אינגאַנצן צו שליסן די הוטע, אַז אין דעם איז שולדיק דער פאַריין מיטן פּראָקלאַמירן דעם שטרייק. דער שטרייק־קאָמיטעט האָט פאַרשטאַנען די געפאַר און האָט גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישן קאַמף צווישן די לינקע אַרבעטער און די רעפאָרמיסטן. גלייך נאָך דער עפענונג פון דער

פֿאַרזאַמלונג האָט גענומען אַ וואָרט אַ פּעפּעעסישער טוער, וועלכער האָט שאַרף אַטאַקירט דעם שטרייק־קאָמיטעט.

— ס'איז געווען אַן אומזין צו פּראָקלאַמירן דעם שטרייק, — האָט זיך דער רעדנער געהיצט, — אין אַ צייט פֿון אַזאַ שווערן קריזיס. די פֿאַבריקאַנטן קוקן נאָר אויס די געלעגנהייט, כּדי צו פֿאַרמאַכן די פֿאַבריקן. די הוטע וועט איינגאַנצן פֿאַרמאַכט ווערן. וואָס וועלן די אַרבעטער געווינען דערפֿון? זיי וועלן בלייבן אַרבעטלאָז. די קאָמוניסטן זענען צוליב זייערע אַמביציעס מקריב די אַר־בעטער...

ער איז איבערגעריסן געוואָרן דורך כּסדרדיקע צווישנרופֿן:

— פֿאַרעטער, פֿאַרקויפֿטער לאָקיי! אַ חרפּה אַזוי צו רעדן!

— וואָס לייגסטו פֿאַר? — האָט אים געפֿרעגט אַן אַלטער אַרבעטער.

— צוריקציען דעם שטרייק, ווי לאַנג ס'איז נאָך נישט צו שפּעט. בעסער זאָלן ווערן אַרבעטלאָז הונדערט אַרבעטער איידער אַלע פֿינף הונדערט. אפֿשר וועט דער פֿאַבריקאַנט איינגיין אויף אַ קלענערער רעדוקציע. נישטאָ קיין אַנדער אויס־וועג! מיר האָבן סיווי פֿאַרשפּילט!

דער דאָזיקער פֿאָרשלאַג האָט אַרויסגערופֿן צאָרן און פֿאַרביטערונג ביי די אַרבעטער. ס'האָבן זיך געהערט אויסרופֿן:

— אַראָפּ פֿון דער טריבונע!

— פֿאַרקויפֿטער נפֿש!

— נידער מיט די פֿאַרעטער!

— זיי ווילן צעברעכן דעם פֿאַריין. אומעטום, וווּ זיי באַווייזן זיך, ברענגען זיי פֿאַראַט און מפּלה!

אייניקע אַרבעטער בלויז האָבן נישט דרייסט אונטערגעהאַלטן דעם פּעפּעע־סישן באַגין:

— ווי לאַנג קאָנען מיר הונגערן? דער שטרייק איז פֿאַרשפּילט. מע דאַרף מאַכן אַ סוף. אַנדערע קאָנען אַמאָל זיך שטעלן אויף אונדזער אָרט.

די דאָזיקע נישט דרייסטע אויסרופֿן האָבן דערשראָקן דאַנילייוקן. אמת, זיי־ער צאָל איז דערווייל זייער קליין, אָבער ווער ווייסט, וואָס וועלן רעדן די אַרבע־טער אין עטלעכע טעג אַרום. צי וועט נישט געליגגען די פּפּסישע פּירער אַרונ־טערצורייסן דעם שטרייק. ס'איז נייטיק דרינגענדיקע הילף. מע דאַרף צו וויסן געבן דער פּאַרטיי־אַנפֿירונג.

ביז איצט איז נישט אָנגעקומען די צוגעזאָגטע הילף מצד אַנדערע פּראָפֿעס־יאָנעלע פֿאַריינען. אויב עס וועט נישט אָנקומען קיין דרינגענדיקע שטיצע, קאָן דער שטרייק שנעל אַרונטערגעריסן ווערן.

פּלוצעם האָט זיך געעפֿנט די טיר. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע פּויערים מיט דימיטרין אין דער שפּיץ. דאַניליוק האָט זיי פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט. דימיטרי איז צוגעגאַנגען צו אים און עפּעס געזאָגט שטיל אויפֿן אויער. דאַניליוקס געזיכט האָט אויפֿגעשײַנט, ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט.

— חברים, — זײַן קול האָט געקלונגען מיט טריומף, — דער חבר כאַרטשאַנסקי בעט דאָס וואָרט אין נאָמען פֿון אַ פּויערישער דעלעגאַציע פֿון ראַיאָן.

אַלע האָבן פֿאַרוואונדערט געקוקט אויף די פֿרעמדע געסט. די דערקלערונג פֿון פֿאָרזיצער, אַז דאָס איז אַ פּויערים־דעלעגאַציע, האָט אַרויסגערופֿן גרויס נײַגעריקייט. אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן, באַגלייט מיט הוראַ־אויסגעשרייען, האָט באַגעגנט דעם פּויערישן רעדנער.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אַ צעטומלטער צוליב דער שטורמישער באַגעגעניש. ער האָט נערוועז געצופּט זײַן היטל.

די אַפּלאָדיסמענטן זענען שטילער געוואָרן. דער זאַל האָט זיך באַרויִקט. ער האָט געקאָנט אָנהייבן רעדן.

— חברים, צו אונדז איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז איר שטרײַקט, אַז איר קעמפֿט פֿאַר אײַערע לעבנס־אינטערעסן, אַז דער פֿאַבריקאַנט וויל אײַך אויסהונגערן. איר ווייסט, חברים, אַז אין דאָרף הערשט הונגער, אַז בײַ אונדז איז שרעקלעכע נויט. נאָר אײַער קאַמף איז אויך אונדזערער, מיר האָבן צוזאַמען פֿאַרגאָסן בלוט דעם היי־יאָריקן ערשטן מאַי. מיר געדענקען עס גוט. מיר האָבן באַשלאָסן אײַך צו העלפֿן, מיט וואָס מיר קאָנען. מיר זענען זייער אָרעם, אָבער מיר זענען גרייט זיך צו טיילן מיטן לעצטן. אין אַלע דערפֿער גייט אַ זאַמלונג פֿאַר די שטרײַקנדיקע אַרבעטער. די זאַמלונג איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט, — ער האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און אַרויסגענומען אַ פּעקל, פֿאַרוויקלט אין אַ צײַטונג, און איבערגעגעבן דעם פֿאָרזיצער, — דאָ, חברים, איז 90 זלאָטעס. מיר האָבן אויך געבראַכט מיט זיך זעקס פּוד קאַרטאָפֿל, אַ ביסל מעל און ברויט. נעמט צו אונדזער הילף! די פּויערים האָבן מיך געבעטן אײַך איבערצוגעבן, אַז איר זאָלט זיך האַלטן פֿעסט, נישט נאָכגעבן, קעמפֿן ביזן נצחון. אַז אײַער קאַמף איז אויך אונדזער קאַמף, און אַז, מיר זענען, חברים, מיט אײַך!

אייניקע סעקונדן איז געווען שטיל אין זאַל. די שטילקייט איז פּלוצעם איבערגעריסן געוואָרן ווי פֿון זיך אַליין. די אַרבעטער זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער.

בײַ טייל זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. אַרבעטער האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דער סצענע, אַרומגערינגלט די פּויערים, געדריקט זיי די הענט. אַז

עלטערע אַרבעטערין האָט אַרומגענומען דעם רעדנער, געקושט אים, געשטאַמלט: „אַ דאַנק, אַ דאַנק, חבר“. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען — פריידיקע, נצחונדיקע:

— דאָס דאָרף איז מיט אונדז! זאָל לעבן דער אַרבעטער־ און פויערים־בונד!

— קאַמף — ביז נצחון! נישט נאָכגעבן! מיר מוזן זיגן! קעמפן ביזן לעצטן!

אין זאַל האָט מען גענומען טראָגן זעק מיט קאַרטאָפל, מעל, ברויט. דאַניליוק האָט געשיינט. איצט איז דער נצחון געזיכערט. די אַרבעטער וועלן ווייטער שטרייקן. די פויערים האָבן געהאָלפן. ווי גוט די פּאַרטיי האָט געהאַנדלט. דאָס ערשטע מאָל איז צו זיי געקומען אַ פויערים־דעלעגאַציע און געבראַכט הילף. דאָ איז נאָך אַזעלכעס נישט געווען. זיי האָבן ביז איצט בלויז געהערט, אַז אין אַנדערע שטעט קומט דאָס פאָר גאַנץ אָפט.

אין אַלעמענס נאָמען האָט געדאַנקט אַן עלטערע אַרבעטערין. פון אויפרעגונג האָט זי קוים געקאָנט איבערגעבן די האַרציקע ווערטער פון דאַנקבאַרקייט.

נאָכדעם האָט גערעדט דימיטרי. די אַרבעטער האָבן ערנסט און אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו אים.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, — מע האָט מיר דערציילט, וואָס דאָ האָט געזאָגט דער פעפעסישער מאַכער. דאָס האָט מיך נישט געוווּנדערט. מיר זענען געוווינט צו דעם. זיי טרעטן תמיד אַרויס נאָר מיט איין ציל: צו ברעכן, נישט דערלאָזן צו קיין קאַמף. אַנדערש קאָנען זיי נישט. מיך וווּנדערט נאָר, וואָס אייניקע האָבן מיט אים איינגעשטימט. זיי וויל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער: אייך האָט דערשראָקן דער קאַמף, די הונגער־געפאַר, די מורא פאַר אַרויסגעוואָרפן ווערן אויף דער גאַס. נאָר וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע האָט איר, אַז נישט שטרייקנדיק וועט מיט אייך דאָס נישט געשען? האָט דאָך דער פאַבריקאַנט באַשלאָסן אַרויסצוּוואַרפן אויף דער גאַס הונדערט אַרבעטער אָן אַ שטרייק! ווער ווייס, אפשר זייט איר צווישן זיי. מע דראָט אייך, אַז צוליבן שטרייק וועט דער פאַבריקאַנט שליסן די הוטע. וואָס שטערט אים דאָס צו טאָן, ווען ער וואָלט געוואָלט, אָן אַ שטרייק? צי מיינט איר, אַז דער פאַבריקאַנט לאָזט די הוטע אויס ליבע צו אייך? אָן קאַמף האָבן מיר זיכער פאַרשפּילט. אונטערגעבן זיך די פאַבריקאַנטן הייסט: אַרבעטלאָזיקייט, הונגער־לײַנען. צי ווילט איר דאָס? ניין, דאָס קאָן נישט זיין. דאָס איז אוממעגלעך. דאָס וואָלט געהייסן פאַראַטן זיך אַליין.

שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן איבערגעריסן זיינע רייד. ער האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע און פאָרגעזעצט:

— וואָס לייגט אייך פאַר דער פעפעסישער פירער? קאַפּיטולירן, פאַלן אויף די קני פאַרן פאַבריקאַנט. ווער רעדט אַזוי? נאָר אייערע שונאים. דאָס

טענהט דאָך די גאַנצע צייט דער פאַבריקאַנט! וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אים און די באַלעבאַטים? אַזעלכע דאַרף מען טרייבן פון דער אַרבעטער=סביבה, זיי פאַרסמען די לופט. וואָס האָט ער, דער פּעפּעסישער פּירער, געטאָן צו פאַרבעסערן אייער לאַגע? גאָרנישט. מיר קומען צו אייך מיט הילף. מיר זענען גרייט אייך צו העלפן ביז אייער נצחון.

ער האָט אַ רגע געשוויגן, קוקנדיק דורכדרינגענדיק אין זאַל.

— ווען איך זאָג מ י ר, ווייסט איר מסתמא וועמען איך מיין. דאָס האָבן מיר אָרגאַניזירט די פּועלים אייך צו העלפן. אין אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען גייט אַ זאַמלונג. מע האָט מיר נאָר וואָס איבערגעגעבן, אַז ס'איז שוין אויפגעזאַמלט געוואָרן אין שטאָט העכער 400 זלאָטעס. מאָרגן וועט איר דאָס דאָזיקע געלט באַקומען. פון ביאַליסטאָק האָט מען אייך אַרויסגעשיקט דריי הונדערט זלאָטעס. אויך אין ווילנע גייט אַ זאַמלונג פאַר אייך. אין די הוטעס אין פּוילן קלייבן די אַרבעטער געלט. צי וועט איר אַנטוישן די אַרבעטער אין פּוילן, וועלכע גלייבן אין אייך, וועלכע זענען גרייט אייך צו העלפן, זעענדיק אין אייער גערעכטן קאַמף זייער אייגענעם קאַמף? איך בין זיכער, אַז איר וועט דאָס נישט טאָן. איר האָט נישט איין מאָל באַוויזן אייער אַנטשלאָסנקייט און קאַמפסגרייטקייט. איצט דאַרפט איר עס באַווייזן דאָפּלט. נאָר אַנטשלאָסנקייט קאָן ברענגען נצחון. דער פאַבריקאַנט וועט זיכער וועלן ברעכן דעם שטרייק מיט דער הילף פון שטרייקברעכער. דערלאָזט נישט דערצו. אַלע אַרבעטער וועלן אייך העלפן. קעגן אייך איז דער פאַבריקאַנט, די פּאָליציי, דער גאַנצער מלוכה=אַפּאַראַט. מיר האָבן ידיעות, אַז די פּאָליציי גרייט זיך אַרויסטרעטן קעגן אייך. לאָזט אייך נישט טעראָריזירן. קעמפט קעגן אַרעסטן, פאָדערט באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, קעמפט קעגן פאַשיזם, קעגן פּאָליצייאישע געוואַלדטאַטן. קיין צוריקטריט! קאַמף ביז נצחון! אויסהאַלטן!

די אַרבעטער האָבן היים באַגיטיקט דימיטרים רייד.

דער פאָרשלאַג ווייטער פאָרזעצן דעם שטרייק איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. אפילו דער פּעפּעסישער גדול האָט נישט געוואַגט צו שטימען קעגן. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע מיט דער פאָדערונג צו באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

דימיטרי איז געווען גערעכט; ווען דער פאַבריקאַנט האָט דערזען, אַז די אַרבעטער האַלטן זיך פעסט, האָט ער באַשלאָסן צו ברעכן דעם שטרייק מיט דער הילף פון שטרייקברעכער. אויפן צענטן טאָג האָבן די שטרייק=פּיקעטן באַמערקט אַ פאַרדעכטיקטע גרופּע מענטשן, וואָס האָט זיך אומזיכער באַמיט אַריינצוקומען אין טויער פון דער הוטע. די פּיקעטן האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג. ס'איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. די ידיעה, אַז עס האָבן זיך באַוויזן שטרייקברעכער, האָט

זיך שנעל פֿאַרשפּרייט אין שטאָט. פֿון אַלע זייטן איז אָנגעקומען הילף. די עטלע־כע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער הוטע, האָבן זיך גישט געקאָנט קיין עצה געבן. די שטרייקברעכער האָבן זיך שנעל צוריקגעצויגן.

די פּאָליציי האָט פֿאַרשטאַרקט די וואַך אַרום דער פֿאַבריק. ביינאַכט זענען אייניקע מיטגלידער פֿון שטרייק־קאָמיטעט אַרעסטירט געוואָרן. קיין שטרייק־ברעכער האָבן זיך אָבער שוין מער נישט באַוויזן. די קאָמוניסטן האָבן פּראָפּאַגאַנ־דערגעקלעפּט אין שטאָט אַ פֿלוג־בלעטל, וואָס האָט גערופֿן די אַרבעטלאָזע נישט צו ווערן קיין שטרייקברעכער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין איין שטאָטי־שער אַרבעטלאָזער איז צווישן די שטרייקברעכער נישט געווען, אַז דאָס זענען אַלץ געווען פֿרעמדע מענטשן, געבראַכטע פֿון אַנדערע ערטער.

דער שטרייק האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט. ער האָט זיך שוין געצויגן צוואַנציק טעג. נאָך איין מאָל האָבן פֿעפֿעסישע פֿירער זיך באַמיט אַרונטערצורייסן דעם שטרייק. זייער אַרויסטרעטונג איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַזאַ פֿאַרביטערונג און פֿיינטשאַפֿט, אַז זיי האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן די טריבונע, נישט פֿאַרענדיקנדיק זייערע רעדעס. די קאָמפּשטימונג איז געוואַקסן. איבער פֿופֿציק אַרבעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן. אין אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען זענען פֿאָרגעקומען זאַמ־לונגען פֿאַר די שטרייקנדיקע. די פּויערים האָבן געהאָלפֿן. ס'איז געקומען אַ פּויע־רים־דעלעגאַציע פֿון נאָך אַ ראַיאָן, געבראַכט הילף און פֿאַרגעלייגט נעמען מיט זיך אויף דער צייט פֿון שטרייק דרייסיק קינדער פֿון די שטרייקנדיקע אַרבעטער.

ס'איז פֿאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פֿון די שטרייקנדיקע. צו דער דע־מאָנסטראַציע האָבן זיך פֿאַראייניקט די שטאָטישע אַרבעטלאָזע און פֿיל אַרבע־טער פֿון אַנדערע פֿאַבריקן. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין צענ־טער פֿון שטאָט, צו דער סטאַראָסטווע. זיי האָבן געוואָרפֿן רעוואָלוציאָנערע לאָ־זונגען, געמאַכט פֿיינטלעכע אויסרופֿן קעגן דער רעגירונג, קעגן פֿאַבריקאַנט. די דעמאָנסטראַנטן זענען ברוטאַל צעטריבן געוואָרן. אַ סך זענען אַרעסטירט גע־וואָרן.

אין אַלע פֿאַריינען זענען פֿאָרגעקומען פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען. די קאָמו־ניסטן האָבן אַגיטירט פֿאַר פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם סאָלידאַריטעט־שטרייק אין שטאָט. די אויפֿרעגונג צווישן די אַרבעטער איז געוואַקסן.

אויפֿן 22־טן טאָג פֿון שטרייק איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ באַראַטונג פֿון אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. די לינקע דעלעגאַטן האָבן אַריינגעטראָגן אַ רע־זאָלוציע, אַז אויב דער שטרייק וועט נישט געווונען ווערן ביז איבערמאָרגן, זאָל פּראָקלאַמירט ווערן אין שטאָט אַן אַלגעמיינער סאָלידאַריטעט־שטרייק. דער דאָ־זיקער פֿאָרשלאַג איז מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען געוואָרן.

צומאָרגנס האָבן פאַרשטרייקט אַלס פּראָטעסט די פּאַניער־אַרבעטער. די אַרבעטער פון דער עלעקטראָווניע האָבן געדראָט מיט אַ שטרייק. די עלעקטראָווניע איז באַזעצט געוואָרן פון פּאָליציי. אין שטאָט איז די שטימונג געווען אַ נערוועזע און אומזיכערע. די באַן־סטאַציע איז געווען שטאַרק באַוואַכט פון דער פּאָליציי. אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן פּאַטרולן, באַוואָפנטע מיט ביקסן.

דער פאַבריקאַנט האָט זיך געווענדט צום שטרייק־קאָמיטעט וועגן פירן אונטערהאַנדלונגען. ער האָט באַקומען באַשטעלונגען פון דער רעגירונג. ער האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן פאַרמאַכן די הוטע, ער האָט נאָר געוואָלט אַזוי דריקן, אַז די אַרבעט פון 500 אַרבעטער זאָלן טאָן בלויז 400.

יעדער טאָג פון שטרייק איז געווען פאַר אים אַ גרויסער פאַרלוסט. דאָס וויי־טערדיקע דויערן פון שטרייק האָט געדראָט מיט פאַרלירן די באַשטעלונגען, וועלכע וואָלטן אַריבער אין אַנדערע הענט. ער האָט לאַנג אונטערהאַנדלט און לסוף נאָכגעגעבן. ער האָט צוריקגעצויגן אַלע זיינע פאָדערונגען, איז געצוווּנגען געווען צו העכערן די לויגען ביז 15 פּראָצענט. ער האָט צוגעזאָגט אויסצופּועלן ביי דער מאַכט צו באַפרייען די אַרעסטירטע שטרייקנדיקע אַרבעטער.

שטאָלצע מיטן נצחון, זענען די אַרבעטער צוריקגעגאַנגען אין דער הוטע. דער געוווּנענער שטרייק האָט פאַרשטאַרקט דעם איינפלוס פון דער קאָמפּאַרטיי צווישן אַלע אַרבעטער אין שטאָט.

דער קאַמף קעגן שטייערן

דער זומער איז געווען אַ הייסער, אַ טרוקענער. ס'איז שוין געווען אינמיטן יולי=חודש, און קיין רעגן איז נאָך אַלץ נישט געווען. די באַפעלקערונג האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק פאַר טריקעניש און פאַר הונגער. די גלחים זענען געגאַנגען מיט הייליקע בילדער איבער די פעלדער. די קלויסטער=גלאָקן האָבן טרויעריק געקלונגען. קיין רעגן איז אַלץ נישט געווען. די זון האָט אָנרחמנותדיק פאַרברענט די פעלדער. אין די סעדער זענען די פרוכטביימער געשטאַנען פאַרדאַרטע, מיט אויסגעטריקנטע בלעטער. אין די דערפער האָט זיך אָנגעהויבן דעזינטעריע, פריער ביי קינדער, דערנאָך אויך ביי עלטערע.

די פויערים פלעגן זיך אויפהייבן, ווי געווייגלעך, באַגינען, זוכן אין הימל אַ שפּור פון אַ וואָלקן, נאָר דער הימל איז געווען בלוילעך=קלאָר, די לופט איז געווען אַ גליענדיקע, קיין ווינטל האָט זיך נישט באַוועגט. דער פּאַרזיי איז פאַרניכטעט געוואָרן. די פרייזן אויף לעבנס=מיטלען זענען געשטיגן מיט יעדן טאָג. דריי וואָכן האָט געדויערט אַ שטרייק אין דער פאַגיער=פאַבריק. די פּפּסישע פירער איז געלונגען מיט דער הילף פון זייער צענטראַלן פאַריין פון די האָלץ=אַרבעטער איבערצונעמען די אָנפירונג מיטן שטרייק און ליקווידירן אים. די אַרבעטער האָבן פאַרשפּילט.

אין שטאָט זענען פאָרגעקומען כסדרדיקע אַרעסטן. ס'איז דורכגעפאַלן דאָס קאָמוניסטישע קעמערל פון די לעדער=אַרבעטער. ס'איז פאַרשיט געוואָרן דער טרעפ=פונקט אין רעסטאָראַן. עס איז אַרעסטירט געוואָרן אַן אינסטרוקטאָר פון צענטער.

איוואַן איז נאָכן ערשטן מאי איבערגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדערן ראַיאָן אַלס סעקרעטאַר פון פאַרטייאישן ראַיאָן=קאָמיטעט. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ גרויסע, נאָר אַ שטאַרק פאַרלאָזענע. איוואַן האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. ס'איז אים געלונגען צו שאַפן אַ פויערישן אַקטיוו. דאָס פאַרטיי=לעבן האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן.

אין די דערפער זענען אַרומגעפאָרן שטייער־עקזעקוטאָרן, איינגעמאָנט שטייערן, צוגענומען ביי די פויערים די לעצטע קו, דעם אינווענטאַר, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אין אַלע דערפער האָט מען נאָר געערדט וועגן די שטייער־עקזעקוציעס, וועגן דער אומרחמנותדיקייט פון דער רעגירונג. די קאָמפּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף נישט צו צאָלן קיין גראָשן שטייערן דער „רעגירונג פון אַרבעטלאָזיקייט, הונגער און מלחמה". אין פיל דערפער זענען לויט דער אי־ניציאַטיוו פון דער קאָמפּאַרטיי געווילט געוואָרן פויערים־קאָמיטעטן אָנצופירן מיטן קאַמף קעגן די שטייערן.

אינמיטן אויגוסט איז אַראָפּגעקומען א שטייערן־עקזעקוטאָר מיט דריי פּאָ־ליציאַנטן אין דאָרף אָ. די אלמנה פּראַסקאָוויא בראַשעוויטש איז געווען „פּאַר־שולדיקט" דער רעגירונג 70 זלאָטעס שטייערן. זי האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. דער עקזעקוטאָר איז אַריין אין שטאַל און גענומען אַרויספירן די איינ־ציקע קו אירע. די אלמנה מיט אירע צוויי טעכטער האָט זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל נישט צונעמען ביי זיי דאָס לעצטע שטיקל ברויט. דער עקזעקוטאָר האָט מיט רציחה געשלעפט די אויסגעדאַרטע קו. די פאַרצווייפלטע פרויען האָבן גע־מאַכט אַ גוואַלד. עס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן די פרויען פון דאָרף, פון די פעלדער זענען געקומען צו לויפן די פויערים.

דער עקזעקוטאָר, דערזעענדיק, אַז דער המון נעמט אָן אַ דראָענדיקע שטע־לונג, האָט זיך געאיילט צוצובינדן די קו צו זיין ברישקע, די הונגעריקע קו האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט גיין. פון המון האָבן זיך געהערט פיינטלעכע אויסרופן:

— מערדער, תלינים! דאָס לעצטע האָב און גוטס נעמען זיי צו! זיי האָבן נישט קיין רחמנות!

— אַזוי באַגייען זיך מערדער אין וואַלד און פערד־גנבים!

— גיט אָפּ דער אלמנה די קו!

די פּאָליציאַנטן אויף די פערד האָבן אַרומגערינגלט די ברישקע, אַראָפּגע־נומען די ביקסן פון די פּלייצעס. די אלמנה, אַ פאַרצווייפלטע, האָט זיך געוואָרפן צו דער ברישקע, געוואָלט אָפּבינדן די קו. אַ ביקסן־קאָלבע האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט אויף איר קאָפּ. מיט אַ שרעקלעכן געשריי איז די פרוי אַ פאַרבלו־טיקטע געפאַלן אויף דער ערד. דאָס געשריי פון דער פרוי, איר בלוט האָט אַריינ־געבראַכט אין צאָרן די פויערים. פון עולם האָט זיך געהערט אַ רוף: „אַ טויט דער פּאָליציי!" פון ערגעץ איז געפלויגן אַ שווערער שטיין און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּלייצע פון פּאָליציאַנט, וואָס האָט געשלאָגן די פרוי. דער פּאָליציאַנט האָט פון ווייטיק אַראָפּגעלאָזט די ביקס אויף דער ערד. די איבעריקע צוויי האָבן

געוואָלט שיסן, נאָר זיי זענען אין איין אויגנבליק אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן פון די פערד אַנטוואָפנט געוואָרן און מוראדיק צעשלאָגן געוואָרן.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אָנגעהויבן בעטן ביי די פויערים, אַז מע זאָל זיי שענקען דאָס לעבן. וואָס זענען זיי שולדיק? ס'איז אַ פאַרשאָלטענע דינסט. מע הייסט זיי פאָרן מיטן עקזעקוטאָר, פאָרן זיי. זיי ווילן אַליין נישט, נאָר וואָס קאָנען זיי העלפן. זאָלן די פויערים רחמנות האָבן אויף זיי, זיי האָבן ווייבער און קינדער. די קינדער וועלן בלייבן יתומים. ס'איז געקומען צו לויפן דער דאָרף־סטאַראָסטע און האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די פּאָליציאַנטן.

— לאָזט זיי אָפּ, וואָס ווילט איר, אַז מע זאָל אַ תל מאַכן פון גאַנצן דאָרף, אַז מע זאָל אונדז אַלע שמידן אין קייטן. ברענגט נישט אויף אונדז קיין אומגליק.

די צעבלוטיקטע פּאָליציאַנטן האָבן מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויפן דאָרף־סטאַראָסטע. ער איז געווען זייער איינציקער רעטער.

די יוגנט האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. עס האָבן זיך געהערט אויסרופן:

— לאָזט זיי נישט אָפּ, די דאָזיקע תלינים! זיי וועלן אונדז שוין איינמאָל אָפּדאַנקען! זיי אַליין וועלן ברענגען אין דאָרף אַנדערע פּאָליציאַנטן! אַלע זענען זיי הינט און מערדער! ווער האָט געשלאָגן פּראַסקאָוויען, אַז נישט דער דאָזיקער הונט. ווער האָט געוואָלט שיסן אין אונדז? פאַר זיי איז נישטאָ קיין רחמנות.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך געצלמט און געשווירן, אַז זיי וועלן מער קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן, זאָל מען נאָר זיי שענקען דאָס לעבן.

די עלטערע פויערים האָבן זיך באַמיט צו באַרואיקן די יוגנט, איינגעהאלטן זיי. דאָס האָבן אויסגענוצט די פּאָליציאַנטן, זיי זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די פערד און מיטן עקזעקוטאָר שנעל אַנטלאָפן פון דאָרף.

ביינאַכט איז דאָס דאָרף ארומגערינגלט געוואָרן פון אַ שטאַרקער פּאָליציי־אָפּטיילונג. אינמיטן דאָרף איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ קוילנוואַרפער. עס זענען פאָרגעקומען מאַסן־רעוויזיעס און אַרעסטן. די דריי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אין דער פרי זיך געשווירן, אַז זיי וועלן מער קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן, האָבן אָנגעוויזן אויף די, וועלכע האָבן זיך אַממערסטן געבונטעוועט. איבער פופציק פויערים, צוזאַמען מיט דער אַלמנה און איר צוויי טעכטער, זענען אין דער דאָזיקער נאַכט אַרעסטירט געוואָרן און אוועקגעפירט געוואָרן אויפן נאָענטן פּאָליציי־פּאָסטן. האַרטן זענען זיי שרעקלעך געפּייניקט געוואָרן. די געשרייען פון די געשלאָגענע האָבן זיך געהערט אין די אַרומיקע דערפער. מחנות פויערים האָבן זיך געפּרוווט אין די נעכט זאַמלען אַרום פּאָליציי־פּאָסטן. די שוואַרצע בלישטשענדיקע העלדזער פון די קוילנוואַרפערס האָבן זיי צוריקגעשטויסן. שעלטנדיק, אין שרעקלעכער אומבאַהאָלפנקייט, האָבן זיך די פויערים מיט דראָענדיקע פויסטן צוריקגעצויגן.

איינער פון די געשלאָגענע האָט נישט אויסגעהאלטן און ארויסגעגעבן די מיטגלידער פונעם דאָרפישן פּאַרטיי־קעמערל. זיי זענען אַלע אַרעסטירט געוואָרן און איבערגעפירט געוואָרן אין דער רעפּענסיווע. איינער האָט ארויסגעגעבן איוואַנען, אַגווייזנדיק, אַז ער איז סעקרעטאר פון פּארטייאישן ראיאָן־קאָמיטעט. ווען פּאָליציי איז געקומען ארעסטירן איוואנען, איז ער שוין נישט געווען אין דאָרף. חברים האָבן אים געגעבן צו וויסן. איוואן איז ווידער אנטלאָפן אין שטאָט.

דער אַרעסט פון סעמיאָנען און אירען

אינמיטן אויגוסט איז אירע געקומען צו פאָרן. סעמיאָן האָט זיך זייער דערפרייט מיט איר. זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן ביי לענען אין שטוב. אירע האָט אים איבערגעגעבן, אַז דער צ.ק. האַלט אַלס געפאַר אים צו לאָזן ווייטער אין דעם דאָזיקן קרייז. ער אַרבעט שוין דאָ צו לאַנג. די לעצטע אַרעסטן באַאומרואיקן זייער דעם צענטער, מע האָט מורא, אַז ער זאָל נישט אַרעסטירט ווערן, ער מוז שוין זיין צו גוט באַקאַנט דער דעפענסיווע. אירע איז געקומען פאַרנעמען זיין אָרט, און ער דאַרף תיכף אָפּפאָרן אין צענטער.

סעמיאָן איז בלאַס געוואָרן. זי האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— דו ביסט נישט צופרידן, סעמיאָן?

— איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן צוזאַמען אַרבעטן. די אַרבעט דאָ איז איצט אַזוי וויכטיק.

— אָבער וואָס וועט זיין, אַז מע וועט דיך אַרעסטירן?

— אַרעסטירט קאָן מען ווערן אומעטום.

— אומזין, דאָס איז פאַטאַליזם. אויב דער צ.ק. וואָלט זיך געהאַלטן ביי אַזאַ אָרגאַניזאַציע־פּאָליטיק, וואָלטן מיר שוין אַלע לאַנג געווען אין די תפיסות. מע דאַרף בייטן מענטשן, איידער זיי ווערן אַרעסטירט.

סעמיאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז גערעכט, אַז דער צ.ק. האָט ריכטיק באַשלאָסן, אָבער זינט דער באַגעגעניש מיט אירען האָט ער זייער אָפט געטראַכט וועגן איר, געהאָפט ווידער צו טרעפן זיך און צוזאַמען אַרבעטן. ער האָט זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, פון וואַנען עס שטאַמט די דאָזיקע האָפענונג. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פערזענלעכער לעבן, כאָטש ער האָט נישט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם, געזוכט אין זיין פאָרשטעלונג די געשטאַלט פון יענער פרוי, וואָס קאָן אים געפעלן.

אירע איז אים פון דער ערשטער מינוט געוואָרן אינטים נאָענט. די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט וועגן איר. איצט האָט ער זי ווידער באַגעגנט, כדי צו

דערהערן פון איר מויל, אז ער פארלירט זי ווידער, און מעגלעך אויף אייביק.

אירע האָט ווי געלייענט זיינע געדאנקען. זי האָט צערטלעך ארויפגעלייגט איר האנט אויף זיין אקסל.

— זיי מונטער, סעמיאָן, מיר וואָלט זיך זייער געוואָלט צוזאמען מיט דיר ארבעטן, דו וואָלסט מיר זייער 'א סך געהאָלפן. די פארטיי קאָן אָבער נישט דער־לויבן אין די איצטיקע באַדינגונגען אַזעלכע צוויי ווי מיר צוזאמען צו זיין אין איין שטאָט.

ער האָט זיך געצווונגען צו שמייכלען.

— דו ביסט גערעכט.

זי האָט אויף אים געקוקט מיט פריינדשאַפט.

— אָבער דו פאָרסט נאָך נישט מאָרגן. עטלעכע טעג וועסטו נאָך דאָ בלייבן. דארפסט מיך אריינפירן אין דער ארבעט, איבערגעבן מיר אלע פארבינדונגען. חוץ פון דיינע באריכטן, וועלכע איך האָב געלייענט, ווייס איך דאָך גאָרנישט, וואָס דאָ קומט פאָר.

ער האָט אויפגעשיינט. עטלעכע טעג צוזאמען!

— און וואָס פאר אַן ארבעט וועט מען מיך שיקן?

זי האָט זיך צעלאכט.

— קיין רעכט צו דערציילן האָב איך נישט, נאָר שטילערהייט... קיינער זאָל נישט הערן... איך האָב איבערגעגעבן אין צענטער וועגן דיין פארלאַנג צו לערנען. דו ווערסט געשיקט אין א פארטיי־שול. ביסטו צופרידן?

סעמיאָן האָט מיט דאנקבארקייט געדריקט איר האנט.

ס'איז געוואָרן שפעט. לענא האָט פאָרגעלייגט, אז אירע זאָל בלייבן וווינען ביי איר. ביידע זענען געווען קעגן דעם. מיט לענעס דירה טאָר מען נישט ריזיקירן. די דאָזיקע דירה מוז בלייבן פארן צענטער. פאר אירען מוז מען געפינען אן אנדער וווינונג.

סעמיאָן האָט זיך פארטראכט. ס'איז איצט אזוי שווער צו באַקומען א זיכערע דירה. מע וועט דארפן איבעררעדן מיט סעריאָזשען. ער האָט אייניקע פארבינ־דונגען מיט שטאָטישע מענטשן. היינט 'וועט זי נאָך בלייבן ביי לענען.

צומאָרגנס האָט סעמיאָן דורך סעריאָזשען באקומען א זיכערע וווינונג פאר איר. אירע האָט זיך גלייך אהין אריבערגעקליבן. סעמיאָן האָט זי אָנגעהויבן ארייננ־פירן אין דער ארבעט. ער האָט זי איינפאָרמירט וועגן אלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקו־מען די לעצטע חדשים. אויסגערעכנט איר די מענטשן, אויף וועמען מע קאָן זיך פארלאָזן, אָנגערופן ביי די נעמען די מער וויכטיקע טוער. ער האָט איר איבער־געגעבן 'א גענוי בילד דערפון, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט און אין דאָרף, די לאגע פון די באַזונדערע ראַיאָנען.

ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף זיין געשפּרעך מיט וולאַדימירן און דעם חשד, וואָס איז ביי אים פאַרבליבן לגבי אים. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געהאַט אַ קאָנפליקט מיט סעריאָזשען, וועלכער האלט, אז מען קאָן האָבן פולשטענדיקן צוטרוי צו וולאדימירן. ביין, זיין פּאָרגעפיל נארט אים קיינמאָל נישט. ער פילט, אז וולאדימיר איז א פארמאסקירטער שונא. ער האָט אָנגענומען מיטלען. לויט זיין איניציאטיוו איז צונויפגערופן געוואָרן א פארוואלטונג=זיצונג פון דער ט.ב.ש., אויף וועלכער עס איז געוויילט געוואָרן א וויצע=פּאָרזיצער, א מענטש אַ זיכערער, א גוטער פארטיי=חבר. מיט דער צייט וועט מען דארפן וולאדימירן אינגאנצן באזייטיקן.

אירע איז מסכים געווען מיט סעמיאָנען, געהאלטן, אז ער האָט געהאנדלט ריכטיק, און פאַרזיכערט צו נעמען אין אַכט זיינע באמערקונגען. סעמיאָן האָט איר איבערגעגעבן וועגן דער דיסקוסיע ארום סעריאָזשעס אומזיניקן פּאָרשלאג אנצוווענדן טעראָר=מיטלען, וועגן דימיטרים ארויסטרעטונג און נאטאשעס געלונגענע אונטערהאנדלונגען. אירע האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט.

— צי ביסטו זיכער אין סעריאָזשען?

סעמיאָן האָט פארוואונדערט זי אָנגעקוקט.

— וואָס פאר אַ פראגע?

— דאָס איז נישט קיין ענטפער, — האָט זי עקשנותדיק איבערגעחזרט די פראגע — צי ביסטו זיכער אין אים?

סעמיאָן האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— סעריאָזשע איז שוין פינף יאָר אין דער פארטיי. איינער פון די עלטסטע ווייסרוסישע חברים אין קרייז, וועלכע זענען אויף דער פריי. די גאנצע צייט ארבעט ער איבערגעגעבן. ער האָט אַ גרויסן אויטאָריטעט צווישן די חברים. וואָס פאר א פראגע, צי איך האָב צוטרוי צו אים!

אירע האָט אומרואיק געשפאנט איבערן צימער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט הארט לעבן סעמיאָנען.

— סעריאָזשע געפעלט מיר נישט. זיין פּאָרשלאג וועגן אָנווענדן טעראָר. דו זאָגסט, ער איז שוין פינף יאָר אין דער פארטיי. אן עלטערער פארטיי=חבר קאָן נישט מאַכן אזא פּאָרשלאג. דאָס איז א פּראָוואָקאַציע=פּאָרשלאַג. דאָס געפעלט מיר נישט. אויך זיין פארטיידיקן וולאדימירן איז נישט אומזיסט.

סעמיאָן האָט אומצופרידן א מאַך געטאָן מיט דער האנט:

— יעדער איינער פון אונדז קאָן זיך טועה זיין, מאכן מיר דען נישט קיין פעלערן? ער איז ארונטערגעפאלן אונטער טעראָר=שטימונגען. דאָס איז טאַקע געווען א גרויסער פעלער. אָבער צוליב דעם אים חושד זיין, דאָס איז אומזין,

— און מיר דוכט, אַז מיט סעריאָזשען איז נישט אין אָרדענונג. דו האָסט צופיל צוטרוי צו אים. איך באַדויער, וואָס איך האָב זיך אַריינגעקליבן אין דער דאָזיקער דירה. סעריאָזשעס ווייס דעם אַדרעס. דאָס איז נישט גוט.

נאָכן באַקענען זיך מיט דער אַרבעט אין שטאָט, האָט אירע געוואָלט באַזוכן איינעם פון די ראַיאָנען. סעמיאָן איז געווען קעגן דעם, האָט פּרובירט ווירקן אויף איר, אַז זי זאָל זיך פון דעם אָפּזאָגן. אין דאָרף איז איצט זייער געפערלעך, מע קוקט מיט חשד אויף יעדן פרעמדן מענטש, זי וועט זיך וואַרפן גלייך אין די אויגן און קאָן נאָך אַרעסטירט ווערן. דער צענטער וועט זיין קעגן אַזאַ ריזיקע.

אירע האָט זיך אָבער עקשנותדיק געהאַלטן ביי איר׳ס.

— איך נעם איבער די אַרבעט אין אַ פרעמדן קרייז, איך בין נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען, מיר וועט פשוט זיין שווער אָנצופירן מיט דער אַרבעט, נישט זייענדיק פריער אין דאָרף. ס׳וועט אויסקומען די גאַנצע צייט זיך צו פאַרלאָזן אויף אַנדערע, דו ווייסט אַליין, ווי שווער עס איז. כאָטש אויף עטלעכע טעג, און איך וועל אָננעמען אַלע פאָרזיכטס־מיטלען. איך וויל זען מיט מיינע אייגענע אויגן דאָס דאָרף, לעבעדיקע מענטשן.

סעמיאָן האָט נישט ווילנדיק נאָכגעגעבן. ער האָט אויסגעקליבן פאַר איר דעם בעסטן ראַיאָן — נאַטאַשעס. אירע איז אָפּגעפאָרן, אָפּרעדנדיק מיט סעמיאָנען, אַז ער בלייבט נאָך, ביז זי קומט צוריק. זי האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין דאָרף און איז געווען באַגייסטערט פון נאַטאַשען, פון די חברים. זי האָט געזען פאַר זיך דאָס לעבעדיקע דאָרף, די נויטן פון די פויערים, דערקענט זייערע שטימונגען, די ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן. זי האָט גערעדט מיט פיל אומפּאַרטייאישע פויערים. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי שטייט אויף אַן אונטערערדישן ווולקאַן און הערט זיך צו צו די שטורמישע שטויסן, וועלכע קומען פון די טיפענישן. אָט־אָט וועט דער ווולקאַן אויסברעכן מיט אַ געוואַלדיקן כּוח, עס וועט זיך אויסשפרייטן אַ פייערדיקע לאַווינע און פאַרניכטן אַלע שטערונגען אויף זיין וועג.

— נישטאָ מער קיין כּוחות צו וואַרטן, — האָבן פויערים געטענהט, — גיט איבער, אַז מיר זענען גרייט, מיר וואַרטן נאָר אויף אַ באַפעל.

אירע האָט מורא געהאַט פאַר אַ פריצייטיקן, נישט נייטיקן אויסברוך. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די פוילישע קאַפּיטאַליסטישע מאַכט פּראָוואָצירט עקסטרע די פויערים אויף אומבאַרעכנטע שריט, כּדי זיי בלוטיק אונטערצודריקן און איינשטילן. זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט פאַר די פויערים, געראָטן זיי צו זיין פאָרזיכטיק, זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן, ווייל דאָס וועט נאָר זיין צום נוצן פונעם שונא, וועלכער וויל צעגלידערן די באַוועגונג און אַזוי־אַרום זי לייכטער בייקומען.

— ווי לאַנג זשע קאָן מען וואַרטן? — האָבן זיי אומגעדולדיק געפרעגט.

— אונדזער כוח, — האָט זי געענטפערט, — ליגט אין דער אייניקייט פון טאַט פון שטאָט און דאָרף, פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. נאָר אַ געמיינזאַמער אַרויסטריט קאָן פאַרזיכערן און ברענגען נצחון. אונדזער אויפגאַבע איז אָרגאַניזירן און צוגרייטן דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן אַרויסטריט, שאַפן שטאַרקע קאַדרען. די פּאַרטיי הייסט נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן. פּאַסיווקייט איז די גרעסטע געפאַר פאַר דער באַוועגונג. די קאָמפּאַרטיי מאָביליזירט און פירט אָן מיטן טאָגטעגלעכן קאַמף פון די מאַסן. אין טאָגטעגלעכן מאַסנקאַמף, אינעם איינהייטלעכן פראָנט ברייטערן מיר אויס די באַוועגונג און ציען צו אַלץ מער און מער פרישע כוחות, שאַפנדיק די נייטיקע באַדינגונגען פאַרן ענדגילטיקן שטורעם, איינצלנע אויסברוכן פון צאָרן, אָן א ברייטער אונטערשטיצונג פון די מאַסן, זענען לכתחילה פאַראורטיילט אויף א דורכפאַל, ס'וועט קאָסטן בלויז אומזיסט בלוט. מיר מאָביליזירן איצט די מאַסן צום טאָגטעגלעכן קאַמף קעגן שטייערן, קעגן ליציטאַציעס! קעגן דער געוואַלט=קאָמאַסאַציע!* קעגן ליקווידירן די סערוויטוטן! צום קאַמף קעגן די מלחמה=צוגרייטונגען! פאַר פאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד! פאַר באַפרייען די פּאָליטאַרעסטירטע! פאַר דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג ביז צום אָפּטיילן זיך!,

זי האָט לאַנג גערעדט מיט נאַטאַשען, באַוואונדערנדיק דעם געזונטן שכל און פּראַקטישן חוש פון דעם דאָזיקן פּויערישן מיידל. זי האָט זי אינסטרוקטירט, איבערגעגעבן אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק. נאַטאַשע איז נישט מיד געוואָרן הערן, געשלונגען יעדעס וואָרט.

זיי האָבן זיך געזעגנט הארציק, ווי צוויי שוועסטער. אירע איז צוריקגעקומען א פרישע, א באַנייטע, פול מיט דורשט און לוסט צו דער אַרבעט. סעמיאָן האָט זיך געפרייט, זעענדיק, ווי גוט זי פילט זיך. ער האָט זיך געגרייט אָפּצופאָרן. ער האָט איר איבערגעגעבן וועגן די געשעענישן אין איוואַנס ראַיאָן און איוואַנס אָנקומען אין שטאָט. סעמיאָן האָט פאָרגעלייגט באַשטימען איוואַנען אַלס דאָרף=אינסטרוקטאָר ביים קרייז=קאָמיטעט. ער איז אַן אַלטער חבר, א גוטער פּראַקטישער טוער, ער קען אויסגעצייכנט דאָס דאָרף, אירע האָט אים געוואָלט זען. זי האָט מיט אומצופרידנקייט מסכים געווען צו טרעפן זיך מיט סעריאָזשען אויף דער זיצונג פון קרייז=קאָמיטעט. נאָך דער דאָזיקער זיצונג דאַרף סעמיאָן תיכף אָפּפאָרן. דעם זעלבן טאָג האָט זי אויך באַשטימט צו טרעפן זיך מיט איוואַנען.

איוואַן איז געגאַנגען אויפן באַשטימטן טרעפפונקט. ער האָט אָנגענומען אַלע פאָרזיכטס=מיטלען. ווען ער איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָט ער זיך פּלוצלינג באַ=

* איבערפאַרטיילונג פון די ערד=חלקים, בעת וועלכער די אָרעמע און מיטעלע פּויערים האָבן באַקומען דעם ערגסטן, זאַמדיקן באָדן.

געגנגט מיט איינעם, וועלכער האָט זיך געלאָזט גיין שנעל אַראָפּ. ער האָט זיך איינ־געקוקט אין פרעמדן און אויפגעציטערט: „אַ שפּיאָן!" יאָ, דאָס איז דער זעלבער, וועלכן ער האָט דעם ערשטן מאַי געזען אין קלויסטער איבערהוינקען זיך מיט אַ צווייטן שפּיאָן. ער איז געווען זיכער, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ דורכפאַל, אַז די דירה איז פאַרשאָטן. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אויסגעדרייט, געוואָלט אוועק צוריק, נאָר דער פרעמדער איז געשטאַנען אונטן און זיך איינגעקוקט אין אים. מיט אַ שווער און אומרואיק האַרץ האָט ער זיך געלאָזט גיין פאָרויס.

ווען ער איז אַריינגעלאָפן אין צימער, איז ער געבליבן אַ ווײַלע צעמישט, אָנגעקוקט אירען. ניין, דאָ איז אַלץ אין אָרדענונג, נישטאָ קיין פּאָליציי. ער האָט ווי אַ לונאַטיקער געווישט זיך די אויגן, אָבער דאָך — ער האָט דאָך אַליין געזען אַ שפּיאָן.

— חברטע, מיר זענען אַדורכגעפאַלן, דאָס הויז איז באַוואַכט פון שפּיאָנען.

זי האָט דערשטוינט און אַ ביסל דערשראָקן אים אָנגעקוקט.

— ס'קאָן נישט זיין! אַזוי שנעל! דאָס איז אַ נייע דירה, קיינמאָל נישט גע־נוצט געוואָרן, עס קאָן נישט זיין!

— איך האָב אָבער אַליין געזען.

— וואָס האָט איר געזען?

— אויף די טרעפּ האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ שפּיאָן, אַ הויכער, מיט ברוינע האָר, אין אַ בלויען אָנצוג.

אירע האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

— איר האָט זיך טועה געווען, דאָס איז אונדזער אַ פּאַרטיי־חבר.

איוואַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס'קאָן נישט זיין! אויב אַזוי, איז ער אַ פאַלשער... חבר.

אירע האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט איוואַנען. איר חשד קעגן סעריאָזשען האָט ווידער אויפגעלעבט. פון וואַנען האָט זיך ביי איוואַנען גענומען דער גע־דאַנק, אַז סעריאָזשע איז אַ שפּיאָן?

אירע האָט געגלייבט איוואַנען. זי אַליין האָט דאָך אויך נישט קיין צוטרוי צו סעריאָזשען. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין קאָנקרעטע באַווייזן. בלויז אויף חשדים קאָן מען דאָך נישט בויען אַזאַ שרעקלעכע, שווערע באַשולדיקונג אויף אַ חבר.

— אפשר האָט איר אַ טעות? ער האָט זיך געקאָנט איבערהוינקען מיט אַן אַנדער חבר, געבן אים אַ צייכן וועגן דער דעמאָנסטראַציע. דאָס איז נאָך נישט קיין באַווייז: מע דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק אין וואַרפן חשדים אויף עמעצן.

איוואַן האָט געשוויגן. ער איז געווען נישט איבערצייגט. אירע איז גערעכט. ער האָט געקאָנט אַ טעות האָבן. ער האָט באַשלאָסן צו זיין פּאָרזיכטיק, צו האָבן אַן אויג אויף סעריאָזשען.

זיי האָבן זאַכלעך געשמועסט וועגן דער אַרבעט, וואָס שטייט פאַר איוואַנען. ביים געזעגענען זיך האָט ער זי געוואָרנט:

זייט פאָרזיכטיק, חברטע, פאַלט נישט דורך.

מיט אַ שווער געמיט איז אירע געגאַנגען אויף דער לעצטער זעונג מיט סעמיאָנען. אירע האָט אים איבערגעגעבן וועגן דער מערקווירדיקער באַגעגעניש צווישן איוואַנען און סעריאָזשען און איוואַנס חשד. ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט נאָר זי אַליין האָט נישט קיין צוטרוי צו סעריאָזשען. זי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן איר געדאַנק. מע האָט פּלוצלינג אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אין טיר האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּאָליציי־אַגענטן מיט ווישניעווסקין אין דער שפּיץ. סעמיאָן איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו אירען און שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:

— דאָס איז סעריאָזשעס אַרבעט, ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

אירע איז בלאַס געוואָרן און געשוויגן. די רעוויזיע איז געווען אַ קורצע. זי האָט נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. מע האָט זיי געפירט באַזונדער, נישט געגעבן זיי, פאַרשטייט זיך, קיין מעגלעכקייט צוגויפצורעדן זיך.

סעמיאָן האָט זיך באַוועגט שווער, אים האָט נישט אַזוי באַנג געטאָן דער אַרעסט גראָד אינעם טאָג פון זיין אָפּפאָרן, נאָר דער פאַקט, אַז סעריאָזשע איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַז אירע, נישט קענענדיק אים, האָט גלייך דערשפּירט, ווער ער איז, פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי טועה געווען אין אים? איצט איז ער זיכער געווען, אַז סעריאָזשע איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אויסער אים האָט קיינער נישט געוווּסט וועגן דעם איצטיקן צוזאַמענטרעף מיט אירען. דער דאָזיקער אויסוואורף האָט געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט, כדי צו אַרעסטירן ביידע צוזאַמען. צו וויסן געבן דער אָרגאַניזאַציע, דעמאַסקירן אים, פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי אומפאָרזיכטיק? אירע האָט זיך אַזוי געריסן צו דער אַרבעט, איצט וועלן זיי ביידע זיין אין דער תפיסה, אין דער תפיסה אויך באַזונדער...

שווער האָט זיך פאַרשלאָסן הינטער אים די טיר פון דער דעפענסיווע.

דער אָנפאַל אויפן פּאָליצײַ־פּאָסטן

דעם גראַף ליאַכאָווסקיס גרויסער וואַלד איז מיט אײַלעניש און אימפּעט אויסגעהאַקט געוואָרן. האַלב־נאַקעטע מענטשן, פאַרשוויצטע, מיט אָנגעצויגענע מוסקולן, האָבן מיט שאַרפע העק געהאַקט אין די זאַפטיקע שטאַמען פון די ביימער. לאַנגע זעגן האָבן געגלאַנצט אויף דער זון. אַלטע דעמבעס און סאָסנעס זענען מיט שווערע קרעכצן אונטערגעהאַקטע געפאַלן אויף דער ערד. פויערישע קליאַטשעס האָבן געשלעפּט די אָפּגעהאַקטע ביימער צום טייך. דער וואַלד האָט געשטורעמט, געבייזערט זיך און איז אַלץ שיטערער געוואָרן, דעם גראַפס אויפזעער האָבן אָן רחמנות אונטערגעיאָגט די פאַרשוויצטע, אויסגעהונגערטע מענטשן, געדראָט זיי אַרויסצוּוואַרפן פון דער אַרבעט.

מענטשן זענען פון שווערער אַרבעט און שרעקלעכער היץ געפאַלן אין חלשות. מידע, צעבראָכענע, האָבן זיי זיך אין די אָוונטן געשלעפּט אַהיים, אין די דערפער. טייל האָבן זיך געוואָרפן צווישן די אָפּגעהאַקטע ביימער, אונטערגעלייגט זיך צוקאָפּנס עטלעכע צווייגן און אין אָנטאָן אַזוי איינגעשלאָפן. דעם גראַפס אויפזעער זענען געוואָרן אַלץ מער חוצפּהדיק. אָפטמאָל האָט זיך אין דער נאַכט געהערט אין וואַלד פאַרצווייפלטע געשרייען פון פרויען. די אויפזעער האָבן פאַרהאַלטן, כלומרשט אויף ספּעציעלער אַרבעט, די ייִנגערע, שענערע פויערטעס. ווער פון זיי עס האָט זיך קעגנגעשטעלט, האָט געכאַפּט קלעפּ און איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט.

די פאַרביטערונג ביי די וואַלד־אַרבעטער איז אַלץ מער און מער געוואַקסן. די פאַרדינסטן זענען געווען קלאָגעדיקע, גראָשנדיקע. פאַר אַ 12־14־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג — ביז איין זלאָטע. צו דער אַרבעט זענען אָנגעקומען 50 אַרבעטלאָזע אַרבעטער פון שטאָט. זיי האָבן אויפגעשטעלט ביידלעך ,אין וואַלד און דאָרטן געלעבט. די ערשטע צייט האָט צווישן די פויערים און די שטאָטישע אַרבעטער געהערשט אַ פרעמדקייט. איינער האָט דעם צווייטן אויסגעמיטן. נאָר

די געמיינזאמע נויט, שלעכטע באהאנדלונג, די הונגער־לוינען האָבן שנעל דערנענטערט די דאָזיקע גרופּן.

פון דער ערשטער מינוט אָן האָט נאַטאַשע זיך באזונדערס באמיט אָנצובינדן א קאָנטאַקט מיט די וואלד־ארבעטער. זי האָט אהין געשיקט איניקע געטרייע חברים. אין די דערפער איז פארשטארקט געוואָרן די אגיטאציע. ס׳איז געלונגען צו שאפן ארום די איינצלנע קאָמוניסטן אן אומפּארטייאישן אקטיוו. אין די נעכט זענען אָפּגעהאלטן געוואָרן געהיימע פארזאמלונגען. צווישן די ארבעטער איז פארשפּרייט געוואָרן ליטעראטור. ס׳איז אַגיטירט געוואָרן פאר פּראָקלאמירן א שטרייק.

די שטאָטישע ארבעטלאָזע האָבן זיך די ערשטע אָפּגערופן אויפן רוף פון דער קאָמפּארטיי. זיי האָבן גלייך געשאפן א גרופּע, וועלכע האָט צוזאמען מיט די קאָמוניסטן יעדע נאכט אגיטירט פאר א שטרייק. עס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן פאָדערונגען. ארום די פאָדערונגען איז אָנגעגאנגען א לאנגע אויפקלערונגס־ארבעט. די פויערים, באזונדערס די, וועלכע זענען דאָס ערשטע מאָל געווען אויף וואלד־ארבעט, האָבן זיך שווער אָריענטירט אין די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די ארבעטער. מע האָט געדארפט נעמען אין אכט די ספּעציאליטעט פון יעדן איינעם, די וויכטיקייט פון דער ארבעט. ווען די שטימונג פון דער מערהייט איז געוואָרן גינסטיק פאר א שטרייק, האָט די איניציאטיוו־גרופּע אונטער נאטאשעס אָנפירונג צונויפגערופן א פארזאמלונג פון אלע ארבעטער.

שפּעט ביינאכט, שבת אין אָוונט, ווען די אויפזעער האָבן פארלאָזן דעם וואלד, האָבן זיך די ארבעטער פארזאמלט לעבן די ביידלעך פון די ארבעטלאָזע. שייטערהויפנס האָבן באלויכטן דאָס אָרט. א פּאָר הונדערט ארבעטער, שטייענדיק אָדער זיצנדיק אויפן גראָז, האָבן געווארט אויף דער עפענונג פון דער פארזאמלונג. נאטאשע האָט געבראכט מיט זיך עטלעכע פויערים פון די דערפער.

אין נאָמען פון דער איניציאטיוו־גרופּע האָט געעפנט די פארזאמלונג דער אומפּארטייאישער ארבעטלאָזער יאנושעווסקי. ער האָט אין קורצע ווערטער געשילדערט זייער לאגע, די אומענטשלעכע באדינגונגען און גערופן צו א שטרייק. אויפגערעגטע, פארביטערטע, זענען איינער נאָכן אנדערן ארויסגעטראָטן די ארבעטער. זיי האָבן זיך סאָלידאריזירט מיט יאנושעווסקין, ס׳זענען ארויסגעטראָטן איניקע פויערים. אין נאָמען פון דאָרף האָבן זיי פארזיכערט הילף, נישט צו דערלאָזן צו שטרייקברעכעריי.

איינשטימיק זענען אָנגענומען געוואָרן די אויסגעארבעטע פאָדערונגען. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א שטרייק־קאָמיטעט, וועלכער איז באפולמעכטיקט געוואָרן צו פירן אונטערהאנדלונגען און אָנצופירן מיטן שטרייק.

דאָס ערשטע מאָל איז אויסגעקומען נאַטאַשען צו רעדן פֿאַר אַזאַ גרויסן עולם. זי האָט אָנגעהויבן נישט זיכער, געשטאַמלט אַ ביסל. ס'איז געווען זייער שטיל. נאָכדעם איז זי דרייסטער געוואָרן.

זי האָט גערעדט וועגן די אַרבעטס־באַדינגונגען, געשילדערט די נויט אין שטאָט און אין דאָרף. אין איינציקע שטריכן האָט זי געגעבן אַ בילד פֿון גראַף ליאַכאָווסקיס באַציונג צו די פּויערים און באַטראַקעס. עס געפֿינען זיך דאָ אַרבעטער פֿון שטאָט און פּויערים. דאָס איז די פֿאַרבינדונג פֿון שטאָט און דאָרף, צו וואָס עס שטרעבט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

עטלעכע אַרבעטער האָבן אין דער שטיל אונטערגעלייגט צום שייטער לעבן נאַטאַשען צווייגן. דאָס פֿייער האָט זיך פֿריילעך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט, באַלויכטן נאַטאַשעס פּנים. אירע שוואַרצע, נישט געהאָרכזאַמע האָר, האָבן זיך געכוואַליעט אַרום איר קײַלעכיק געזיכט. אירע ברוינע אויגן זענען געווען ברייט צעעפֿנט, אירע ענערגישע האַנט־באַוועגונגען האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט די פֿייער־פֿונקען. זי האָט עלעקטריזירט די צוהערער. די פֿאַרזאַמלטע האָבן געקוקט אויף איר מיט ליבע און אַנטציקונג. זיי זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט איר ענטוזיאַזם און קאַמפֿסגרייטקייט.

איר שילדערונג וועגן די סאָציאַליסטישע נצחונות אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וועגן דאָרטיקן לעבן איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקן אינטערעס. פֿיל זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון זייערע ערטער. עס האָבן זיך דערהערט אויסרופֿן: ווען וועלן מיר זיך שוין נעמען צו מאַכן אַ טאָלק? פֿאַרוואָס דולדן מיר אַזוי לאַנג?

די פֿאַרזאַמלטע האָבן לויט נאַטאַשעס פֿאָרשלאַג איינגעשלאָסן אין דער רעזאָלוציע וועגן פֿאַרטיידיקן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, קעמפֿן פֿאַרן באַפֿרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע און שאַפֿן אַ זעלבשוץ.

די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. לעבן פֿייער איז געזעסן נאַטאַשע און עטלעכע צענדליק פּויערים און אַרבעטלאָזע. זיי האָבן זי באַשאָטן מיט פֿראַגן. די מערהייט וועגן ראַטנפֿאַרבאַנד, וועגן די קאָלווירטן, וועגן דער ליקווידאַציע פֿון דער אַרבעטלאָזיקייט, וועגן דער רויטער אַרמיי. מע האָט זיך לאַנג נאָכגעפֿרעגט אויף וואָראָשילאָוון, אויף בודיאָנין.

נאַטאַשע האָט פֿאַרגעסן אין איר מידקייט. זי האָט געענטפֿערט אויף פֿראַגן און אַליין געפֿרעגט. עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען די פֿאַרזאַמלטע זענען זיך צעגאַנגען.

דער שטרייק איז אויסגעבראָכן אויפֿן צווייטן טאָג. דער עלטסטער אויפֿזעער האָט מיט כּעס צעריסן די פֿאָדערונגען, זיך אָפּגעזאָגט אַפֿילו צו אונטערהאַנדלען, געדראָט צו אַרעסטירן די דעלעגאַטן פֿאַר דער דאָזיקער חוצפּה. די באַוועגונג אין וואַלד איז אָפּגעשטאָרבן. עס זענען פֿאַרשוווּנדן די פּויערישע קליאַ-

טשעם. די העק און זעגן זענען געלעגן אין די כאַטעס. דער גראַף האָט אַרויסגעטריבן די אַרבעטלאָזע פון די ביידלעך. די פויערים האָבן זיי אויף דער צייט פון שטרייק גענומען צו זיך אין די דערפער. פיקעטן האָבן געהיט די וועגן, וואָס פירן צום וואַלד. עס זענען נישט געווען קיין שטרייקברעכער. אַגיטירט דורך דער פּאַרטיי, האָבן די פויערים פון די אַנדערע ראַיאָנען אַרויסגעטריבן ליאַכאָווסקיס אַגענטן, וועלכע זענען געקומען אַהין ווערבירן שטרייקברעכער. דער שטרייק האָט זיך שוין געצויגן דריי וואָכן. יעדן טאָג זענען פאָרגעקומען אַרעסטן. יאַנושעווסקי און נאָך אייניקע מיטגלידער פון שטרייק־קאָמיטעט זענען אַרעסטירט געוואָרן.

נאַטאַשע האָט די גאַנצע צייט איינגעהיט אַ קאָנטאַקט מיט די שטרייקנדיקע, געשיקט מענטשן צום איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען, שמועסן. די פּאָליציי האָט זי ענערגיש געזוכט. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די דערפער. ליאַכאָווסקי האָט געזען די עקשנותדיקע איינגעשפּאַרטקייט פון די שטרייקנדיקע. ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קאָנטראַקט צוצושטעלן דעם פאַרקויפטן געהילץ ביז אָנהייב ווינטער. האָט ער געמוזט ענדלעך איינגיין אויף אונטערהאַנדלונגען. ער איז געצוווּנגען געווען נאָכצוגעבן די מערהייט פאָדערונגען. דער שטרייק איז געוווּנען געוואָרן.

* * *

נאַטאַשע איז אַרעסטירט געוואָרן ביינאַכט אויף איר קאָנספּיראַטיווער וווינונג. מע האָט זי אָפּגעפירט אויפן נאָענטן פּאָליציי־פּאָסטן. די דעפענסיווע האָט זיך איזדיעקעוועט איבער איר. מע האָט זי שווערלעך געפייניקט. זי האָט אָבער געשוויגן. זי האָט עקשנותדיק געשוויגן, ווען מע האָט זי געשלאָגן מיט אַ רימען איבער די נאַקעטע פּיאַטעס, ווען מע האָט איר געגאָסן וואַסער מיט אורין אין דער נאָז, ווען מע האָט איר געריסן די האָר און אויפגעהאָנגען אויף די האָר. נאָר איינמאָל, ווען אַ פּאָליציי־אַגענט האָט בעתן פייניקן זי צו איר אויסגעשריען:

„וואַרט, אינקורצן וועלן מיר זיך נעמען צום ראַטנפאַרבאַנד, מיר וועלן פאַרניכטן די באָלשעוויסטישע נעסט!“

האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און אָפּגעענטפערט:

— איר וועט צעברעכן די קעפּ אין דער שטאָלענער וואַנט פון דער רויטער אַרמיי. זיי וועלן אייך פאַרניכטן, ווי מע פאַרניכטעט שמוציקע מייז!

אויף דער פערטער נאַכט האָט מען איר געבונדן הענט און פיס און אויפגעהאָנגען אויף אַ קלאָץ, שלאָגנדיק בעת מעשה מיט די באַגנעטן איבער דער פּליצע. אַ מוראדיקן ווייטיק האָט זי פלוצלינג דערשפּירט. אַ ביין אין דער זייט האָט מען איר צעבראָכן. זי האָט מער נישט אויסגעהאַלטן, זי האָט זיך מוראדיק צע-

שריען, ווילד, אָפּגעהאַקט. די קלעפּ האָבן נישט אויפגעהערט. דאָס געשריי איז געוואָרן אַלץ מוראדיקער.

דאָס גאָענטע דאָרף האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם דאָזיקן אימהדיקן געשריי. „מע שלאָגט נאַטאַשען". — האָט מען זיך פון מויל צו מויל איבערגעגעבן. פענצטער האָבן זיך אויפגעריסן. ביי פרויען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַלטע פויערים האָבן זיך געצלמט.

גראַסים אין בלויזן העמד און הויזן האָט אַ ווילדער זיך געטראָגן איבערן דאָרף. ער האָט געפיבערט, היסטעריש געשריען:

— פויערים, וואָס שווייגט איר! צי וועט איר לאָזן זי דערהרגענען? צי איז אייך נישט אַ שאָד די חברטע נאַטאַשע? פאַרניכטן דעם דאָזיקן שרעקלעכן גיהנום! לאָמיר זי באַפרייען, אַ סוף מאַכן מיט די דאָזיקע תּלינים!

זיין היסטערישער רוף האָט מיטגעריסן די פויערים.

— באַפרייען נאַטאַשען! אַ טויט דער פּאָליציי!

אין דער נאַכט־פינצטערניש האָט זיך איבערן דאָרף געטראָגן אַ ליידנשאַפטלעכער רוף. פויערים האָבן זיך אייליק באַוואָפנט. גראַסים האָט שנעל פאַנאַנדערגעשיקט רייטער, אַליאַרמירט די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען מענטשן.

ווען גראַסים אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע הונדערט פויערים האָט זיך דערנענטערט צום פּאָליציי־פּאָסטן, וואָס איז געשטאַנען אין עק, אָפּגעזונדערט פון דאָרף, איז דאָרטן געווען שטיל. נאַטאַשע איז געלעגן אין אָנמאַכט.

דער אָנפאַל פון די פויערים איז געווען אַן אומגעריכטער. אויפן פּאָליציי־פּאָסטן האָט מען זיך געכאַפּט ערשט, ווען גראַסים מיט עטלעכע צענדליק פויערים זענען געשטאַנען הארט פאַרן טויער. דריי פּאָליציאַנטן זענען אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן. זיי זענען אין איין אויגנבליק צעטראָטן געוואָרן פון דער מאַסע. קורצע אָפּגעהאַקטע געשרייען. די פויערים האָבן זיך געריסן צום טויער. די פּאָליציי האָט אָבער שוין באַוויזן אים צו פאַרמאַכן און ענטפערן מיט אַ שיסעריי. די פויערים האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, צוריקגעשאָסן פון עטלעכע ביקסן. פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען צו לויפן פויערים, באַוואָפנטע מיט דרענגער און העק.

— גיט אַרויס נאַטאַשען!

פון יענער זייט טויער האָט מען געשוויגן. געשאָסן בלויז אין דער נאַכט־פינצטערניש. די פויערים האָבן פאַרניכטעט אַלע געביידעס אַרום דעם הויז, ווו עס האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט די פּאָליציי. די מענטשן־קייט אַרום איז אַלץ ענגער געוואָרן.

פון דאַך פון פּאָליציי-פּאָסטן האָט אָנגעהויבן אַראָפּצושיסן אַ קוילנוואַרפער. גראַסים האָט פאַרשטאַנען, אַז אַן אָפענע אַטאַקע וועט קאָסטן צופיל קרבנות. ער האָט צוגערופן עטלעכע פויערים און שטילערהייט זיי אָפּגעגעבן באַפעלן. אייניקע האָבן זיך געוואָרפן צו דער נאָענטער סטאָדאָלע און אָנגעהויבן פאַנאַנדערנעמען פון דאָרטן דאָס היי, צעוואָרפן עס אַרום הויז. אין דער דראָענדיקער נאַכטפינצטערניש האָט אַ בליץ געטאָן אַ קליין פייערל, וועלכעס האָט זיך שנעל צעוואַקסן און אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געביידע. די שיסעריי האָט אויפגעהערט. דאָס פייער האָט באַלויכטן די גאַנצע געגנט, די הונדערטער פאַרזאַמלטע פויערים, באַוואָפנטע מיט דרענגער און העק. אַ נצחונדיקער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן ביים המון.

— אַטאַקירן דאָס הויז!

די פויערים האָבן זיך געוואָרפן אויפן פּאָליציי-פּאָסטן.

פלוצלינג האָט זיך מיט אימפּעט געעפנט דאָס טויער, אָפּגעשטויסן די אַטאַקירנדיקע. אַ קורצע שנעלע שיסעריי, און דריי רייטער האָבן זיך אַריינגעריסן אין המון. פון אומגעריכטקייט זענען די פויערים אַ ביסל צוריקגעטראָטן. דאָס האָבן אויסגענוצט די רייטער-פּאָליציאַנטן. גלייך נאָך זיי האָט זיך באַוויזן אַ געשפּאַנטע אין צוויי פערד ברישקע. אויף איר איז געלעגן אַ געבונדענע נאַטאַשע. דער קאָמענדאַנט איז געשטאַנען ביים קוילנוואַרפער, געשאָסן אין המון.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אַז איידער די פויערים האָבן באַוויזן צו קומען צו זיך, זענען שוין די רייטער און די ברישקע געווען גאָר ווייט; זיי האָבן זיך געטראָגן אין ווילדן גאַלאָפּ צו דער שטאָט. אויף דער ערד לעבן די דריי געהרגעטע פּאָליציאַנטן זענען געלעגן עטלעכע דערהרגעטע און פאַרווונדעטע פויערים.

גראַסים האָט פון כעס און ווייטיק געריסן זיך די האָר. זיי האָבן אַוועקגעפירט נאַטאַשען. עס איז נישט געלונגען זי צו באַפרייען. דער פּאָליציי-פּאָסטן האָט געברענט פון אַלע זייטן. אין פייער איז אומגעקומען נאַרקע און נאָך צוויי פּאָליציאַנטן.

עס האָט שוין געטאָגט, ווען די פויערים האָבן שטיל פאַרלאָזן די טליענדיקע האָלעוועשקעס פון פּאָליציי-פּאָסטן. די פויערים זענען זיך שנעל צעגאַנגען, מיטנעמענדיק מיט זיך די פאַרווונדעטע.

דער שטאַנד־געריכט

דער באַוואָפנטער איבערפאַל אויפן פּאָליציי־פּאָסטן האָט אויפגערודערט די מאַכט. זי האָט באַשלאָסן אָנצוגעמען די סאַמע גרויזאַמסטע מיטלען, אָנלערנען די פּויערים, זיי זאָלן נישט וואַגן נאָכאַמאָל אָנצופאַלן אויף אַ רעגירונגס־געביידע. אויף דער צווייטער נאַכט איז אַראָפּגעקומען אין די דערפער אַ שטראָף־עקספּעדיציע.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך ווילד געוואָרפן אויף די פּויערים. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין די הייזער, געשלאָגן יונג און אַלט, איזדיעקעוועט זיך איבער מענער און פרויען, פאַרניכטעט דאָס פּויערישע גוטס. דריי טעג איז אָנגעגאַנגען די ווילדע אָרגיע. עס איז נישט געווען קיין כאַטע, ווו עס זאָל נישט ליגן עמעצער אַ צעקאַליעטשעטער, אַ צעממיתטער פון דער פּאָליציי.

פון דאָרף צו דאָרף האָבן זיך געטראָגן די מוראדיקע געשרייען פון די געפּייניקטע. די נעכט זענען געווען אָנגעפילט מיט אימה און פחד. פיל פּויערים האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער. נאָך דריי טעג ווילדעווען איז די שטראָף־עקספּעדיציע צוריקגעפאָרן אין שטאָט, מיטנעמענדיק מיט זיך 21 אַרעסטירטע פּויערים, אויף וועמען די פּאָליציי־שפּיאָנען האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי זענען געווען די אָנפירער פון איבערפאַל. געראַסימען איז געלונגען צו אַנטלויפן.

אין דער דעפענסיווע האָט מען די אַרעסטירטע שרעקלעך געפּייניקט, געצווונגען זיי אונטערצושרייבן פרעמדע פּראָטאָקאָלן. אייניקע האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זיך אַליין פאַרשאָטן, אַרויסגעבנדיק אַנדערע. נאָר נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען פון דער דעפענסיווע, איז איר נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען פון די אַרעסטירטע דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט.

די דעפענסיווע האָט גלייך פון אָנהייב געוואָלט צוגעבן די געשעענישן דעם כאַראַקטער פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וואָס איז כלומרשט אָרגאַניזירט געוואָרן פון דער קאָמפּאַרטיי. אַלע אַרעסטירטע האָבן דאָס קאַטעגאָריש געלייקנט און דערקלערט, אַז די פּאַרטיי האָט נישט גערופן צו קיין באַוואָפנטן אויפשטאַנד,

אַז דאָס איז געווען אַ סטיכישער אויפברויז. די דעפּענסיווע איז געווען אומצופרידן. פאַר יעדן פּרייז מוז מען דאָס צושרייבן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דערצו מוז מען צוטשעפּען צום פּראָצעס אַ באַוווסטן קאָמוניסט. נאָר וועמען? פון סעריאָזשען האָט דער דעפּענסיווע־שעף ווישניעווסקי זיך דערוווסט, אַז אירע איז פאַרן אַרעסט געווען אין דער דאָזיקער געגנט, איר דאַרף מען עס באַשולדיקן, אַז זי האָט צוגעגרייט אַ קאָמוניסטישן אויפשטאַנד.

אירע האָט מען געבראַכט אין דער דעפּענסיווע אויף אַ נייער אויספאָרשונג. די טעג, וואָס זי האָט זיך געפונען אין דער פּאָליציי, זענען געווען פול מיט ווילדן קאָשמאַר און גרויל.

זי איז שעהנוויז געהאָנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ, מען האָט איר געגאָסן אין די נאָזלעכער פלעשער מיט עסיק. זי האָט זיך אָבער געהאַלטן אומגעבראָכן — זי האָט געשוויגן. אירע האָט געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן איר, אַז זי וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן. עס האָט איר געמאַטערט דער געדאַנק, אַז זי וועט נישט קאָנען ביזן סוף אויסהאַלטן די פּייניקונגען.

זי האָט געפּרוּווט אַנטלויפן פון דער דעפּענסיווע.

ווען מע האָט זי געפירט פון עקזעקוציע־צימער צוריק צו דער אויספאָרשונג, האָט זי זיך אַרויסגעריסן אויף דער גאַס און געלאָזט זיך לויפן. זי האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַן אומזין, אַז אַנטלויפן איז אוממעגלעך, נאָר זי האָט עס געטאָן בכיוון. זי האָט געהאָפט, אַז די אַגענטן וועלן איר נאָכשיסן. זיי האָבן אָבער נישט געשאָסן. זי איז נייטיק געווען אַ לעבעדיקע. זיי האָבן זי געכאַפּט און ווידער געפייניקט.

אירע האָט געוווסט, אַז זי באַגייט אַ פעלער, אַז דאָס איז פּשוט אַ פּרוּוו צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער איר צושטאַנד איז דעמלט געווען אַזאַ, אַז זי האָט געגאַרט בלויז איינס: ס'זאָל נעמען אַ סוף. זי האָט געוואָלט שטאַרבן.

שטאַרבן האָט מען זי נישט געלאָזט. אָבער אפילו די דאָזיקע איבערמענטשלעכע יסורים האָבן איר צונג נישט צעבונדן. די דעפּענסיווע האָט גאָרנישט דערגרייכט. מע האָט זי אַוועקגעלייגט אין שפּיטאָל, אַהין האָט מען איר אין קורצן געבראַכט אַ מעלדונג, אַז זי ווערט געשטעלט פאַר אַ שטאַנד־געריכט צוזאַמען מיט אַרעסטירטע פויערים.

דאָס געריכט איז פאָרגעקומען זייער שנעל. די געביידע איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע פּאָליציי־אָפּטיילן. ווען מ'האָט זי אַרייַנגעפירט אינעם געריכט־זאַל, האָט זי דערזען פאַרזאַמלטע מענטשן — קאָרעספּאָנדענטן פון אויסלענדישע און פּוילישע צייטונגען. עס האָט דאָ געהערשט אַ טויטע שטילקייט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן. די פאַשיסטישע יוסטיץ גרייט צו אַ פייערלעכע פאָרשטעלונג. זיין רואיק. אויסהאַלטן. צעשטערן די דאָזיקע שענדלעכע קאָמעדיע. זי האָט

צוזאַמענגעגומען איר גאַנצע ענערגיע. מע האָט זי אָוועקגעזעצט אויבנאָן, פאַר־אויס פון אַלע באַשולדיקטע. איין שטאַטיש מיידל, אַ יידישע, צווישן 21 פויערים. זי דאַרף עס פאַרשטעלן די קאָמפּאַרטיי, וואָס רופט די פויערים צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אַזוי ווילן די פּאַשיסטישע רעזשיסאָרן. ס'איז אַ כוחות־פּאַרמעסט. יאָ, זי איז גרייט!

אירע גליענדיקע גרינע אויגן, איר לענגלעך געזיכט, אויף וועלכן ס'זענען נאָך געווען שטאַרקע סימנים פון קלעפּ, איר גאַנצע פיגור, אַ ביסל אָנגעבויגן אין אַ זייט, האָט געאָטעמט מיט דעצידירטקייט און ווילן. די אַדוואָקאַטן האָבן פריינדלעך געשמייכלט צו איר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. אירע, אַלס די הויפּט־באַשולדיקטע, איז אויסגעפרעגט געוואָרן די ערשטע. צוערשט — פאָרמאַליטעטן. זי האָט גע־ענטפערט קורץ:

— רעליגיע? — לאָז.

— אייער נאָמען, וואָס איר גיט אָן, איז אַ פאַלשער.

— דאָס איז מיין ריכטיקער נאָמען.

— אָבער אייער פּאַס איז אַ פאַלשער, אין ערגעץ נישט אַרויסגעגעבן.

— דער פּאַס איז טאַקע אַ פאַלשער, נאָר דאָס איז מיין ריכטיקע פאַמיליע.

— איר ווילט, הייסט עס, נישט זאָגן אייער ריכטיקן נאָמען?

אַ שטילשווייגן.

— צי געהערט איר צו דער קאָמפּאַרטיי?

— יאָ, — האָט זיך געהערט איר רואיקע, זיכערע שטים.

דער פּראָקוראָר און פאָרזיצער האָבן אויפגעלעבט.

— איר זייט אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי?

— אָ, ניין, איך האָב נישט דעם דאָזיקן כבוד.

— אייך איז, נאַטירלעך, באַוווסט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַר־באָטן.

— יאָ.

— אַז פאַרן געהערן צו דער קאָמפּאַרטיי ווערט מען באַשטראָפט לויטן גע־זעץ.

— איך אָנערקען נישט דעם דאָזיקן געזעץ, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן פון די שונאים פון אַרבעטער־קלאַס.

— וואָס פאַר אַ טעטיקייט האָט איר געפירט אין דער קאָמפּאַרטיי?

— איך זאָג זיך אָפּ צו געבן ענטפערס וועגן אינערלעכע פּאַרטיי־ענינים.

— צי זייט איר געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין ב—ער ראַיאָן?

— יאָ.

— וואָס האָט איר דאָרט געטאָן?
— כ'בין געקומען מיט אַ פּאַרטיי־שליחות.
— ציִ האָט איר געגעבן דירעקטיוון די פויערים איבערצוגייִן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד?
אַלע אין זאַל האָבן ווי פאַרהאַלטן דעם אָטעם. די קאָרעספּאָנדענטן, אָנגעשטרענגט, האַלטן גרייט זייערע פעדערס, כדי שנעל צו פאַרנאָטירן איר יעדעס וואָרט.
— ניין, — איר שטים קלינגט קלאָר און שטאַרק. — ניין. איך האָב נישט געקאָנט געבן אַזאַ דירעקטיוו. דאָס וואָלט געהייסן גיין קעגן דער פּאַרטיי־ליניע. די פּאַרטיי איז קעגן רופן אין איצטיקן מאָמענט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.
עס הייבט זיך אויף דער פּראָקוראָר.
— די באַשולדיקטע זאָגט נישט דעם אמת. אין דעם קאָמוניסטישן פּראָגראַם שטייט בפירוש געשריבן, אַז די קאָמוניסטן זענען פאַר אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.
דער פּראָקוראָר קוקט טריומפירנדיק איבערן זאַל. אירע קוקט אים אָן רויִק, מיט פאַראַכטונג.
— איך וואָלט געראָטן דעם הער פּראָקוראָר בעסער דורכצולייענען, וואָס עס שטייט געשריבן אין אונדזער פּראָגראַם. דער פּראָקוראָר האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געלייענט. — דער פּראָקוראָר ווערט רויט פאַר רציחה.
— ס'איז אמת, אַז די קאָמפּאַרטיי אָנערקענט אין באַשטימטע באַדינגונגען דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אַלס מיטל אַראָפּצווואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און די פּריצים, כדי צו שאַפן אַן אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג, כדי איינצושטעלן די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע. נאָר אין דעם פּראָגראַם שטייט בפירוש געשריבן, וואָס דער הער פּראָקוראָר האָט אין זיין אייפער פאַרגעסן, ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען די קאָמפּאַרטיי רופט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אין דעם קאָמוניסטישן פּראָגראַם שטייט נישט, אַז מיר רופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין איין דאָרף, אין איין ראַיאָן. דאָס איז קעגן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דאָס וואָלט נאָר געווען אין די אינטערעסן פון די הערן פּראָקוראָרן און דער רעגירונג. מיין פּאַרטיי וואָרנט דעריבער די מאַסן קעגן פּריצייטיקע באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען, הער פּראָקוראָר.
דער פּראָקוראָר איז אומצופרידן, וואָס מע לאָזט זי אַזוי לאַנג רעדן. דער פּאָרזיצער איז אייַנגערעגט: אירע רייד שעדיקן דעם פאַרטראַכטן גאַנג פון פּראָצעס.
די אַדוואָקאַטן שמייכלען.

— מיר האָבן אָבער ידיעות, אַז איר האָט יאָ גערופן צו אַ באַוואָפנטן אויפ־שטאַנד.

— דאָס זענען נידערטרעכטיקע ליגנס! — שרייט זי אויס אַן אויפגערעג־טע, — דאָס זענען געמיינע דעפענסיווע־אינסינואַציעס!

דער פּאָרזיצער קלינגט נאָך מער אויפגערעגט:

—איך וועל נישט דערלויבן אַזעלכע באַליידיקנדיקע אויסדרוקן אויף די רעגירונגס־באַאַמטע.

— קוקט אויף מיין פּנים, — אירע שפּרייט אויס אירע הענט צום זאַל, — אַט זעען זיך נאָך סימנים פון די שרעקלעכע פּייניקונגען. מע האָט מיך געבראַכט אין געריכטס־זאַל פון שפּיטאָל. די דעפענסיווע־תליינים האָבן מיך געוואָלט צווינ־גען דורך פּייניקונגען אונטערצושרייבן אַ פאַלשן פּראָטאָקאָל. — אירעס אויגן ברענען פון צאָרן, איר גאַנצע פיגור, אַן אָנגעשטרענגטע, ציטערט פון אויפרע־גונג.

דער פּאָרזיצער פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט. ער האַלט אין איין קלינגען.

— אויב איר וועט זיך ווייטער אַזוי אויסדריקן, נעם איך ביי אייך צו דאָס וואָרט.

עס הייבט זיך אויף אַן אַדוואָקאַט. ער וויל שטעלן אַ פראַגע דער באַשול־דיקטער. דער פּאָרזיצער דערלויבט.

— וואָס פאַר אַן אויפגאַבן שטעלט פאַר זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי היינטצוטאָג.

— אָרגאַניזירן די מאַסן צום קאַמף פאַר זייערע לעבנס־פאָדערונגען, פאַר זייערע טאָגטעגלעכע נויטן, שאַפן אַ ברייטע מאַסן־באַוועגונג, צעמענטירן דעם אייניהייטלעכן פראָנט, באַקעמפן דעם פאַשיסטישן טעראָר, קאַמף קעגן פאַשיזם און מלחמה־געפאַר, פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, — איר שטים איז רואיק און זיכער.

— צי אָנערקענט די קאָמפּאַרטיי אינדיווידועלן טעראָר? — פרעגט דער אַדוואָקאַט.

— ניין. די קאָמוניסטן האָבן שטענדיק באַקעמפט איגדיווידועלן טעראָר, ווייל ער שטערט דעם מאַסן־קאַמף. מיר זענען נישט קיין סעקטע פאַרשווערער, מיר זענען אַ מאַסן־פּאַרטיי.

דער אַדוואָקאַט פרעגט ווידער:

— ווער, לויט אייער מיינונג, האָט אָרגאַניזירט דעם איבערפאַל אויפן פּאָ־ליציי־פּאָסטן?

— נאָך מיין מיינונג, האָט דעם דאָזיקן איבערפאַל אַרויסגערופן די פּראָוואָ־קאַציע פון דער פּאָליציי, דאָס איזדעקעווען זיך איבער דער באַפעלקערונג, די

שטייערן־עקזעקוציעס, דאָס אוממענטשלעכע פּייניקן די אַרעסטירטע. דאָס איז געווען אַ סטיכישער אויסברוך פון פאַרצווייפלונג קעגן דער פאַרהאַסטער פּאָליציי.

דער פאָרזיצער גיט בײַ איר צו דאָס וואָרט. אירע פילט, אַז זי האָט די ערשטע אַטאַקע אָפּגעשלאָגן און איז אַרויס אַ זיגערין. די פּנימער פון די אַדוואָקאַטן און אַ טייל קאָרעספּאָנדענטן שמייכלען צו איר, באַוווּנדערן איר דרייסטקייט.

ס'הייבט זיך אָן די אויספאָרשונג פון די איבעריקע באַשולדיקטע. אַלע באַמיוגען פון פּראָקוראָר און פאָרזיצער אַרויסצובאַקומען פון זיי ענטפערס לטובת דער באַשולדיקונג ענדיקן זיך מיט אַ דורכפאַל. עס העלפט נישט דער דראָענדיקער טאָן פון פאָרזיצער.

אויף דער פראַגע, צי די באַשולדיקטע קענען אירען, ענטפערן אַלע — ניין. זיי זעען זי הײַנט דאָס ערשטע מאָל. אויף דער פראַגע, צי האָט די קאָמפּאַרטיי גערופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, ענטפערן די פּויערים מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין. אייניקע לייקענען אָפּ זייער אָנפאַל אויפן פּאָליציי־פּאָסטן, ציִען צוריק די דערקלערונגען, וועלכע זיי האָבן געגעבן אין דער דעפענסיווע. דאָס האָט מען דורך פּייניקונגען געצוווּנגען זיי אונטערצושרייבן אַ פאַלשן פּראָטאָקאָל. אייניקע אָנערקענען, אַז זיי האָבן אָנטייל גענומען אין איבערפאַל. ווער האָט גערופן צום איבערפאַל? זיי ווייסן נישט ווער. עס האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג. אַלע זענען געגאַנגען, זענען זיי אויך געגאַנגען.

די איינציקע האָפענונג פאַרן פּראָקוראָר בלייבט דאָס עדות זאָגן מצד דער באַשולדיקונג. דאָס זענען אייגענע מענטשן, פּאָליציי און דעפענסיווע־אַגענטן. זיי וועלן זאָגן דאָס, וואָס דער פּראָקוראָר וויל. ער וועט זיינס אויספירן.

אויפן צווייטן טאָג פון פּראָצעס הייבט זיך אָן דער פאַרהער פון די עדות מצד דער באַשולדיקונג. דער ערשטער ווערט אַרויסגערופן דער קאָמיסאַר ווישניעווסקי. ווי ער באַווייזט זיך נאָר אין זאַל, הייבט זיך אירע אויפגערעגט אויף פון איר אָרט. אויך די איבעריקע אַרעסטירטע שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער.

— מערדער! תלין! — באַגעגענען אים די אַרעסטירטע מיט אויסגעשרייען.

אין זאַל איז אַן אומבאַשרייבלעכער טומל. אייניקע פרויען פון די באַשולדיקטע צעוויינען זיך היסטעריש. דער פאָרזיצער קלינגט אויפגערעגט. עס לויפט אַריין פּאָליציי. נאָר די אַרעסטירטע קאָנען זיך נישט באַרואיקן. איין פּויער רייסט אַראָפּ דאָס העמד פון זיך און דרייט זיך אוים מיט דער פּלייצע צום זאַל. צוויי טיפע, בלוטיקע וווּנדן, אָן אַ צאָל בלויע, געשוואָלענע פּאַסן אויפן לייב. די גאַנצע פּלייצע איז איין שרעקלעכע ווּנד. די אַדוואָקאַטן און קאָרעספּאָנדענטן קוקן מיט

שרעק אויפן דאָזיקן בילד. דער פּראָקוראָר איז בלייך. ווישניעווסקי שטייט צע־טומלט, נישט ווִיסנדיק ווו די אויגן צו ווענדן.

אירע שפּרינגט אַרויף אויף אַ שטול.

— פאַר דער גאַנצער עפנטלעכקייט, פאַר דער פּוילישער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט דערקלער איך, אַז אין די פּוילישע דעפענסיווּעס פייניקט מען, מאַכט מען מענטשן פאַר קאַליקעס. דער דאָזיקער אויסוואורף האָט מיט זיינע אייגענע הענט מיך געפייניקט. דאָס פאַשיסטישע קלאַסן־געריכט שטיצט זיך אויף טעראָר און אינקוויזיציע.

זי באַווייזט נישט צו ענדיקן. גראָבע פּאָליציייאישע הענט שלעפּן זי אַראָפּ פון שטול. די באַשולדיקטע ווערן אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרשטאַרקטן פּאָליציי־פּאַטרול.

דער פאָרזיצער קומט צו זיך.

— פאַר שטערן די רו און באַליידיקן די מאַכט ווערן אַלע אַרעסטירטע באַזייטיקט פון דער היינטיקער געריכטס־זיצונג. אַרויספירן זיי פון זאַל!

מיט געוואַלט ווערן די אַרעסטירטע אַרויסגעשלעפּט פון געריכט און צוריק אָפּגעפירט אין תּפיסה. איצט וועט מען שוין אומגעשטערט פירן די ווייטערדיקע געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. די אָנוועזנדיקע אין זאַל קוקן נאָך אַלץ אויף די ליידיקע בענק פון די באַשולדיקטע, ווי זיי וואָלטן געוואַרט, אַז אָט וועלן זיי זיך ווידער באַווייזן.

מיט מיליטערישן טראָט, ווייליונגעריש, דערגענטערט זיך ווישניעווסקי צום געריכטס־טיש. ער גיט אָפּ אַ שבועה, אַז ער וועט זאָגן בלויז דעם אמת. ער דער־ציילט, אַז ער האָט שוין לאַנג נאָכגעפאָרשט די הויפּט־באַשולדיקטע. די פרוי איז אַן אַלטע קאָמוניסטישע טוערין. נישט איין מאָל שוין געזעסן אין תּפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. ער האָט גענויע ידיעות, אַז דער אָנפאַל אויפן פּאָליציי־פּאָסטן איז געווען אָרגאַניזירט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אירע האָט גערופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. ער גיט איבער אויספירלעך וועגן דער טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין היגן קרייז. דער פאָרזיצער און פּראָקוראָר טריומפירן. די באַשולדיקונג האָט באַקומען אַ פולע באַשטעטיקונג.

די אַדוואָקאַטן נעמען דעם קאָמיסאַר אויף אַ קרייץ־פאַרהער. ווישניעווסקי ווערט מיד, הייבט זיך אָן צו פּלאָנטערן, עס פאַרשווינדט זיין בראַווקייט און זי־כערקייט. די אַדוואָקאַטן זענען געניטע. ווישניעווסקי הייבט אָן ענטפערן פאַרזיכ־טיק, לאַנגזאַם, ציילנדיק די ווערטער. דער פּראָקוראָר גיט אים צו מוט, נאָר די אַדוואָקאַטן זענען אָן רחמנות. זיי ווילן וויסן גענוי, פון וואַנען האָט דער קאָמי־סאַר ידיעות, אַז די באַשולדיקטע האָט גערופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אַלע

באַשולדיקטע לייקענען דאָך קאַטעגאָריש. ווישניעווסקי האָט דאָך נישט געהערט רופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

— ניין, איך אַליין האָב דאָס נישט געהערט, נאָר איך האָב באַקומען גענויע ידיעות פון באַגלויבטע קאָנפידענציעלע קוועלן.

— רופט אָן די דאָזיקע קוועלן.

— איך קאָן דאָס נישט טאָן. דאָס זענען שטרענג פאַרטרויליכע ידיעות. מיר איז נישט דערלויבט אָנצורופן קיין נעמען

דער אַדוואָקאַט ווענדט זיך אויפגערעגט צום געריכט:

— חשובער געריכט, איך בין געצוווּנגען פעסטצושטעלן, אַז דער גאַנצער באַשולדיקונגס-אַקט שטיצט זיך נישט אויף קיין שום באַווייז. די פּאָליציי זאָגט זיך אַפילו אָפּ אָנצורופן די נעמען פון די פּראָוואָקאַטאָרן. נישטאָ קיין באַווייז, וואָס זאָל באַשטעטיקן די באַשולדיקונג. לויט דער קאָנסטיטוציע קאָן נישט דאָס געריכט שטיצן זיך אויף געהיימע קוועלן. עס מוזן זיין עדות, וואָס האָבן געזען און געהערט און וועלכע זאָלן דאָס באַשטעטיקן. אַזעלכע זענען נישט פאַראַן.

ווישניעווסקי, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, זעצט זיך ענדלעך אַוועק. די איבעריקע פּאָליציי-עדות טרעטן אַרויס שטאַרק קעגן די באַשולדיקטע פועלים. זיי דערציילן, אַז זיי האָבן זיי אַליין געזען בעתן אָנפאַל. וועגן אירען שווייגן זיי. זיי האָבן זי נישט געזען. עטלעכע פּאָליציי-אַגענטן חזרן איבער ווישניעווסקיס רייד. דער עדות-פאַרהער איז פאַרענדיקט.

די אַדוואָקאַטן פאָדערן אַרויסרופן נאָכאַמאָל אַלס עדות ווישניעווסקין. דער פּראָקוראָר איז קעגן. די אַדוואָקאַטן פאַררופן זיך אויפן געזעץ. דאָס געריכט איז געצוווּנגען מסכים צו זיין. ווישניעווסקי ווערט נאָכאַמאָל אַרויסגערופן. אַן אַדוואָקאַט שטעלט פראַגן:

— האָט מען אין דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי געפּייניקט די אַרעסטירטע?

ווישניעווסקי קוקט מיט רציחה אויפן אַדוואָקאַט און ענטפערט חוצפּהדיק:

— ניין. אין דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי שלאָגט מען נישט.

— וואָס באַדייטן די בלויע צייכנס אויפן געזיכט פון דער באַשולדיקטער?

— דאָס האָט זי זיך אַליין צעדראַפּעט דאָס געזיכט, כדי צו קאָנען באַשולדיקן די פּאָליציי.

דער דאָזיקער פרעכער ענטפער רופט אַרויס אויפרעגונג און חוזק אין זאַל.

— און וואָס באַדייטן די שרעקלעכע וווּנדן אויף דער פּלייצע פון איינעם פון די באַשולדיקטע?

— ער האָט זיך מסתמא געשלאָגן מיט אַ צווייטן אַרעסטירטן...

דער זאַל שטורעמט אויף. ווישניעווסקי איז בלאַס.

דער אַדוואָקאַט פּאָדערט אַ מעדיציניש אונטערזוכונג פון אַלע אַרעסטירטע. דאָס געריכט, נאָך אַ קורצער באַראַטונג, וואַרפט אָפּ די פאָדערונגען פון אַדוואָקאַט. אַלע אַדוואָקאַטן גיבן איבער דעם פאָרזיצער אַ שריפטלעכן פּראָטעסט.

צומאָרגנס האָט מען אַלע אַרעסטירטע צוריק געבראַכט אין געריכט.

עס רעדט דער פּראָקוראָר. ער רעדט לאַנג און מיט פּאַטאָס. ער רעדט וועגן דער קאָמוניסטישער געפאַר, וועגן די פאַרברעכנס קעגן דער פּוילישער מלוכה, וואָס קומען פאָר יעדן טאָג אין מערב=ווייסרוסלאַנד, באַפאַלט שטאַרק דעם ראַטנפאַרבאַנד. לויט זיין מיינונג, איז פּוילן אַ גן=עדן, נאָר די קאָמוניסטן שטערן דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן. ער האַלט, אַז עס איז דערוויזן געוואָרן די אָרגאַניזאַטאָרישע, אָנפירנדיקע ראָל פון דער קאָמפּאַרטיי אינעם דאָזיקן אָנפאַל אויפן פּאָליציי=פּאָסטן, אַז ס'איז דערוויזן געוואָרן דער אָנפירנדיקער אָנטייל אין די דאָזיקע געשעענישן פון דער באַשולדיקטער. זי האָט געהעצט די פּויערים. ער באַמיט זיך צו שילדערן אַ גרויזאַם בילד פון נקמה פון די פּויערים איבער דער פּאָליציי. ער פאַרענדיקט זיין רעדע מיט אַ הייסער ווענדונג.

— הויכער געריכט, פּוילן איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים. איר געפערלעכסטער שונא איז דער קאָמוניזם. די דאָזיקע מגפה איז טיף אַריינגעדרונגען אין פּוילישן אָרגאַניזם. מע מוז זי מיט פייער אויסברענען. דאָס דאַרף איז אומרואיק. די פּויערים, געהעצט פון די קאָמוניסטן, זענען באַפאַלן אַ פּאָליציי=פּאָסטן. מאָרגן וועלן זיי באַפאַלן די שטעט. מיר אַלע געדענקען נאָך גוט די געשעענישן פון ערשטן מאַי. עס מוז נעמען אַ סוף צו דער דאָזיקער שרעקלעכער געפאַר. פּוילנס גאַנצקייט איז אין סכנה. אין נאָמען פון פּוילנס זיכערקייט פּאָדער איך אָנצווענדן מיט דער גאַנצער האַרבקייט דאָס געזעץ. עס קאָן נישט זיין קיין רחמנות. מע טאָר נישט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט. דער דאָזיקער פּראָצעס דאַרף זיין אַ לערע און אַ וואָרענונג פאַר אַלע, וואָס בונטעווען. איך פּאָדער טויט=שטראָף פאַר אַלע באַשולדיקטע.

אין זאַל איז טויט=שטיל. יעדער פילט, ווי די פליגל פון טויט שפּרייטן זיך דאָ אויס. מענטשן וואַרפן אַ פאָרזיכטיקן בליק אויף די באַשולדקטע. זיי זיצן רואיק. אירעם געזיכט איז ווי אויסגעהאַקט פון שטיין. די וואַר=פּאָליציאַנטן, מיט בלישטשענדיקע באַגנעטן, שטייען אויסגעצויגן, ווי סטרונעס.

עס רעדן די אַדוואָקטן. יעדער פאַרטיידיקט זיין באַשולדיקטן. אייניקע וואַרפן אָפּ אינגאַנצן די באַשולדיקונג. אַנדערע בעטן מילדערע שטראָפן, בעטן, אַז דאָס געריכט זאָל נעמען אין אַכט די באַדינגונגען, ביי וועלכע ס'זענען פאָרגעקומען די געשעענישן. עס רעדט אירעס פאַרטיידיקער. ער צעקלאַפּט די „אַרגומענטן" פון פּראָקוראָר און באַווייזט, אַז ס'זענען נישטאָ קיין שום באַווייזן צו שטעלן אירען אונטער אַ שטאַנד=געריכט. ער פּאָדערט איבערצוגעבן די באַשול=

דיקטע צו אַ געוויינלעכן געריכט. דאָס שטאַנד=געריכט האָט נישט קיין רעכט זי צו משפּטן.

דער פּאָרזיצער פרעגט די באַשולדיקטע, צי זיי ווילן זיך באַנוצן מיט זייער „לעצט וואָרט“. זיי זאָגן זיך אָפּ. זיי זענען מסכּים מיט די רעדעס פון זייערע אַדוואָקאַטן. ער ווענדעט זיך צו אירען. זי וועט זיך באַנוצן מיט איר רעכט. דער גאַנצער זאַל קערט זיך אום צו איר. וואָס וועט זאָגן די דאָזיקע פרוי, פאַר וועלכער דער פּראָקוראָר פאָדערט טויט=שטראָף? אירע האָט זיך דעם לעצטן טאָג, זיצנדיק אין קאַרצער, געגרייט צו איר לעצט וואָרט. זי האָט אַנאַליזירט דעם גאַנג פון פּראָצעס, זיין פּאָליטישע באַדייטונג. זי האָט געוווסט, אַז צו איר לעצט וואָרט וועלן מיט אומגעדולד זיך צוהערן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און פּויערים.

— איך וועל נישט רעדן וועגן דער פאָרמעלער זייט פון פּראָצעס, — האָט זי אָנגעהויבן, — דאָס האָט געטאָן בעסער פאַר מיר מיין אַדוואָקאַט. איך וועל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף אייניקע פּאָליטישע מאָמענטן, וועלכע זענען באַרירט געוואָרן אויפן דאָזיקן פּראָצעס, וועלכע האָבן, בלי ספק, מער ווי אַ לאָקאַלע באַדייטונג. איך וואָלט קודם=כּל געוואָלט קלאָר מאַכן מיין שטעלונג און, ווי איך רעכן, — אויך די שטעלונג פון דער קאָמפּאַרטיי צו די געשעענישן אויפן פּאָליציי=פּאָסטן. איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל זיך שאַפן אַ מיינונג, אַז איך גרענעץ זיך אָפּ אָדער איך פאַראורטייל די האַנדלונג פון מיינע מיטבאַשולדיקטע. איך דערקלער מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אַז נישט איך, נישט מיין פּאַרטיי האָבן אַ שייכות צו די דאָזיקע געשעענישן, אַז איך האָב נישט גערופן צו קיין באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אין דער זעלבער צייט דערקלער איך מיין גרעסטע אַכטונג און ליבע צו די דאָזיקע העלדישע מיטבאַשולדיקטע. דער דאָזיקער אָנפאַל אויפן פּאָליציי=פּאָסטן איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן פּאָליצייאישן טעראָר, אַן אויסדרוק פון איידעלן ווילן צו באַפרייען פון פּאָליצייאישע הענט אַ געפּייניקטע פרוי. מענטשן, וועלכע ריזיקירן אַזוי מיט זייער לעבן, זענען נישט קיין פאַרברעכער, ווי דער פּראָקוראָר וויל. ניין, זיי זענען העלדן און קעמפער, און אַלס אַזעלכע וועלן זיי באַטראַכטן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פּויערים פון גאַנץ פּוילן. דער הער פּראָקוראָר האָט זיך באַמיט צו שילדערן אַ גרויל=בילד, ווי די פּויערים האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט דער פּאָליציי. ער האָט אָבער פאַרגעסן צו שילדערן דעם אמתן גרויל פון די טאָגטעגלעכע גוואַלטטאַטן איבער די אַרבעטנדיקע. ער האָט פאַרגעסן איבערצוגעבן וועגן די צענדליקער דערשאָסענע און הונדערטער פאַרוווּנדעטע. איך דערקלער מיין פולשטענדיקע סאָלידאַריטעט מיט דער העלדישער האַנדלונג פון די מיטבאַשולדיקטע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט ווי געהעריק אָפּשאַצן די לעצטע געשעענישן און באַמיען זיך אויף ווייטער

אָנצופֿירן מיטן מאַסן=קאַמף פֿון די פּויערים און אַרבעטער אין היגן קרייז, אויפֿהייבן אים אויף אַ העכערן פּאָליטישן ניוואָ. ווען דער פּראָקוראָר וויל דורך טויטאורטיילן פֿאַרמיידן מאַסן=קאַמפֿן, מוז איך דאָ דערקלערן, אַז די דאָזיקע מיטלען וועלן נישט העלפֿן. מיט טויט=שטראָף און תּליות דערשטיקט מען נישט קיין רעוואָלוציאָנערע מאַסן=באַוועגונג.

דער פּאָרזיצער רייסט איר שאַרף איבער:

— איר האָט באַקומען אייער לעצט וואָרט נישט אויף צו האַלטן אַ קאָמוניסטישע רעדע.

— הער פּאָרזיצער, איך ענטפֿער בלויז דעם הער פּראָקוראָר. האָט ער דאָך געהאַלטן אַ פּאָליטישע באַשולדיקונגס=רעדע, דערלויבט מיר אָפּצוענטפֿערן. דער הער פּראָקוראָר האָט גערעדט וועגן ראַטנפֿאַרבאַנד, געשילדערט אַ בילד פֿון גרויל און שרעק. יעדער באַוווּסטזיניקער מענטש ווייסט, אַז דאָס איז נישט אמת, אַז די ידיעות פֿון פּראָקוראָר זענען גענומען פֿון דער גאַסן=פּרעסע. אין ראַטנפֿאַרבאַנד הערשט נישט קיין הונגער. איך וואָלט געראָטן דעם הער פּראָקוראָר צו ווענדן זיין בליק נישט אַזוי ווייט איבער דער גרענעץ. זאָל ער זיך אומקוקן אַ ביסל נענטער. אָט דאָ, אין מערב=ווייסרוסלאַנד, וווּ עס הערשט הונגער, וווּ פּויערים עסן גראָז, וווּ ס'בושעווען עפּידעמיעס, וווּ עס מערן זיך זעלבסטמאָרדפֿאַלן און שטערבלעכקייט, נויט און פֿאַרצווייפֿלונג אין די שטעט און דערפֿער.

דער פּראָקוראָר, אַן אויפֿגערעגטער, פּרוּווט איבעררייסן אירע רייד.

זי קוקט אים אָן מיט אירע גליענדיקע אויגן און ווי ציילנדיק יעדעס וואָרט דערקלערט זי:

— איך בין געווען אין דאָרף און מיט מיינע אויגן געזען, ווי די פּאָליציי איזדיעקעוועט זיך איבער דער באַפֿעלקערונג, ווי די שטייער=עקזעקוטאָרן שינדן די הויט פֿון פּויער. איז אַ וווּנדער, אַז די פּויערים קאָנען מער נישט אויסהאַלטן?! די געשיכטע חזרט זיך איבער, די געשיכטע פֿון קלאַסן=קאַמף! איך פֿאַרשפּאָר צו ברענגען באַווייזן. זיי זענען באַוווּסט דעם הער פּראָקוראָר און דעם געריכט.

אויפֿן פּראָקוראָרס פּנים באַווייזט זיך אַ גרימאַסע פֿון איראָניע און צאָרן. אַן אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט ווענדט זיך שטיל צו זיין פּוילישן קאָלעגע:

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז זי פֿאַרטיידיקט זיך נישט, אַז זי באַשולדיקט גאָר.

דער פּאָרזיצער מאַכט ווידער אירען אַ שאַרפֿע באַמערקונג, דראָט מיט צונעמען ביי איר דאָס וואָרט.

— איך ענדיק שוין, הער פּאָרזיצער. דער פּראָקוראָר פֿאָדערט פֿאַר מיר טויט=שטראָף. איך אָנערקען זיך נישט פֿאַר שולדיק אין דעם, וואָס דער פּראָקוראָר וואַרפֿט מיר פֿאָר. מיך שרעקט נישט דאָס בורזשואַזע געריכט. מיך וואָלט

געשראָקן, ווען איך וואָלט געדאַרפט זיך שטעלן פאַר אַ פראָלעטאַריש געריכט. פאַר אַ פראָלעטאַריש געריכט וואָלט איך געשטאַנען, ווען איך וואָלט גערופן פריצייטיק צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, ווען איך וואָלט געפילט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון די פויערים. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די געשעענישן ליגט אויף דער פאָליציי, אויפן רעגירונגס־אַפאַראַט, זיי וועט משפטן דאָס געריכט פון אַרבעטנדיקן פאָלק!

לאַנג האָט זיך געצויגן די באַראַטונג פון געריכט. די אַרעסטירטע, צונויפגעפרעסט אין ענגן פאָליצייאישן וואַכטע־צימער, האָבן זיך אומרואיק אַלע מינוט אומגעקוקט אויף דער טיר. אירע האָט זיך באַמיט זיי צו באַרואיקן. איר רעדע האָט זיי צוגעגעבן מוט. זיי האָבן מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט איר האַנט. אייניקע האָבן באַדויערט זייער שוואַכקייט בעת דער אויספאָרשונג.

אירע איז מיד געווען. דאָס רעדן האָט זי געקאָסט אַ געוואַלדיקע אָנשטרענגונג. זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די געשעענישן פון די לעצטע טעג. וואָס פאַר אַן אורטייל וועט דאָס געריכט אַרויסטראָגן? זי האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אויף די געזיכטער פון די איבעריקע באַשולדיקטע, אייגקריצנדיק אויף אייביק אין זכרון דעם אויסדרוק פון מענטשן, וועלכע עס דערוואַרט אַ טויט־אורטייל. פאַרשיידן האָבן זיי רעאַגירט. אייניקע זענען געשטאַנען אָנגעשפאַרט אין דער וואַנט, זיי האָבן געקוקט פאַר זיך שטאַר, מיט פאַרגליווערטע פנימער, מיט גאָרנישט זעענדיקע אויגן. עס האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך פאַרשלאָסן, טראָגן אין זיך אַ שוידערלעכן, נאָר פאַר זיי באַווסטן סוד — דעם סוד פון וואַרטן אויפן טויט. אַנדערע האָבן נערוועז גערעדט, באַמיענדיק זיך צו פאַרטרייבן דעם געדאַנק פון טויט. זיי האָבן גערעדט הויך, זשעסטיקולירנדיק אומגעוויינלעך מיט די הענט. זיי האָבן גערעדט פון זייטיקע זאַכן. אירע האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע מענטשן באַמיען זיך צו פאַרטרייבן פון זיך דעם שאָטן פון טויט. ס'איז גלייכער אַזוי. זי האָט זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן דעם געשפרעך.

— נישט אמת, חברטע, מע וועט מיך נישט פאַרמשפטן צום טויט? קעגן מיר זענען נישט פאַראַן קיין באַווייזן, — האָט זיך איין באַשולדיקטער געווענדט צו איר.

אירע האָט אים באַרואיקט. זי האָפט, אַז מע וועט אים נישט פאַרמשפטן. זי האָט זיך געוווּנדערט, ווי רואיק דער זעלבער פויער איז געווען, ווען דער פראָקוראָר, דערמאָנענדיק זיין נאָמען, האָט געפאָדערט פאַר אים טויט־שטראָף.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָבן זיך באַוויזן אייניקע אַדוואָקאַטן. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אויפלעבונג צווישן די באַשולדיקטע, וועלכע האָבן זיי גלייך אַרומגערינגלט. ניין, זיי זענען זיכער, אַז קיינער וועט נישט פאַרמשפט

ווערן צום טויט. דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ צו גרויסן אָפּקלאַנג אין גאַנצן לאַנד, ווי אויך אין אויסלאַנד. אייגער אַן עלטערער אָנגעזעענער אַדוואָקאַט האָט געמאַכט אירען אַ קאָמפּלימענט:

— לויט מיין מיינונג, האָט איר געהאַלטן די בעסטע פאַרטיידיקונגס־רעדע.

שפּעט ביינאַכט האָט מען די באַשולדיקטע צוריק אַריינגעפירט אין געריכטס־זאַל. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט אַדוואָקאַטן, געריכטס־באַאַמטע, קאָנרעספּאָנדענטן. דאָ איז אויך געווען אַ סך פּאָליציי. עס האָט זיך באַוויזן דאָס געריכט. די באַשולדיקטע האָבן אויסגעהערט דעם אורטייל שטייענדיק. דער פּאָרזיצער האָט אים געלייענט פייערלעך און ערנסט.

די שולד פון דער באַשולדיקטער... אין רופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד איז גישט דערוויזן געוואָרן. איר ענין ווערט אויסגעטיילט פון שטאַנד־געריכט און ווערט איבערגעגעבן צו אַ געוויינלעכן געריכט, ווו זי וועט געמשפּט ווערן פאַר אָנגעהעריקייט צו דער קאָמפּאַרטיי. די באַשולדיקונג קעגן די אַנדערע באַשולדיקטע אין אָנטיילנעמען אין אַ באַוואָפנטן איבערפאַל אויף אַ פּאָליציי־פּאָסטן און דערהרגענען עטלעכע פּאָליציאַנטן, אונטערציגדן דאָס פּאָליציי־הויז און פאַרברענען אַ פרוי און אייניקע פּאָליציי־באַאַמטע איז יאָ דערוויזן געוואָרן. דאָס געריכט נעמט אין אַכט אייניקע מילדערנדיקע אומשטענדן און פאַרמשפּט דריי פויערים, וועמענס אָנטייל עס איז געווען באַזונדערס אַקטיוו, צו לעבנסלענגלעכע שווערע תפיסה. (דער זאַל אָטעמט לייכטער אָפּ, דער שאָטן פון טויט איז פאַרשווונדן). זעקס — צו פופצן יאָר שווערע תפיסה, פיר — צו צען יאָר... אַכט יאָר... דריי יאָר...

קיין איין באַשולדיקטער איז נישט באַפרייט.

דער זאַל הערט אוים מיט שטילשווייגן דעם אורטייל. נישט טויט־שטראָף, אָבער לעבנסלענגלעכע תפיסה. שווערע לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע.

די פּאָליציי שטופּט שנעל אַרויס די פאַרמשפּטע פון געריכט־זאַל.

עטלעכע חדשים שפּעטער איז אירע געשטאַנען פאַר אַ געוויינלעכן קרייז־געריכט. זי איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר שווערע תפיסה.

דימיטרי

נאָך דעם, ווי סעמיאָן מיט אירע זענען אַרעסטירט געוואָרן, איז אויף דער זיצונג פון די פאַרבליבענע מיטגלידער פון קרייז־קאָמיטעט געוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר דימיטרי. די מאַסן־אַרעסטן האָבן ווידער שטאַרק אָפּגעשוואַכט די פּאַרטיי־אָנפירונג אין קרייז. מיט פיל ערטער איז איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג.

אין דאָרף איז געוואַקסן דער הונגער. אויך די שטאָט האָט אָנגעהויבן שטאַרקער פילן דעם יקרות און די נויט. אַרבעטלאָזע האָבן עטלעכע מאָל דעמאָנסטרירט פאַרן מאַגיסטראַט, געפאָדערט שטיצע. די פּאָליציי האָט זיי ברוטאַל צעטריבן. דאָס לאַנד איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מורא, פאַרביטערניש און אומזיכערקייט. פּאָליציאַנטן זענען געגאַנגען איבער די גאַסן מיטן געווער אין די הענט, גרייט יעדע מינוט צו שיסן. זייערע אויגן האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט.

אין די דערפער זענען אָפט אונטערצונדן געוואָרן די הייזער פון שפּיאָנען, עס זענען אָפטער דערמאָרדעט געוואָרן געהיים־אַגענטן. אין דאָרף ל. איז געשען אַ פאַל, אין אַ זונטיק, נאָכן גאָטעס־דינסט, ווען די פּויערים האָבן פאַרלאָזן די קירך, אַז ס'איז צו אַ באַוווסטן פּוילישן שפּיאָן צוגעגאַנגען אַ יונגער פּויער, אויסגעשאָסן און אַוועקגעלייגט אים אַ טויטן אויפן אָרט. דער שיסער האָט רואיק אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און נישט אַנטלאָפן. קיינער האָט אים נישט אַרויסגעגעבן. ער איז ווייטער פאַרבליבן אין דאָרף. די פּאָליציי איז געווען הילפלאָז קעגן דעם מאַסן־אויפברויז, כאָטש זי האָט אָנגענומען דראַקאָנישע מיטלען, כאָטש זי האָט געדראָט מיט קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פּויערים.

סוף זומער האָט די מאַכט אָנגעהויבן טרייבן די פּויערים אויף די וועגן צו בויען נייע סטראַטעגישע שאָסייען. די קאָמפּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף נישט צו גיין אויף שאָסיי־אַרבעט, ווייל די וועגן ווערן געבויט מיטן ציל צוצוגרייטן אַ מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד. די פּויערים האָבן באָיקאָטירט און, נישט

געקוקט אויפֿן טעראַר פֿון דער מאַכט, נישט נעגאַנגען צו דער אַרבעט. עס האָבן זיך געמערט פֿאַלן פֿון שעדיקעריי אויף די שאָסייען.

די מאַכט האָט זיך געאײַלט, זי האָט געוואָלט פֿאַרענדיקן די שאָסיי־אַרבעט פֿאַרן אָנקומען פֿון ווינטער. האָט זי אַרויסגעשיקט גרופּעס אַרבעטלאָזע פֿון שטאָט. פּויערים האָבן באַגעגנט די אַרבעטלאָזע, פֿאַרשטעלט זיי דעם וועג, נישט געלאָזט ווײַטער גיין. אַ יונגער פּויער — סעראַפֿים — האָט זיך אַרויסגערוקט פֿאָרויס:

— חברים, צי זײַט איר קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד?

— ניין, — האָבן עטלעכע צענדליק אַרבעטלאָזע געענטפֿערט.

— צי ווייסט איר, אַז די פּוילישע מאַכט בויט שאָסייען, כּדי צוצוגרייטן אַ מלחמה קעגן די סאָוויעטן?

אַ פֿאַרלעגנהייט האָט געהערשט צווישן די אַרבעטלאָזע.

— דער דאָזיקער שאָסיי איז אונדז נישט נייטיק. ער ווערט געבויט צוליב מלחמה־צילן. מיר באָיקאָטירן און אַרבעטן נישט. צי וועט איר, שטאָטישע אַרבעטער, זײַן שטרייקברעכער?

די אַרבעטלאָזע האָבן זיך צו דער אַרבעט נישט געשטעלט. אין אָוונט איז פֿאָרגעקומען אין דאָרף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַרבעטלאָזע און פּויערים. עס האָט גערעדט אַ דאָרפֿישער קאָמוניסט וועגן דער סאָלידאַריטעט פֿון די אַרבעטער און פּויערים. עס האָט אים אָפּגעענטפֿערט אַן עלטערער אַרבעטלאָזער.

— חברים פּויערים, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיק קול, — איר האָט אונדז הײַנט פֿאַרשעמט, און מיט רעכט. מיר האָבן הײַנט באַקומען פֿון אײַך אַ גוטע לעקציע. איר האָט אונדז הײַנט באַוויזן אַ בײַשפּיל, וויאַזוי צו האַנדלען. איך, אַן אומפּאַרטייאישער, בין פֿולשטענדיק מסכּים מיטן רעדנער. נאָר אין אייניקייט איז אונדזער כּוח.

די דאָזיקע געשעענישן האָבן אַרויסגערופֿן גרויס אויפֿרודערונג צווישן די אַרבעטער. זיי זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין די פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן. דימיטרי האָט אָנגעשריבן אַן אויפֿרוף אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי, אין וועלכן ער האָט אונטערגעשטראָכן די באַדײַטונג פֿון דער קאַמפּס־פֿאַרברידערונג, דערמאָנט די אַרבעטער וועגן דער ראָל פֿון די פּויערים אין דער ערשטמאַיקער דעמאָנסטראַציע, דערמאָנט די שטיצע, וואָס די פּויערים האָבן געגעבן די שטרייקנדיקע הוטע־אַרבעטער. די אַרבעטער דאַרפֿן זיך שטעלן אין די ערשטע רייען פֿון קאַמף אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דימיטרי איז כּמעט נישט געווען אין שטאָט. ער און איוואַן האָבן די גאַנצע צײַט געשפּרייזט איבער די דערפֿער, אָרגאַניזירט, פֿאַרשטאַרקט די אָרגאַניזאַציעס, צוגעגרייט זיי צום קאַמף אינעם פֿאָרשטייענדיקן קאַלטן, הונגעריקן ווינטער. דימיטרי האָט צוריק אויפֿגעשטעלט דעם שטאָטישן קאָמיטעט.

אין שטאָט זענען פאָרגעקומען אייניקע קלענערע שטרייקן פון די שניידער- און סטאָליער-אַרבעטער. ווי נאָר די שטרייקן זענען אויסגעבראָכן, איז פּלוצלינג אַרעסטירט געוואָרן מאַטוויי און נאָך צוויי מיטגלידער פון שטאָטישן קאָמיטעט. דימיטרי, ווי פריער סעמיאָן, האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו טרעפן ווער איז דער פּראָוואָקאַטאָר. נאָכדעם ווי סעמיאָן מיט אירען זענען אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער אָנגענומען אַלע פאָרזיכטס-מיטלען, געביטן אַלע אַדרעסן און פּאַראָלן, פּאַנאַנדערגעלאָזט די אַלטע טעכניק, באַשטימט אַ נייע. איוואַן האָט שווער, אָבער עקשנותדיק געטראַכט, געזוכט דעם פּראָוואָקאַטאָר.

יאַנינאַ

ווען יאַנינאַ איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך געפונען אין אַ ליכטיקן ווייסן זאַל. פון ביידע זייטן פון איר בעט זענען געשטאַנען עטלעכע ווייסע בעטן אונטער טונקעלע קאָלדרעס זענען געלעגן אויסגעצויגן פרויען. די שכנטע פון לינקס האָט שווער געקרעכצט.

זי האָט זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט. אין קאָפּ האָט שטאַרק גערוישט. זי האָט געפילט אַ שוואַכקייט אין איר גאַנצן קערפּער. די פיס זענען געווען קאַלט, זי האָט זיי אינגאַנצן נישט געשפּירט. די ברוסט שטאַרק געדריקט, ווי עמעצער וואָלט אויף איר אַרויפגעלייגט אַ שווערע מאַסע. זי האָט ברייט געעפנט די אויגן. ווו געפינט זי זיך? פאַרוואָס איז זי נישט אין דער היים? וואָס איז מיט איר געשען? ווו איז וולאַדעק?

אַ קראַנקן־שוועסטער האָט צוגעלייגט אייז צו איר צעהיצטן קאָפּ. זי האָט אָנגעכאַפּט די שוועסטער ביי דער האַנט.

— ווו געפין איך זיך? ווער האָט מיך אַהער געבראַכט?

— באַרואיקט אייך, איר זייט אין שפּיטאָל.

זי האָט זיך דערמאָנט און אויפגעשוידערט. עס האָט ווידער אויפגעלעבט די שרעק. ס'האָט זי פאַרפאָלגט קאָוואַלסקיס מערדעריש געזיכט, זיין רעוואָלווער. זי האָט זיך אָנגעהויבן אומרואיק דרייען, געפּרוווט אויפשטיין. די קראַנקן־שוועסטער האָט גערופן הילף. צוויי סאַניטאַרינס האָבן זי פעסט צוגעהאַלטן. ס'איז געקומען צו לויפן דער דאָקטער. ער האָט מורא געהאַט, אַז די קראַנקע זאָל נישט אראָפּרייסן דעם באַנדאַזש, עס זאָל זיך נישט באַקומען קיין בלוט־שטורץ.

יאַנינאַ האָט זיך געריסן פון זייערע הענט. לאָזט מיך, — האָט זי זיך געבעטן, — איר זעט דען נישט, נעמט אים אַראָפּ.

עס האָט זיך איר געדוכט, אַז אַ גרויסער רויטער שפּין, מיט פייערדיקע אויגן, קריכט אויף איר. אָט האָט ער זיך איינגעביסן מיט זיין רויטן שנוקל אין איר

ברוסט! אַט זויגט ער איר בלוט. זי האָט געוואָלט אַראָפּרייסן דעם באַנדאַזש פון זיך.

— וואָלאַדעק, — האָט זי געשריען אין היץ, — נעם אַראָפּ דעם שפּין, ער נאָגט אויס מיין גאַנץ בלוט. זי האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. עטלעכע טעג האָבן די דאָקטוירים זיך געשראָקן פאַר איר לעבן. זי האָט כסדר געדערט פון היץ, גערופן וואָלאַדעקן, זיך געריסן פון בעט. די שוועסטער זענען מיד געוואָרן פון דער ראַנגלעניש מיט איר.

דער יונגער דאָקטער האָט געקוקט מיט מיטלייד אויף דער קראַנקער, נישט אַוועקגעגאַנגען פון איר בעט. אָפטמאָל איז ער געקומען צו גיין ביינאַכט, אָפּגעזעסן לעבן איר גאַנצע שעהן.

אויפן זעקסטן טאָג האָט אָנגעהויבן פאַלן די היץ. יאַנינאַ איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך. דער יונגער דאָקטער האָט געשייגט.

— איך קאָן אייך גראַטולירן. מיר האָבן מורא געהאַט פאַר אייך. מיר האָבן אייך אַרויסגעריסן פון טויט.

זי האָט שוואַך געשמייכלט מיט אירע פולע בלאַסע ליפּן. די אויגן אירע זענען פאַרבליבן קאַלט און טרוקן, געטראָגן אין זיך עפּעס אַ סוד. זיי האָבן געקוקט ווייט און פרעמד.

יאַנינאַ איז געלעגן רואיק, מער נישט באַאומרואיקט די קראַנקן־שוועסטערס, נישט געענטפערט אויף די צענדליקער פראַגן פון די אַרומיקע קראַנקע. זי האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך. מע האָט איר איבערגעגעבן, אַז וואָלאַדעק איז אַרעסטירט. זי האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין, וואָס ס'איז מיט איר פאַרגעקומען.

פאַרוואָס האָט קאָוואַלסקי געשאָסן צו איר? וואָס האָט זי אזוינס געטאָן? פאַרוואָס האָט מען געשאָסן אין המון? די מענטשן זענען דאָך געשטאַנען רואיק, געפרייט זיך, געווען באַגייסטערט, וואָס האָבן זיי געטאָן שלעכטס? קיינער פון זיי האָט נישט דערוואַרט דעם טויט, נישט געריכט זיך. ווער איז שולדיק אין דער דאָזיקער בלוט־באָד?

זי האָט ווידער דערהערט דעם אימהדיקן געשריי פון המון, די קלאַפּעריי פון האַסטיקע טריט, זי האָט ווידער געזען פאַר זיך די לויפנדיקע מענטשן מיט די איינגעבויגענע פּלייצעס, די מוראדיקע שרעק אין זייערע אויגן. די דאָזיקע שרעק האָט זי אָנגעפילט אינגאַנצן. זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון איר.

וואָלאַדעק איז אַרעסטירט געוואָרן ביים טויער פון שפּיטאָל. דאָס האָט איר איבערגעגעבן דער יונגער דאָקטער. ער האָט דאָס דערציילט מיט מיטגעפיל צו וואָלאַדעקן. ער האָט עס איר איבערגעגעבן, ווי וואָלאַדעק האָט זיך געריסן צו איר. זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי עס זעט אויס אַ תפיסה אינעווייניק. עס

מוז זיין שרעקלעך. ווי פילט ער זיך דאָרט? ביי זיי אין הויז איז פוסט און וואַ־דעקן. וואָס פאַר א זין האָט עס צוריק צו גיין אהיים, צו וואָס?

זי האָט זיך דערמאָנט אין זייער קריגערייַ, ווי גאָריש זי איז דעמאָלט געווען. קאָוואַלסקי, דער חזירים־קצב, ווי פרעך ער האָט עס געקוקט אויף איר אין קלויס־טער. עס האָט זי דעמאָלט אַרומגענומען אַ שווידער.

קאָוואַלסקי האָט געשאָסן אויף אומבאַוואָפנטע מענטשן. פאַרוואָס? ביידע זענען זיי געשטאַנען אין קלויסטער, ביידע האָבן זיי געבעטן צו גאָט. דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. זי, און אַ מערדער, אַן אויסוואורף. און דער גלח? צי איז ער בעסער? וולאַדעק איז געגעבט געווען, ווען ער האָט איר דערמאָנט די געשיכטע מיט זאַשקען. איצט פאַרשטייט זי אַ סך זאַכן, וועלכע זי האָט פריער נישט באַ־מערקט.

...וולאַדעק איז אין תּפיסה. ער האָט קיינעם נישט דערהרגעט. ער האָט קיינעם נישט געשעדיקט. די גאַנצע שטאָט ווייסט, ווי קאָוואַלסקי האָט שיכורערהייט פאַר־גוואַלדיקט מאַגדען, זיין דינסט. מע האָט אים דערפאַר גאָרנישט נישט געטאָן. ער איז אָנגעזען, ער איז דער פירער פון די סטשעלצעס. צי דאַרף עס אַזוי זיין?

די מוטער איז צו איר געקומען מיט אַ באַזוך, געבראַכט די הענט. באַוויזנט איר איינציקע טאָכטער, געשאָלטן דעם מערדער. יאַנינאַ האָט געקוקט מיט מיט־לייד אויף דעם צערונצלטן פּנים פון איר מאַמען, באַרואיקט זי, זיך נאָכגעפרעגט אויף וולאַדעקן. די מאַמע האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ער איז אַרעסטירט.

— וואָס האָבן זיי צו אים? — האָט זי געפרעגט ביי דער טאָכטער, — אַזאַ גוטער און האַרציקער. פאַרוואָס פייניקט מען אים?

מוטער און טאָכטער האָבן ביידע זיך געפרעגט די זעלבע פראַגע און נישט באַקומען קיין ענטפער.

אומבאַקאַנטע האָבן איר געשיקט פּרוכטן, שאָקאָלאַד, עסנוואַרג. זי האָט זיך געוווּנדערט, ווער קאָן דאָס זיין? די קראַנקן־שוועסטער האָט געהיימניספול געשמייכלט.

— מסתמא אייערע גוטע פריינד. עסט און פאַרבעסערט אייער געזונט. איר האָט אַ סך בלוט פאַרלוירן. אייער פּנים איז צו בלאַס.

יאַנינען האָט נישט געאַרט די בלאַסקייט פון איר געזיכט, איר האָט געעק־בערט דער געדאַנק: ווער זענען עס די גוטע פריינד, וואָס שיקן איר אַזעלכע גוטע זאַכן און ווייזן זיך נישט.

דער דאָקטער, צו וועמען זי האָט זיך געווענדעט, האָט איר געזאָגט דעם אמת.

— דאָס מוזן זיין די חברים פון אייער מאַן. ביי זיי העלפט מען איינער דעם אַנדערן.

זי האָט מער נישט געפרעגט. זי האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף די געבראַכטע זאַכן. „וואַדעקס חברים“, — האָט זי געטראַכט מיט צאַרטקייט וועגן אים.

אויף דער זעקסטער וואָך האָט זי זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. זי איז נאָך געווען זייער שוואַך. די דאָקטוירים האָבן זי נאָך נישט געוואָלט אויסשרייבן. זי האָט זיך געבעטן ביי זיי. דער יונגער דאָקטער האָט פאַרשטאַנען.

— איר ווילט זען אייער מאַן? — האָט ער זי שטיל געפרעגט.

— יאָ! — האָט זי שטיל געענטפערט.

ער האָט געדריקט איר האַנט.

— גיט אים איבער מיין האַרציקן גרוס.

זי איז געווען געריהרט פון זיין גוטסקייט און חברישקייט.

— איך וועל אים איבערגעבן, אַז עס געפינען זיך נאָך מענטשן, וועמען מע קאָן גלייבן און געטרויען.

ער האָט זיך פאַרוויטלט.

— געדענקט, אַז צו יעדער צייט בין איך גרייט אייך צו העלפן מיט וואָס איך קאָן.

ער האָט זי אָפּגעפירט ביז צו איר וווינונג.

צומאָרגנס איז ער געקומען צו איר. פאַרן אַוועקגיין האָט ער אַרויסגענומען 50 זלאָטעס און איבערגעגעבן איר.

זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און דאָס געלט נישט געוואָלט נעמען.

— איך באַליידיק אייך נישט, — האָט ער געטענהט, — דאָס איז נישט מיין געלט. מע האָט מיר געהייסן אייך איבערגעבן די דאָזיקע סומע. ביז איר וועט נישט ווערן איינגאַנצן געזונט, וועט איר יעדע צוויי וואָכן באַקומען 50 זלאָטעס.

— ווער האָט אייך געהייסן איבערגעבן מיר דאָס געלט?

— די חברים פון אייער מאַן.

זי האָט אים שטיל אָנגעקוקט אייניקע סעקונדן.

— איר זייט אויך אַ...

ער האָט געשמייכלט:

— איך בין נאָר אַ סימפּאַטיקער, און העלף מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע פאַמיליעס. כאָטש מיט עפּעס בייהילפיק זיין. — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט.

זי האָט זיך געפּרוווט אָפּזאָגן פונעם געלט. זי האָט נישט קיין רעכט. ער האָט אָבער געפאָדערט, אַז זי זאָל אָננעמען די הילף. איר אָפּזאָג וועט באַליידיקן די חברים, וועט ווי טאָן איר מאַן. זי האָט מסכים געווען.

* * *

וואָלאָדקע האָט זעקס וואָכן צייט כמעט נישט געוווסט, וואָס איז מיט יאַנינען. אין די ערשטע צוויי וואָכן, ווי גאָר ער איז צו זיך געקומען פון די קלעפּ, איז ער אַרומגעגאַנגען אין דער תּפיסה־קאַמער ווי אַ צעדולטער. צי לעבט זי? מיט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט די אָפּעראַציע? ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן. ער איז אויסגעדאַרט געוואָרן. זיין געזיכט איז געל געוואָרן, און די אויגן זענען איינגעפאַלן. די חברים האָבן זיך באַמיט אים צו באַרואיקן. זיי האָבן אָבער נישט געוווסט מיט וואָס. ער האָט געשפּאַנט איבער דער קאַמער ווי אַ לונאַטיקער, נישט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים.

שפּעטער האָט ער באַגעגנט אויפן שפּאַציר פיליפּן. ער האָט זיך דערפרייט. פיליפּ האָט אים איבערגעגעבן, אַז יאַנינאַ לעבט, עס דראָט איר מער נישט קיין געפאַר. זי וועט געזונט ווערן. וואָלאָדקע האָט היים געדריקט פיליפּס האַנט. ער האָט אויפגעלעבט, געוואָרן אַקטיוו. זיינע אויגן האָבן צוריק אויפגעלויכטן. די חברים פון זיין קאַמער האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַר אים.

ווען מען האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ זעונג מיט איר, האָט ער אויפגעציטערט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון קאַמער, געשפּרונגען איבער די טרעפּ. דורך די טאָפּלטע קראַטן האָט ער דערזען אַ בלייכע, אַן אויסגעדאַרטע פרוי מיט טונקעלע רייפן אונטער די אויגן. „יאַנינאַ!“ — האָט ער מיט פרייד הויך אויסגעשריען. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים.

זי איז צוגעפאַלן צו די קראַטן. וואָלאָדקע איז געווען נישט ראַזירט, דאָס געזיכט געל און שטאַרק פאַרלעטערט, דאָס תּפיסה־העמד צעריסן ביים האַלדז און אָפּן. זיינע אויגן האָבן געברענט מיט אַן אומגעזונט פייער. זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

— וואָלאָדקע, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דיר?

ער האָט געקוקט אויף איר און פאַרשולדיקט געשמייכלט.

— ס'איז מיר גאָרנישט, טייערע, איך פיל זיך זייער גוט. איך בין גאָר נישט אָפּגעראַזירט. ווי פילסטו זיך? פון וואָס לעבסטו? — זי האָט דערפילט זיין שרעק.

— זיי רואיק, מיר פעלט גאָרנישט.

— איך האָב דאָך דיר כמעט נישט איבערגעלאָזט קיין געלט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דו האָסט פאַרגעסן, אַז דו האָסט פרייגד.

ער האָט פאַרשטאַנען. שנעל זענען פאַרביי די צען מינוט. יאַנינאַ האָט מיט פאַרצווייפלונג נאָכגעקוקט וואָלאָדקען. דורך דער אָפענער טיר האָט זי געזען, ווי ער איז פאַרשוווּנדן אינעם האַלב־פינצטערן קאָרידאָר. זי האָט געוואַרט און געציילט מיט אומגעדולד די פערצן טעג, ווען זי וועט זיך ווידער קאָנען זען מיט אים.

אַ טויט דעם פּראָוואָקאַטאָר!

אין דער דעפּענסיווע און דערנאָך אין דער תּפיסה האָט סעמיאָנען געפּייניקט איין געדאַנק — וויאַזוי גיט מען וואָס שנעלער צו וויסן דער אָרגאַניזאַציע, אַז סעריאָזשע איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, ראַטעווען די פּאַרטיי פון פרישע קרבנות.

עטלעכע וואָכן האָט מען אים געהאַלטן איזאָלירט אין אַ באַזונדערער קאַמער. דאָרט איז פאַר אים אוממעגלעך געווען זיך צו פאַרבינדן מיט די אַנדערע אַרעסטירטע חברים. נאָכן צווייטן פאַרהער ביים אויספאָרשונגס-ריכטער האָט מען אים איבערגעפירט אין אַן אַלגעמיינער קאַמער צוזאַמען מיט אַנדערע חברים. ער איז געווויר געוואָרן וועגן שטאַנד-געריכט איבער אירען, וועגן דער טויט-געפאַר, וואָס זי האָט אויסגעמיטן. עס האָט אים באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. דאָס איז סעריאָזשעס אַרבעט. וואָס שנעלער באַפרייען די אָרגאַניזאַציע פון דעם דאָזיקן אויסוואָרף. נאָר וויאַזוי גיט מען צו וויסן?

ער האָט אויסגעפונען, אַז די לעצטע אַרעסטן האָבן איבערגעריסן די פאַרבינדונג צווישן דער תּפיסה און דער פריי. גלייך נאָך אים איז אַרעסטירט געוואָרן דער סעקרעטאַר פון „מאָפּר“ און ס'איז פאַרשאָטן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט דער תּפיסה. אָנטרויען זיך צופעליקע געלעגנהייטן האָט ער מורא געהאַט.

אויפן תּפיסה-שפּאַציר האָט ער זיך באַגעגנט מיט מיכאלן. פון געשפּרעך מיט אים איז פאַר אים שוין געווען מער ווי זיכער, אַז סעריאָזשע איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. פיליפּ האָט אים איבערגעגעבן, אַז אין דער דעפּענסיווע האָט מען אים געפרעגט וועגן נאַטאַשען. פיליפּ האָט זיך געוווּנדערט, פונוואַנען ווייס די דעפּענסיווע איר נאָמען, ווען ערשט אויף דער זיצונג פון קרייז-קאָמיטעט האָבן די קאָמיטעט-מיטגלידער אַליין דאָס ערשטע מאָל געהערט איר נאָמען.

דורך אַ קרימינעלן אַרעסטאַנט האָט ער באַקומען אַ בריוול פון אירען. דאָס דאָזיקע קורצע בריוול איז געלייענט געוואָרן פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. זי האָט באַשריבן דעם פּראָצעס, איר האַלטונג. דער בריוו איז געווען אַ מונטערער, פול מיט האָפענונג: זי האָט איראָניזירט איבער איר פאַרשטייענדיקן „געוויינלעכן“

געריכט. אין א שטיפערישן טאָן האָט זי אים געפרעגט, צי נאָך דעם, ווי זי וועט אין 15 יאָר אַרום אַרויסגיין פון דער תפיסה, אַן אַלטע און אַ גרויע, וועט ער נאָך אַלץ וועלן „ארבעטן מיט איר צוזאמען". ער האָט פארשטאַנען דעם מיין פון אירע ווערטער. ס'איז אים ווארעם געוואָרן פון געדאַנק, אז אירע האָט פארשטאַנען זייגע געפילן. זי האָט אויך דערמאָנט וועגן פּראָוואָקאַציע. זי האָט פּאָרגעלייגט צו וואָ־רענען די אָרגאניזאציע.

אומגעריכט איז אונטערגעקומען א געלעגנהייט. אַדאַנק די באַמיונגען פון דער פאמיליע איז וולאדעק באפרייט געוואָרן ביזן פּראָצעס אויף קויציע. סעמיאָן האָט וולאדעקן איבערגעגעבן גענוי אלע באווייזן קעגן סעריאָזשען. וולאדעק האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט. זיין געזיכט איז געוועז שטרענג און הארט, די דינגע ליפּן פעסט צונויפגעקוועטשט. ער האָט חבריש געדריקט סעמיאָנס האַנט, זיך צעקושט מיט אים. סעמיאָן קאָן זיין רואיק. זיין אויפטראָג וועט אויסגעפירט ווערן.

נאָך דער ערשטער פרייד פון טרעפן זיך אויף דער פריי האָט וולאדעק צאַרט אַוועקגעזעצט יאנינען צו זיך אויף די קני און שטום זי אָנגעקוקט. זי האָט מיטביידע הענט ארומגענומען זיין קאָפּ, צוגעטוליעט זיך צו אים.

— יאנינא, דו האָסט זיך געענדערט.

זי האָט געשמייכלט.

— איך האָב פאר דער דאָזיקער צייט א סך איבערגעטראכט.

— דו וועסט זיך איצט מער נישט בייזערן, אויב איך וועל אמאָל קומען שפּעט אהיים?

זי האָט זיך נאָך פעסטער צוגעטוליעט צו אים.

— איך וועל זיין אומרואיק. אָבער מע דארף זיך צוגעווינען...

ער האָט אריבערגעפירט דעם געשפרעך אויף אַן אַנדער טעמע.

וולאדעק האָט נישט געטראָפן דימיטרין. אין ראיאָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פון די פויערים. זיי האָבן זיך אין די נעכט פארזאמלט גרופּנווייז און געהאקט די פריצישע וועלדער. יעדן טאָג זענען פּאָרגעקומען צוזאַ־מענשטויסן צווישן די פויערים מיט די וואלד־וועכטער. דימיטרי איז ארויסגעפאָרן אין ראיאָן.

וולאדעק האָט אויפגעזוכט איוואנען. ער האָט אים איבערגעגעבן, וואָס ער האָט געהערט פון סעמיאָנען. איוואן האָט די גאנצע צייט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון אָרט.

— איך בין געווען זיכער דערין.

ער האָט איבערגעגעבן וולאדעקן וועגן זיין באַגעגעניש מיט סעריאָזשען אין קלויסטער.

אַ לאַנגע צייט האָבן ביידע געשוויגן.

מע דאַרף וואַרטן אויף דימיטריןִ, — האָט וולאַדעק זיך אָפּגערופן.

— צו וואָס, — האָט איוואַן אָפּגעענטפערט. — צו וואָס אַרייַנציִען אין דעם דאָזיקן ענין דימיטרין. מע מוז אים איצט היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַליין דאַרפן מיר אַנטשיידן...

וולאַדעק האָט פעסט געדריקט איוואַנס האַנט. ער האָט פאַרשטאַנען און שטיל מסכים געווען.

* * *

ס'איז געווען אַ קאַלטער, פינצטערער אָקטאָבער־אָוונט. דאָס קליינע וועלדל הינטער דער שטאָט איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטער פינצטערניש. די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער האָבן געשאָרכט אונטער די פיס. איוואַן און וולאַדעק האָבן אומגעדולדיק שפּאַצירט. זיי האָבן געוואַרט. זיי האָבן צווישן זיך נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט, צוגעהערט זיך אומרואיק צום מינדסטן גערויש.

זיי האָבן געשיקט גרישקען פון דער יוגנט נאָך סעריאָזשען, גערופן אים אויף אַן עקסטרע וויכטיקער זיצונג. צי וועט ער קומען? ס'האָבן זיך דערהערט טריט און גרישקעס יונגע שטים:

— אָט דאָ, חבר סעריאָזשע, שוין נישט וויִיט.

סעריאָזשע איז געווען אומצופרידן:

— נישט געפונען קיין אַנדער אָרט אויף אַ טרעפונג, ווי אין וואַלד. אַזאַ קעלט. איוואַן האָט אים באַרואיקט.

— מיר האָבן באַקומען אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ידיעות, וואָס מוזן תיכף באַטראַכט ווערן. מיר האָבן נישט געקאָנט באַקומען קיין דירה. ס'וועט נישט דויערן לאַנג.

אַלע פיר האָבן זיך געלאָזט צום נאָענטן טייכל און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרויסן אָפּגעהאַקטן בוים.

איוואַן האָט געעפנט די זיצונג.

— אויף דער טאָג־אָרדענונג שטייט איין פראַגע: וועגן די לעצטע אַרעסטן און וועגן פּראָוואָקאַציע אין דער פּאַרטיי.

סעריאָזשע האָט זיך אינסטינקטיוו אונטערגעהויבן פון אָרט.

— וואָס איז עס פאַר אַ זיצונג? אין וועמענס נאָמען? דאָס זענען עס די וויכטיקע ידיעות?

וולאַדעק האָט אים צוריק אַוועקגעזעצט.

— וואָס הייסט אין וועמענס נאָמען? מ י ר האַלטן די פראַגע פאַר זייער וויכטיק. מיר מ ו ז ן אויסגעפינען, ווער עס איז דער פּראָוואָקאַטאָר.

— וואָס עפּעס פּלוצעם אַזוי איילִיק?

סעריאָזשע האָט זיך באַמיט צו רעדן געלאַסן, נישט ארויסצווייזן זיין שרעק. וולאַדעק האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף סעריאָזשעס אַקסל.

— די חברים אין תפיסה האָבן מיך באַפולמעכטיקט אויפצוקלערן דעם דאָזיקן ענין וואָס שנעלער. די פּאַרטיי קאָן נישט וואַרטן. יעדער טאָג ברענגט פרישע קרבנות.

— איך טראַכט אויך די גאַנצע צייט וועגן דעם, — האָט סעריאָזשע כלומרשט אַ פאַרזאָרגטער אָפּגעענטפערט, — נאָר איך קאָן בשום אופן נישט דערגיין ווער. איך האָב אַ חשד אויף אייניקע, געגנוי ווער, ווייס איך אָבער נישט.

— און איך האָב אַ חשד נאָר אויף איינעם. מיר דוכט, אַז איך האָב נישט קיין טעות, — איוואַנס שטים איז געוואָרן דראָענדיק.

— אויף וועמען?!

אייניקע סעקונדן האָט געהערשט אַ שווער שווייגן. יעדער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פונעם צווייטנס האַרץ.

— אויף דיר! — האָט וולאַדעק קורץ אָפּגעענטפערט.

— ווי וואַגסטו?! — סעריאָזשע איז אויפגעשפּרונגען, נאָר וולאַדעקס האַנט האָט אים פעסט צוגעשמידט צום אָרט. — ווי וואַגסטו מיך צו באַליידיקן! מיך, אַ מיטגליד פון קרייז־קאָמיטעט! ווער זייט איר? דאָס איז אַ געמיינהייט! איך וועל זיך ווענדן צום צענטראַל־קאָמיטעט!

סעריאָזשע האָט פּלוצים גענומען רעדן הייזעריק, אָפּגעהאַקט, ווי עס וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם.

— נישטאָ וואָס צו היצן זיך! — האָט אים איוואַן קאַלט איבערגעשלאָגן, — פאַרטיידיק זיך, אויב דו קאָנסט. מיר האָבן זיך באַשטימט אַלט געריכט איבער אַן אויסוואורף, אַ פּראָוואָקאַטאָר. ווער מיר זענען, פרעגסטו? פּאַרטיי־חברים. ווער האָט אונדז געגעבן רעכט? — די צענדליקער אַרעסטירטע חברים — דיינע קרבנות. מיר האַלטן, אַז דאָס איז גענוג. מיר האָבן באַוויזן, אַז דו ביסט אַ פּראָוואָקאַטאָר. דו האָסט דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן זיך און אָפּשלאָגן אונדזערע באַווייזן.

סעריאָזשע האָט זיך איינגעקאָרטשעט. קיין פּראָטעסטן וועלן נישט העלפן. איצט פאַרשטייט ער. זיי האָבן אים אומישנע פאַרנאַרט אין וועלדל, ווייט פון ישוב. געווינען צייט, פּרובירן זיך ארויסדרייען, נישט פאַרלירן די קאַלטבלוטיקייט. ער האָט זיך פאַרטיידיקט, פּרובירט אָפּלייקענען. וולאַדעקס באַווייזן האָבן אָבער געשלאָגן אָן רחמנות. ס'איז אים וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן. ער האָט זיך געפילט

ווי א פאַרפאַלגטע חיה. ניין, האָט ער געטראַכט פאַרצווייפלט, זיי זענען אָן רחמנות. פון זיי איז נישט צו דערוואַרטן קיין מיטגעפיל. שרייען, מאַכן א געוואַלד!

וולאַדעק האָט ווי געלייענט זייגע געדאַנקען. ער האָט אָנגעשטעלט אויף אים דעם קאַלטן בראַונינג.

— אויב דו וועסט געבן איין געשריי, דערשיס איך דיך ווי א הונט.

סעריאָזשע האָט נישט אויסגעהאַלטן. ווען וולאַדעק האָט פאַרענדיקט דער־ציילן, וואָס סעמיאָן האָט אים געזאָגט, האָט ער זיך איינגעבראָכן און איז געפאַלן אויף די קני.

— זייט מוחל, חברים!... ס'איז אמת... כ'האָב געדינט... יאָ, געדינט דער פאָליציי... איך בין אן אויסוואורף... נאָר איך בין נישט שולדיק. הערט מיך אויס...

— ווי לאַנג ביסטו א פּראָוואָקאַטאָר?

— 5 יאָר.

— די גאַנצע צייט, וואָס דו ביסט אין דער פּאַרטיי?

— יאָ!

גרישע האָט זיך א ריס געטאָן, געוואָלט זיך וואַרפן אויף אים. איוואַן האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— רואיק, גרישע! נישט היצן זיך.

— איך וועל אַלץ דערציילן! — האָט ער זיך געבעטן. — לאָזט מיך אויס־רעדן.

זיי האָבן אים געלאָזן.

— ביז מיט 5 יאָר צוריק האָב איך זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום פּאָליטיק, געווען אן אָנגעשטעלטער אין א ווייסרוסישן קאָאָפּעראַטיוו. מיין שוואָגער האָט מיך אריינגעצויגן אין זיינע פינצטערע געשעפטן. ער האָט געהאַט א פאַבריק פון פאַלשע זילבער־זלאָטעס. איך פלעג דאָס פאַלשע געלט אויסטוישן אויף די מערק, ביז מיר זענען אריינגעפאַלן. מען האָט ארעסטירט. מיט מיר האָט זיך פאַר־אינטערעסירט די דעפענסיווע. מען האָט מיר פאָרגעלייגט צו ווערן א שפּיצעל. איך האָב אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן. דער שעף פון דער דעפענסיווע האָט מיר אַלץ אויפגעקלערט. אָדער איך וועל האָבן א פּראָצעס און וועל באַקומען פינף יאָר שווערע תפיסה פאַר מאַכן פאַלש געלט, אָדער איך וועל גלייך ארויסגע־לאָזן אויף דער פריי, דער פּראָצעס קעגן מיר ווערט בטל און איך וועל נאָך באַקו־מען געצאָלט פון דער פּאָליציי. איך בין איינגעגאַנגען דערויף. זיי האָבן מיר גע־הייסן זוכן א קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי און אריינטרעטן אין איר. דאָס איז מיר לייכט אָנגעקומען. זיי האָבן מיך געהאַט אין דער האַנט. איך האָב מורא געהאַט פאַר דער טורמע.

— פאר דער גאנצער צייט פון דיין פארברעכערישער ארבעט, — האָט אים וולאדעק איבערגעריסן, — האָסטו נישט געהאט קיין געוויסנביסן, פארעטער! איבערגעגעבן חברים, וואָס גלייבן דיר, האָבן צו דיר צוטרוי?

סעריאָזשע האָט געזוכט א רעטונג פאר זיך.

— נישט איין מאָל האָב איך זיך מיטן געדאנק געפייניקט, — האָט ער שנעל צוגעגעבן, — נאָר די דעפענסיווע האָט מיר געדראָט, אז זי אליין וועט ארויסגעבן, אז איך בין א פראָוואָקאַטאָר, און די קאָמוניסטן וועלן מיך דערמאָרדן.

— זאָג, ווער נאָך איז א פראָוואָקאַטאָר? — האָט וואלדעק געפאָדערט.

סעריאָזשע האָט אָנגערופן עטלעכע נעמען, צווישן זיי אויך וולאדימירן. ער האָט זיך געוואָלט אויסקויפן, האָט ער זיי אויך איבערגעגעבן ווען סעמיאָנס חשד אויף וולאדימירן.

עטלעכע מינוט זענען אלע געבליבן זיצן שטיל. וולאדעק האָט פּאַרזיכטיק ווידער ארויסגענומען דעם רעוואָלווער.

איצטאָן האָט איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן.

— דער ענין איז קלאָר. וואָס פאר א שטראָף לייגט איר פאָר? פאר פאראט און פראָוואָקאַציע, פארן ארעסט פון צענדליקער חברים, פאר די פייניקונגען פון אירען, נאַטאַשען און סעמיאָנען?

— טויט! — איז גרישע אויפגעשפרונגען.

— טויט! — האָט וולאדעק שטיל צוגעגעבן.

— פאַרניכטן די שלאַנג! — איז איצטאָן מסכים געווען.

ווידער האָט עטלעכע מינוט געהערשט א שרעקלעך שטילשווייגן.

גיין, ס'קאָן נישט זיין! — האָט סעריאָזשע אין חיהשער שרעק געטראכט. טויט! זיי וועלן נישט וואָגן! זיי וועלן מורא האָבן!... זיי ווילן אים נאָר אָפּשרעקן!... ער וועט אנטלויפן פון דאנען... ער וועט זיך ווענדן צו דער דעפענסיווע, אז זי זאָל אים אריבערפירן אויף א צווייט אָרט... ער וועט זיך נאָך אָפּרעכענען מיט די דאָזיקע דריי... ער וועט זיי ווייזן, ווער ער איז!... זיי האָבן אים פארמשפּט צום טויט! זיי וועלן נישט וואָגן אים שלעכטס צו טאָן! אָט הייבט ער זיך אויף און אנטלויפט פון זיי... מאָרגן וועט ער שוין זיין ווייט פון דאנען...

דאָס האָט אים די שטילקייט אזוי בארואיקט. דאָס האָט זי אים איינגעגעבן די פאלשע האָפענונג.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. וולאדעקס האנט איז מער נישט געלעגן אויף זיין אקסל.

ער האָט זיך געלאָזט גיין. א שווערער קלאַפּ האָט אים אומגעוואָרפן. ער איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

זיי האָבן אים אוועקגעשלעפּט צום טייכל, אַריינגעלייגט אין זיינע קעשענעס שווערע שטיינער און אַריינגעוואָרפן דעם טויטן קערפּער אין טייך. א הילכיקער וואַסער־פּליעסק האָט זיך דערהערט און דערנאָך איז ווידער אַלץ שטום און טויב געוואָרן.

דער וואַלד איז געלעגן איינגעהילט אין דער געדיכטער פינצטערניש פון דער האַרבסטיקער נאַכט.

ערב שטורעם

דער צוג האָט זיך געשלענגלט צווישן שניי=ווייסע פעלדער. פויערישע כאטעס האָבן ארויסגעסטארטשעט פון טיפן שניי. טיילמאָל איז דער צוג אויף לאנג איינגעשלונגען געוואָרן דורכן וואלד. די פענצטער זענען געווען אינגאנצן פארפרוירן. די פאסאזשירן האָבן זיך געטוליעט אין זייערע ווינטער=מאנטלען. זיי זענען געווען מיד פו דער רייזע, פונעם לאנגזאמען שלעפן זיך פון צוג.

דימיטרי איז געזעסן ביים פענצטער. ער האָט געבלאָזן מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע געזונטע לונגען אויף דער שויב, געמאכט אינעם אייז א קליין „אייגל". באלד איז אים נמאס געוואָרן דאָס ארויסקוקן דורכן פענצטער. ער האָט זיך טיף איינגעגורעט אין זיין לייכטן מאנטל, איינגעקאָרטשעט זיך. אין וואגאָן איז געווען שטיל. דימיטרי האָט געטראכט וועגן דער פאָרשטייענדיקער באגעגעניש אין צענטער. מע האָט אים ארויסגערופן אָפּגעבן א באריכט וועגן דער טעטיקייט פון קרייז=קאָמיטעט פאר די לעצטע פינף חדשים. מיט וועמען וועט ער זיך טרעפן? וויאזוי וועט מען אים אויפנעמען? ער האָט זיך באמיט צוריק אויפשטעלן אין זכרון די געשעענישן פאר די לעצטע עטלעכע חדשים.

ס'איז געווען א שווערע צייט פאר דער פארטיי=אָרגאניזאציע און אויך פאר אים פערזענלעך. נאָך די גרויסע ארעסטן איז א געוויסע צייט געווען אן אָפּשוואכונג אין דער ארבעט. דער בעסטער אקטיוו איז ארעסטירט געוואָרן. אייניקע זענען געווען שטארק אָנגעשראָקן. ס'האָט זיך זיי כסדר געדוכט, אז מע גייט זיי נאָך. פראָוואָקאַציע, אומזיכערקייט האָבן געמאַכט נערוועז. מיט פיל ערטער איז איבערגעריסן געוואָרן די פארבינדונג. דימיטרי האָט צונויפגעזאמלט די פארבליבענע אַקטיוויסטן. אין אָנהייב זענען זיי געווען צו ציילן אויף די פינגער: איוואן, גרישקע, שטיין, קאָלענדאַ, האַנקע, פעטרוס, זיגא און נאָך אייניקע. מיט זיי האָט ער זיך גענומען צו דער ארבעט, אויפשטעלן קודם=כל די שטאָטישע אָרגאַניזאַציע, די פאַבריק=קעמערלעך, ווײלן א נייעם שטאָט=קאָמיטעט, פארבינדן זיך צוריק מיט די ראיאָנען, איינשטעלן פרישע קאָנטאַקטן, פארבינדונגען.

ס'איז געווען אַ גרויסע און שווערע אַרבעט. טיילמאָל, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז שוין ווידער אין אָרדענונג, איז ווידער געקומען אַן אומגעריכטער אַרעסט. דימיטרי און די איבעריקע חברים האָבן געדאַרפט אָנשטרענגען זייער גאַנצע ענערגיע און ווילן, כּדי זיך דורכצושלאָגן דורך די דאָזיקע שטערונגען, באַקעמפן דעם פּעסימיזם, די איבערגעשראָקנקייט ביי אייניקע חברים. ער דערמאָנט זיך אין דער קליינער טאָשקען פון דער טעכניק. פון אַ רייזע איבערן קרייז איז זי צוריקגעקומען אַ צעטומלטע, אַן איבערגעשראָקענע, מיט טיפע קנייטשן אויף איר קלאָרן יונגן שטערן און פינצטערע רייפן אונטער די אויגן. זי האָט אים דערציילט וועגן מאַסן־אַרעסטן.

— חבר דימיטרי, — האָט זי געזאָגט, — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך גיי אייגע אַליין אין אַ געדיכטן וואַלד. אַרום קראַכן און פאַלן ביימער. יעדע מינוט קאָן אַן אומגעפאַלענער בוים זיך אַרויפוואַלגערן אויף מיר און אַ סוף.

ער האָט זי דעמאָלט גוט אויסגעמוסרט פאַר דער דאָזיקער געפערלעכער שטימונג. יאָ, טאָשקע, אַן אָפּגעזונדערטע, אין אַ זייט פון מאַסן־קאַמף, שטענדיק אַליין אויף איר געפערלעכער אַרבעט, איז לייכט אַרונטערגעפאַלן אונטער די דאָזיקע שטימונגען. ער האָט אָבער געזען, אַז זי איז נישט די איינציקע.

אָבער די שטימונג ביי די אַרבעטער, ביי די פּויערים האָט זיך נישט געענדערט. זי איז געווען אַ מונטערע, אַ קעמפערישע. ס'איז שנעל אויסגעוואַקסן אַ פרישער אַקטיוו, אַ דרייסטער, פול מיט לוסט און דורשט צו אַרבעט. דאָס, וואָס די פּראָוואָקאַטאָרן סעריאָזשע, וולאַדימיר און אַנדערע, קלענערע פאַרשיטערס זענען דעמאַסקירט און אַראָפּגעראַמט געוואָרן פון וועג, האָט אָפּגעפרישט די לופט, צוגעגעבן פרישן מוט. איצט האָט די אָרגאַניזאַציע אַ פרישן, געזונטן אַרבעטער־ און פּויערים־אַקטיוו. טייל זענען נאָך זייער רוי, אָבער זיי וואַקסן.

ער קאָן איצט מיט זיכערקייט מעלדן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַז די אָרגאַניזאַציע איז אויפגעשטעלט, אַז כ'איז איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט אַלע ראַיאָנען, אַז ס'זענען צוגעקומען נייע קעמערלעך. דער ווינטער איז נישט אַדורך אומזיסט. ס'גייט אַ גרויסע צוגרייטונגס־אַרבעט. געווען עטלעכע קליינע שטרייקן, דער קאַמף קעגן די שטייערן דויערט.

פויל האָט זיך געשלעפּט דער צוג, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער קליינער סטאַציע. נייע פּאַסאַזשירן, מיט אַ געדיכטער פאַרע פון מויל, האָבן פון דרויסן געבראַכט מיט זיך דעם פראָסט, שטיקלעך אייז אויף די ברעמען, בערד און וואָנצעס. דער וואַגאָן איז אַלץ פולער געוואָרן. דימיטרי האָט זיך נענטער צוגערוקט צום שכן, זיך עטוואָס אָנגעוואַרעמט. נאָך מיטאָג האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אין שטאָט.

די באַגעגעניש האָט אים דערפֿרייט. ער האָט זיך געטראָפֿן מיט אַן אַלטן חבר, צו וועמען ער האָט געפֿילט גרויס אַכטונג. ער האָט זיך נישט געדאַרפֿט פֿאָרשטעלן. דער חבר פֿון צענטער האָט זייער גוט געקענט דימיטרין. דימיטרי האָט אַמאָל געהאַט אַ סך געלערנט פֿון אים. ער האָט אים געהאָלפֿן שטעלן די ערשטע טריט אין דער באַוועגונג.

דער חבר פֿון צענטער האָט אים אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט, אויסגעפֿרעגט, אַ סך נייעס דערציילט. יעדע פֿראַגע האָט אים געצוווּנגען זיך פֿאַרטראַכטן, איבערקלערן, דערזען אָפּטמאָל דאָס, וואָס ער האָט אין זיין טאָגטעגלעכער פּראַקטיק נישט באַמערקט, נישט צוגעגעבן קיין באַדייטונג. דימיטרי האָט זיך געפֿילט אָפּגעפֿרישט. ער האָט זיך צוגעהערט צו די אָנווייזונגען און דערקלערונגען, צו דער קריטיק פֿון איינצלנע פֿעלערן אין זיין אַרבעט.

ער האָט זיך געטראָפֿן מיט איייניקע אַנדערע חברים. אַלע האָבן אים אויפֿגענומען מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, געלויבט זיין אַרבעט, צוגעגעבן אים מוט. צוזאַמען מיט אים זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דירעקטיוון פֿאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט פֿונעם קרייז. מע האָט אים אינפֿאָרמירט וועגן דער לאַגע אין אַנדערע קרייזן, וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד, וועגן די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, וואָס די פּאַרטיי שטעלט פֿאַר זיך אינעם איצטיקן מאָמענט.

דימיטרי האָט געזען פֿאַר זיך אַ גרויס בילד פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז. ס'זענען פֿאַר אים נאָך קלאָרער געוואָרן די אויפֿגאַבן אין זיין קרייז, זיינע אייגענע אויפֿגאַבן: העלפֿן דערציִען אַ נייעם אַקטיוו, אַריינציִען נייע, פֿרישע כוחות, שלאָגן זיך פֿאַר יעדער דעראָבערטער פּאָזיציע, נישט אָפּטרעטן.

אין זיין לעצטן געשפּרעך, נאָך דעם, ווי עס זענען שוין געלעזט געוואָרן אַלע פּאַרטיי־ענינים, האָט דער חבר פֿון צענטער פֿאַרפֿירט אַ געשפּרעך וועגן דימיטרים פּערזענלעכן לעבן. דימיטרי האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיך. ער האָט אויך דאָסמאָל געפּרווט אָפּענטפֿערן קורץ און אָפּגעהאַקט. נאָר די שמייכלענדיקע, קלוגע גרויע אויגן פֿונעם עלטערן חבר האָבן געקוקט מיט וואַרעמקייט, מיט ליבשאַפֿט. דימיטרי האָט געעפֿנט פֿאַר אים דאָס האַרץ, דערציילט פּרטים פֿון זיין קינדהייט, יוגנט, פֿון זיין אַרבעט אין דער פּאַרטיי. ער האָט פֿאַר אים געשילדערט זיינע איבערלעבונגען פֿאַר די לעצטע חדשים. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז געפֿאָרן מיט אַ ביסל מורא פֿאַר דעם אויפֿנעם אין צענטער. דאָס ערשטע מאָל פֿירט ער אָן מיט אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע. די פֿאָדערונגען זענען זייער גרויסע. צי איז ער דערצו דערוואַקסן? האָט ער אַמאָל נישט געמאַכט קיין שווערע פֿעלערן?

דער חבר פֿון צענטער האָט לאַנג געשוויגן. נאָכדעם האָט ער אים איבערגעגעבן אייניקע עפּיזאָדן פֿונעם לעבן פֿון אַנדערע חברים, דערציילט, ווי זיי זענען אַריינגעוואַקסן אין דער פּאַרטיי, פֿאַרהאַרטעוועט זיך, וועלכע שוועריקייטן זיי

זענען בײַגעקומען. דימיטרי איז אים געווען דאַנקבאַר דערפֿאַר. די ביישפּילן וועגן אַנדערע זענען געווען דער בעסטער ענטפֿער פֿאַר אים אַליין.

ביים געזעגענען זיך האָט דער חבר פֿון צענטער אים פֿעסט געדריקט די האַנט, צעקושט זיך מיט אים.

— קוקנדיק אויף, דימיטרי, ווערט פֿרײַלעך אויפֿן האַרצן. איך געדענק, ווי דו האָסט זיך געלערנט שטעלן די ערשטע טריט אין דער פּאַרטיי. מיט דער הילף פֿון דער פּאַרטיי און מיט דײַן אייגענער עקשנות ביסטו אויסגעוואַקסן און רײַף געוואָרן. איצט ביסטו אַ וויכטיקער טוער. מיר געטרויען דיר אַזאַ גרויסע אָרגאַ־ניזאַציע. דערצי און באַווע אוים פֿרישע מענטשן, קאַדרען, וועלכע זאָלן פֿעיק זײַן, ווען ס'וועט זײַן נייטיק, איבערנעמען דײַן אַרבעט.

...דימיטרי האָט נאָך געהאַט אַ סך צײַט ביזן אָפּגיין פֿון זײַן צוג. האָט ער זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן, געקוקט אויף די פֿאַרבײַגייענדיקע, אויף די הײַזער. ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די תּפֿיסה. אין דער דאָזיקער תּפֿיסה זיצן סעמיאָן, אירע און נאַטאַשע, אַ סך חברים, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט צוזאַמען.

ער האָט געקוקט אויף די תּפֿיסה־פֿענצטער מיט די בלעכענע זעק. הינטער וועלכן פֿענצטער געפֿינט זיך נאַטאַשע? שוין אַ קנאַפּ יאָר זי נישט געזען, אַפֿילו קיין „זײַ געזונט" נישט געזאָגט. אַלץ איז דעמלט געווען אַזוי פּלוצים, אומגעריכט. ער האָט איר געהאַט אַ סך צו זאָגן. צי טראַכט זי וועגן אים? זיכער. ער ווייסט דאָס. נישט איינמאָל אין אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט טראַכט ער וועגן איר און פֿילט, אַז עפּעס נישט דערזאָגטס שוועבט נאָך ביז הײַנט צווישן זיי.

ער האָט זיך שנעל געלאָזט גיין אויף זײַן קאָנספּיראַטיווער דירה. ער האָט געשריבן צו נאַטאַשען אַ בריוו און געבעטן די חברים, אַז זיי זאָלן אים איבערשיקן אין דער תּפֿיסה.

„ליבע נאַטאַשע, — האָט ער געשריבן, נישט לאַנג צוריק האָב איך געזען מאַרוסיען און סעראַפֿימען. דײַן אַרבעט אין ראַיאָן איז נישט געווען קיין אומ־זיסטע. ס'זענען אויסגעוואַקסן פֿרישע כּוחות, וועלכע דו האָסט געהאָלפֿן שטעלן זיך אויף די פֿיס. דער ראַיאָן איז ווייטער דער ערשטער אין קרייז. ס'זענען צו־געקומען עטלעכע צענדליק נײַע חברים. דײַן באַטראַק־קעמערל האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און שפּילט איצט אַן אָנגעזעענע ראָל אינעם אַלגעמיינעם פּאַרטיי־לעבן. די חברים געדענקען דיך און דערמאָנען דיך אָפֿט. די באַטראַקעס האָבן גענומען שעפּטום איבער דיר, שיקן דיר פֿעקלעך אין תּפֿיסה. מאַרוסיע איז געוואָרן אַן אַקטיווע טוערין. זי באַטראַכט זיך אַלס דײַנע אַ טאָכטער.

די אַרבעט איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. מיר באַדויערן אַלע זייער שטאַרק, וואָס דו, סעמיאָן, אירע און די אַנדערע חברים זענען נישט מיט אונדז. איר זײַט אונדז שטאַרק נייטיק. ווי וואָלט איר זיך געפֿרייט, זעענדיק די פֿרישע כּוחות,

וועלכע זענען פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט צוגעקומען! ס'גייען אָן כסדרדיקע שלאַכטן צווישן אונדז און פאַשיזם. מיר גרייטן זיך צו די קומענדיקע אַנטשיידנדיקע קאַמפן. מיר האָפן, אַז ביי דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט וועט איר זיין מיט אונדז צוזאַמען.

נאַטאַשע! איך גלייב, אַז ווען ס'וועט שלאָגן די גרויסע שעה פון אונדזער אָקטאָבער, וועסטו זיך געפינען מיט מיר אין איין ריי. אויב ס'וועט נישט מעגלעך זיין פריער, וועלן מיר זיך דעמלט טרעפן, כדי ווייטער שוין גיין אינאיינעם.

גיב איבער אין תפיסה, אַז מיר זענען מיט אייך.

דיין דימיטרי

U. J. P. O. LIBRARY,
MONTREAL

אינהאַלט:

	זייט
אין דאָרף	5
אַנדריי און דימיטרי	11
נאַכט־רעוויזיעס און אַרעסטן	17
אירא און סעמיאָן	23
דער קוריער	36
וואָלאָדקע און יאַנינאַ	42
די מאַסעווקע	49
גאַטאַשע	53
וולאַדימיר	58
ערשטער מאַי	66
נאָכן ערשטן מאַי	84
פאַרעטער	90
גערמאַסים	96
די נקמה איבער נאַדקען	102
דער שטרייק אין דער הוטע	106
דער קאַמף קעגן שטייערן	114
דער אַרעסט פון סעמיאָנען און אירען	118
דער אָנפאַל אויפן פאָליציי־פאָסטן	125
דער שטאַנד־געריכט	131
דימיטרי	144
יאַנינאַ	147
אַ טויט דעם פּראָוואָקאַטאָר	152
ערב שטורעם	159